STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05873

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

No ~~125-B~~ 376-כ

סאסקאטון
ברענטש 252

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

X

ווילנע — 1928

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# בּיאַנקע

און אַנדערע דערציילונגען

ווילנע — 1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Opatoszu. — „B i a n k e“.

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| ביאַנקע | 7 |
| זאָשע | 12 |
| אומרו | 17 |
| אַ ציגאַנקע | 23 |
| רחל | 29 |
| אסתּרל | 35 |
| גערטרוד | 42 |
| אין אַ לבנה־נאַכט | 48 |
| אַ הענדל | 53 |
| אַ שפּיל | 59 |
| ביבער־כאַפּערס | 65 |
| אַ שטורם | 71 |
| קאָמעדיאַנטן | 77 |
| קוילנגרעבער | 83 |
| פּראַצע | 92 |
| אַ טאָכטער | 97 |
| אַזש פון קענטאָקי | 102 |
| ס'רעדל דרייט זיך | 108 |
| שמחהס לעבן | 114 |
| דער ביזנעסמאַן | 119 |
| אין שטאָט | 125 |
| אַ תּכלית | 130 |
| יחוס | 136 |

זייט


טויזנט דאָלאַר . . . . . . . . . . . . . . . . . 141
הינטער די קוליסן . . . . . . . . . . . . . . . 147
אין אַ יידיש הויז . . . . . . . . . . . . . . . 152
די־ראָסי . . . . . . . . . . . . . . . . . 157
ברידער . . . . . . . . . . . . . . . . . 163
מלכּהלע . . . . . . . . . . . . . . . . . 168
נאָכן זומער . . . . . . . . . . . . . . . . 173
אָפּגעגעבאַרט זיך . . . . . . . . . . . . . . 179
שכנטעס . . . . . . . . . . . . . . . . . 185
אין שטרייק . . . . . . . . . . . . . . . . 190
שטרייקער . . . . . . . . . . . . . . . . . 196
אַ בריליאַנט . . . . . . . . . . . . . . . . 202
אַ האַנט . . . . . . . . . . . . . . . . . 208
אין אַ קאַלטער נאַכט . . . . . . . . . . . . . 214
אַ טעות . . . . . . . . . . . . . . . . . 220
אין אַ קעלער־שטוב . . . . . . . . . . . . . 225
אַ „לענדלער" . . . . . . . . . . . . . . . . 231
די משפּחה זאַקהיים . . . . . . . . . . . . . 237
פּרענסיס . . . . . . . . . . . . . . . . . 243
אַליין . . . . . . . . . . . . . . . . . . 249

# בּיאַנקע

בּיאַנקע איז געווען איינע אַליין.

זייט זי האָט דערפילט אין זיך נאָך אַ לעבן, איז די מורא מיט די אָוונטן שאַרפער געוואָרן. אַ מידע פוילקייט איז בּיאַנקען באַפאַלן. זי האָט אויסגעמיטן מענטשן, געוואָלט בּלייבּן מיט זיך און זיך געשראָקן פאַר דער קלענסטער שטילקייט.

גאַנצע צוויי וואָכן האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אייגענער פרייד, כּמעט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, געלעגן אויף דער זון מיט אָנגעקוואָלענע גלידער, זיך געחידושט, וואָס דער מאַן לאָזט קיין וואָרט נישט פאַלן, ווי ס׳נפשל, וואָס גליטשט זיך, אַזאַ ליכטיקס, אין איר, וואָלט מיט אים קיין שייכות נישט געהאַט.

און ווען זי האָט עס אים פאַרטרויט, זיך באַגעגנט מיט זיינע גרויסע, עטוואָס איבּערגעשראָקענע, אויגן, ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין עפּעס, האָט זי זיך פון פאַרדרוס צעוויינט. און צעוויינט האָט זי זיך דווקא איצט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אמתע נאָענטקייט צו אַ מאַן קומט נישט מיטן איבּערגעבּן זיך, נאָר מיטן פאַרשווענגערן.

די נאַכט האָט אָנגעהויבּן צוצופאַלן, זיך געפּאַקט דורך די קליינע פענצטערלעך פון דער באָנגעלאָ, זיך צעלייגט איבּער די ווענט, צוגעזעצט אַ קאָפּ צום רעגנמאַנטל, וואָס איז געהאָנגען בּאַ דער טיר, ווי אַ הרוג.

בּיאַנקע האָט געוואַרט אויפן מאַן, וואָס האָט געדאַרפט יעדע רגע אָנקומען. נאָכן אָוונט-בּרויט איז ער אַוועק אין דער פערד-אַקאַדעמיע, וואו ער איז געווען אַ רייט-לערער, געזאָלט אָפּפירן עטלעכע מיידלעך אין קעמפּ-דאַטשעס.

ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין. בּיאַנקע האָט אַרומגענומען מיט די קליינע הענט דעם בּויך, פאַרמאַכט די אויגן און זיך געטרייסלט פון

שרעק. זי האָט געגלייבט, אַז מיט דער נאַכט ווערט יעדער מלבוש, יעדעס שטיק מעבל באַלעבט, טיילט זיך אָפּ פון זיין פּלאַץ. עס איז גענוג אויף אַ רגע אַן עפן צו טון די אויגן און דערזעען ווי דער הרוג וויגט זיך באַ דער טיר.

ביאַנקע האָט זיך אַ שטעל געטון, געוואָלט אַריין אין דער וואַנט. אירע ווייכע, העלע אויגן, די האָר, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינצטער, האָבן זי אָפּגעטיילט, נישט געלאָזט ווערן איינס מיטן חושך.

פאַראַיאָרן וואָלט דער מאַן זי נישט איבערגעלאָזט אַליין אין באַנגעלאָ. היי-יאָר קען זי אים נישט איינהאַלטן אין הויז.

הינטערוועגלעך האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעליידיקט, דורכגעלאָזט בייזע געדאַנקען. זי האָט זיי געטריבן פון זיך, נישט געקענט זיך אָפּיאָגן און זיך אַריינגעוואָרפן אין די קליידער אין בעט אַריין. די קאָלדרע האָט זי אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ און דאָס מיידל ביאַנקע האָט זיך געקריגט מיט ביאַנקען דער מוטער.

— וואָס דאַרף ער דיך מיט אַ בויך, ווען אין קעמפּ זענען פאַראַן אַזוי פיל יינגע מיידלעך? איך וואָלט אים אָפּגעטון, נישט אויסגעטראָגן פאַר אים קיין קינד! אַז דו קענסט אים היינט נישט איינהאַלטן אין שטוב, וואָס וועט זיין, ווען ס'פּיצעלע וועט זיך צעשרייען? ווען ס'הויז וועט שמעקן מיט ווינדעלעך? איך וואָלט אַזאַ ווייבערניק אָנגעלערנט! אַז דו ביסט אַ נאַריש מיידל, גלייבסט אים, אַז אַזוי שפּעט לערנט ער עמעצן רייטן?

ביאַנקע האָט מער נישט געקענט אויסהערן, אַ פאַרוויינטע האָט זי זיך אַ ריס געטון פון בעט. געטענהט — ס'איז נישט אמת, ס'איז נישט אמת — ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר עמעצן. זי האָט עפּעס געזוכט אין דער פינצטער, נישט געקענט געפינען און איז אַרויס פון דער באַנגעלאָ.

זי האָט זיך געלאָזט צום קעמפּ, נישט געפילט, ווי דאָס נאַסע גראָז ווייקט אירע ליי"נטענע שיך. נישט געזען ווי אַ שטיקל לבנה פּלאָנטערט זיך צווישן אָנגעוואָרפענע שמאַטעס.

די רייט-אַקאַדעמיע אין געווען פאַרמאַכט. ביל, אַן איבערגעוואַקסענער יונג, וואָס איז אַרומגעגאַנגען באַ די פערד, איז געזעסן באַם טויער אויף אַ שטיין. די שיין פון אַ נאַפט-לאַמטערן איז געפאַלן אויף אים, איבערגעטראָגן זיין קאָפּ, אַ פאַרגרעסערטן, אויפן ווייס-געפאַרבטן טויער.

ער האָט געקוקט אויף ביאַנקען מיט הונגעריקע אויגן, פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט אַלץ און וואוילעריש געוויזן אויף די לייוונטענע ביידלעך.

— מאָריס איז געגאַנגען אָפּפירן אַ ליידי!

— שוין לאַנג?

— שוין איבער אַ שעה, — האָט דער פערד-יונג זיך אַ שטעל געטון, אַז עס איז געוואָרן אומהיימלעך פון זיין שוואַרצער גרייס — אויב איר ווילט, מאַדאַם, וועל איך אייך צופירן?

— אַ דאַנק, — האָט ביאַנקע זיך אַ דריי געטון אויף צוריק, נישט געוואָלט ווייזן דעם פערד-יונג, אַז זי זוכט דעם מאַן.

— דעם יונגס פייפן האָט זי אינגאַנצן צעטומלט, געווען זיכער, אַז דאָס לאַכט ער פון איר. זי האָט אַ ביג געטון דעם קאָפּ, געוואָלט זעען, צי דער יונג שטייט נאָך. זי האָט אויפגעציטערט און אַ כאַפּ געטון די האַנט צום פּנים. דער פערד-יונג איז געווען זיכער, אַז ביאַנקע רופט אים, און ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו איר מיט זייער ברייטע שפּריין:

— אָט בין איך, מעדעם!

ביאַנקע האָט אָנגעשטעלט די רעכטע האַנט, געווען גרייט צו פאַר-טיידיקן און, אַ צעפלאַמטע, אַן איבערגעשראָקענע, זיך צעשריגן:

— קיינער האָט דיך נישט גערופן, און כ'בעט דיך, דו זאָלסט מיר נישט נאָכגיין, הערסט?

— איר האָט דאָך מיך נאָר וואָס גערופן?

— נישט דיך!

זי איז כמעט געלאָפן, זיך געזידלט, געדאַרפט נעמען דעם פערד-יונג הינטער'ן אָרעם און מיט אים אַנטקעגנגיין דעם מאַן. דאָס שפּרייזן האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. זי האָט נישט געהערט, ווי אין נאַסן גראָז האָבן קליינע באַשעפענישן נישט אויפגעהערט גרילצן, ווי אין דער שטיל-קייט האָבן זיך געטראָגן ווייטע קולות.

ביאַנקע איז געווען פאַרנומען מיט זיך, געבעטן דער טויט זאָל וואָס גיכער קומען, זאָל איבעררהאַקן דעם פלאָנטער צווישן איר מיטן מאַן. דער טויט, וואָס האָט זי שטענדיק געשראָקן, איז איר איצט געוואָרן באַוענט.

פלעמלעך האָבן געטיקט צווישן ביידלעך, וואָס זענען געווען צע-

וואַרפן איבער אַ באַרג־אַרויף. דאָ און דאָרט האָט זיך געקייקלט אַ געלעכטער.

פּאַר יעדן ביידל האָט ביאַנקע זיך אָפּגעשטעלט, געווען זיכער, אַז אינעווייניק איז איר מאַן, הערט זיין שטים. זי האָט מער נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן, וואָס זענען געקומען מיט אַזאַ שנאה צו דער נאַכט, צו די ביידלעך, צו אַלץ אַרום.

פּאַר אַ ביידל איז געשטאַנען אַ פערד אויף דריי פיס. דעם פערטן פוס האָט ער אויפגעהויבן, לייכט געשאַרט די ווייכע ערד, געוואָרפן דעם קאָפּ רעכטס, לינקס, דערזעען ביאַנקען און זיך צעהירזשעט.

די קליינע ביאַנקע איז אונטערגעלאָפן, זיך אַ שטעל געטון אויף די נעגל, אַרומגעכאַפּט ס׳פערד באַם האַלז, עס געגלעט:

— וואו איז מאַריס?

ס׳פערד האָט צענומען מיט דער מאָרדע די אַראָפּגעלאָזטע פּלאַכטעס פון דעם ביידל, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך צעהירזשעט:

— אָט איז מאַריס!

אַ צעפּאַטלט מיידל איז אַרויס, דערזעען ביאַנקען און זיך אַ רוק געטון אויף צוריק. מאַריס האָט זיך נאָכגעשאַרט, געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— איך, דיין ווייב!

— וואָלסט געקענט זיין אַ דעטעקטיוו, — האָט מאַריס געוואָלט איינהאַלטן דעם כעס און נישט געקענט.

— אויב דו מיינסט, אַז כ׳האָב דיך געזוכט, האָסטו אַ טעות — האָט זיך ביאַנקע אַ רוק געטון צו דעם מיידל, — כ׳האָב צומאָל נישט געטראַכט וועגן דיר.

— נישט געטראַכט, און דו ביזט אַהערגעקומען!...

— ס׳פערד האָט מיך דערקענט, — האָט ביאַנקע נישט געקענט פאַרענדיקן און זיך אויסגעדרייט מיט אַ פולן האַלז טרערן.

— וואַרט, כ׳גיי אויך.

— בלייב, בלייב וואו דו ביסט!

זי איז אַריין אין הויכן גראָז. זיך געטראָגן צווישן בושעס, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל, זיך איינגעהערט, צי מ׳רופט זי, מ׳רייט איר

נאָך. דאָס קלאַפּן פון די קאַפּיטעס האָט זיך אַלץ דערווייטערט, נישט געווארן אין דעם זשומען און סיקען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יעדן גרעזל.

ביאַנקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טרעפּל פון דער באַנגעלאָ. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, געציילט ווי ס׳האַרץ קלאַפּט און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. דאָס קלאַפּן פון קאַפּיטעס איז געוואָרן אַלץ בולטער. פלעמעלעך האָבן זיך געצונדן איבערן בויך, זיך געלאָזט צו די פיס, צום קאָפּ און דאָס גאַנצע לייב איז פול געוואָרן מיט קינדישע הענטעלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט איר. ביאַנקע האָט אַרייַנגעכאַפּט דאָס פּנים אין די הענט.

מאָריס האָט צוגעבונדן דאָס פערד צו דער באַנגעלאָ, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און זיך צוגעזעצט צום ווייב.

1927

# זאָשע

אין צימער איז געלעגן אַ טרוקענע שטילקייט, געקומען פון די בערג שניי, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אין די ברייטע פענצטער, געקומען פון דעם צעהיצטן קאַכעל־אויוון, וואָס האָט געוואָרפן אין די ווינקלען שטיקלעך פאָמעראַנצן־ליכט.

באַם טיש איז געזעסן דער אַגראָנאָם קאָניעץ איבער אַ דיקן זשורנאַל. ער איז געווען פאַרטיפט אין אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ נייעם בוראַק, וואָס מען האָט לעצטנס קולטיווירט אין דייטשלאַנד. קאָניעצס גרויסער קאָפּ אויף די צעוואַקסענע פּלייצעס האָט גלייכצייטיק מיטן לייענען געטראַכט אין דריי פאַרשידענע ליניעס — מען דאַרף צעאַקערן די אויסגעוואָרצלטע שטיקער וואַלד, מען דאַרף אויספּרובירן דעם נייעם בוראַק, מען דאַרף אינדערפרי איינשפּאַנען דעם אָגער און צופאָרן אין דער צוקער־פאַבריק.

זאָשע, דעם אַגראָנאָמס ווייב, איז געלעגן מיט אַ בוך אין דער האַנט אויף אַ טונקל פּליושענער אָטאָמאַנע. פון קאַכעל־אויוון איז געפאַלן אַ רויטלעכער שיין, זיך געשפּילט אין זאָשעס פּאָלירטע נעגל, אין דעם שנירל גראַנאַטן, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַלז, זי האָט אויסגעזעען צו יונג פאַר אירע פינף און דרייסיק יאָר.

שוין יאָרן ווי מאַן־און־ווייב האָבן נישט געהאַט וואָס צו רעדן צווישן זיך, געווען אפילו פויל זיך צו טוישן מיט מיינונגען. פרילינג און זומער האָט זאָשע כמעט ווי נישט געזעען דעם מאַן. שטענדיק איז ער געווען אין פעלד, געאַרבעט צוזאַמען מיט די פּאַראָבקעס, זיך געגרויסט, וואָס די שכנישע שררים האַלטן אים, אַ ייד, פאַר אַ גוטן באַלעבאָס. ווינטער איז ער געזעסן איבער ביכער, מורא געהאַט צו בלייבן הינטערשטעליק, געוואָלט דעריאָגן, וואָס ער האָט פאַרפעלט זומער־צייט.

פאַר די פינ צען יאָר האָט מען זיך איינגעלעבט מיט דעם אַלטן,
פאַרוואַקסענעם גוט, מיט די שפּייכלערס, וואו דער תבואה־ריח איז גע־
ווען אַזוי געדיכט, אַזוי אויסגעבאַקן, אַז מען האָט אים געקאָנט פאַרזוכן.
פונקט אַזוי האָבן זיך מאַן־און־ווייב איינגעלעבט.

יעדן שבת האָט מען געשפּאַנט דעם שליטן. דער אַגראָנאָם מיטן
ווייב זענען געפאָרן קיין וואַרשע, געפאָרן זעען דאָס איינאונאיינציקע
קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר פערצען, וואָס האָט געלערנט אין אַ פּענסיאָן.
פאַר איין וועג איז מען געגאַנגען אין טעאַטער, צי אין אַן אָפּערע.

אין די דרייסיקער, ווען קאָניעץ האָט געקריגן דאָס גוט ירושה נאָך
זיין פאָטער, האָט ער זיך שוין געהאַט אָפּגעלאָפן, געווען איבערזעטיקט
מיט ליבע. עס איז אין אים רייף געוואָרן דער פאַרלאַנג זיך איינצופונ־
דעווען, גיין אין פאָטערס דרכים.

אויף אַן אָוונט באַ באַקאַנטע האָט קאָניעץ זיך צופעליק באַגעגנט
מיט זאָשען. מ'האָט אים נישט געאַרט, וואָס זי איז געווען פאַרליבט אין
אַ צווייטן, וואָס זי האָט אים צומאָל ריכטיק נישט אָנגעקוקט באַם באַ־
קענען זיך. פון ערשטן קוק האָט ער איר גענומען נאָכגיין.

אין זאָשעס גלייכער נאָז, אין די דינע, דורשטיקע ליפּן, אין די
אויגן, טיפע, שוואַרצע אויגן, וואָס שרעקן נישט מיט זייער טיפקייט, איז
געלעגן אַזאַ שיינקייט, די גאַנצע אומרויקייט פון מאַי, וואָס לאָזט נישט
שלאָפן יינג און אַלט.

קאָניעצן איז געגאַנגען אין לעבן צו קריגן זאָשען.

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז זי שוין געווען זיין ווייב, געוואוינט
מיט אים אין דאָרף. זאָשע איז אַלט געווען 20 יאָר און דער מאַן פינף
און דרייסיק.

צום יאָר האָט זי אים געבוירן אַ טאָכטער, געווען גליקלעך מיטן
ברייט־פּלייציקן אַגראָנאָם, און אַז זי האָט זיך אַמאָל דערפילט זינדיק
פאַרן מאַן, געטראַכט וועגן געליבטן, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין
אויסלאַנד, באַזונגען אירע לענגלעכע פינגער מיט די פּאָלירטע נעגל, באַ־
זונגען אירע אויגן, ליפּן, האָר — האָט די זינדיקע זאָשע זיך געטוליעט
צום מאַן, זיך באַהאַלטן הינטער זיינע פּלייצעס, געהאַט אין אים אַ
זיכערן אָנלען.

מיט די יאָרן אָבער, ווען זאָשע איז אַלט געוואָרן פינף און דריי־

סיק און דער מאַן פּופּציק, האָט זיך גענומען וועקן אין איר אַ הונגער, וואָס קומט באַ פּרויען פון צופיל רחבות.

דאָס פייער אין אויוון האָט זיך געזעצט, זיך געגאָסן איבער די קוילן, געסיקעט פון היץ און דער אָפּשיין אויף דעם דיל איז איינגעלאָפן. קאַניעץ האָט צעשפרייט די האָריקע הענט איבערן טיש, זיך געדרייט ווי אַ בער.

פלעמלעך האָבן זיך געצונדן אונטער זאָשעס מאַטער הויט, זיך נישט דורכגעשלאָגן, בלויז גלאַטיקער געמאַכט די באַקן, דעם האַלז. זי האָט געוואוסט אַז פּאַיאַנס, איר אַמאָליקער געליבטער, געפינט זיך אין וואַרשע, אויפגעציטערט באַם געדאַנק, אַז ער קען אַמאָל אַרויסקומען, דאַרף אַרויסקומען, אַנדערש וואָלט זיין גאַנץ שרייבן געווען אַ ליגנט.

מיט זעכצען יאָר צוריק האָט זאָשע זיך פאַרליבט אין פּאַיאַנסען. ביידע זענען געווען יונג, ביידע בויגיק, האָט מען יעדן פאַרנאַכט באַגלייט דעם טאָג צווישן די אַלטע ביימער פון די לאַזשענקעס. האָט געמעגט רעגענען — פּאַיאַנס האָט געפירט זאָשען איבער די פאַרוואָרפענע סטעזשקעס פון פּאַרק, געקושט אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, די ליפּן, אַז ס'האָט אַזש געשווינדלט אין קאָפּ. אירע עלטערן האָבן זיך דערוואוסט, געשטערט און אַז קאַניעץ האָט זיך אונטערגערוקט — האָט זיך אַלץ געענדיקט.

די גאַנצע צייט האָט זי פון פּאַיאַנסן נישט געהערט. געקליבן בלויז זיינע ביכער, געווען זיכער, אַז וואו אַ פּרוי, מאָלט ער זי, זאָשען. אין איר ביכער-שאַנק איז געווען אַ באַזונדערע פּאָליצע, וואו יעדע אויסגאַבע פון פּאַיאַנסעס ביכער האָט זיך געפונען. די בלעטער-מאַרגינס זענען געווען באַשריבן מיט בלייפעדער. דאָס האָט זי אים געשריבן בריוו, בשעת אין לייענען, געטינטלט אַזוי, אַז אַ חוץ זאָשען האָט זיך קיינער אין דעם שריפט נישט געקענט פונאַנדערקלייבן.

פּאַר די לעצטע פּאָר וואָכן, צייט פּאַיאַנס איז געווען אין וואַרשע, האָט זאָשע נישט אויפגעהערט צו בלעטערן זיינע ביכער, געלייענט אירע בריוולעך צו אים און יעדן טאָג געוואַרט ער זאָל פאַרפּאָרן הינטערן פענצטער. זי וועט אים אונטערטראָגן אַ בוך נאָך אַ בוך:

— נאַ, לייען, שלעכטער דו, נאַ, זע, אַז מען קען וואוינען מיט אַ מאַן, האָבן מיט אים קינדער און טראַכטן וועגן דיר.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך לענגער נישט געפונען מיטן מאַן אין איין צימער. ס'בלוט האָט זיך געטראָגן צו די שלייפן, אָנגעיאָגט אין מוח אַזאַ העלקייט, אַז ס'איז גענוג געווען אַ צוק מיט אַן אַקסל, אַ בליק — און פּאַיאַנס איז געשטאַנען לעבן איר.

הינטערן פענצטער האָט אויפגעציטערט אַ גלעקל, מאָדנע אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט. זאָשע האָט זיך אַ ריס געטון פון דער אַטאַמאַנע:

— האַ?

קאָניעץ האָט נישט באַמערקט דעם ווייבס צעשטראַלטע פּנים. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ קורץ פּעלצל, געשאַמירט מיט טאַשמעס, און אַז ער איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט ער סתם אַ פרעג געטון:

— ווער קען דאָס זיין אַזוי שפּעט?

זאָשע האָט אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען אַ פוטער און מיטן בוך אין דער האַנט זיך געלאָזט נאָכן מאַן. דאָס האַרץ, ווי אַ פאַרשפּאַרטער פויגל, האָט געפּיקט מיטן שנאָבל אין איין פּינטעלע, געוואָלט דורכהאַקן אַ וועג און אַרויס. זי איז געבליבן שטיין אין אָפענעם פּאָדערהויז, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט. אַ טיפער, בלויער הימל מיט בלישטשענדיקע שטערן האָט פאַרטשעפּעט דעם שניי, געשפּרייט בלוילעכע שאָטנס.

אַ שליטן געשפּאַנט אין אַ פערד, איז געשטאַנען פאַרן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג. די גריווע דורכגעפלאָכטן מיט שטיקלעך פראָסט, ווי מיט ווייסע קרעלן. דער אָנטרייבער האָט זיך פאַרנייגט:

— קענט איר מיר נישט זאָגן, וואו פּאַוולאָווקע איז?

ס'האַרץ בײַ זאָשען האָט זיך ווי איינגאַנצן אָפּגעשטעלט. ס'בלוט איז צוריקגעפאַלן פון די שלייפן. זי איז קריק אַריין אין הויז, זיך צוגעשאַרט צו דער אַטאַמאַנע און אין פוטער זיך צעראָפּגעלאָזט אין וויינען פליוש אַריין.

קאָניעץ איז אַריינגעקומען, מיטגעבראַכט אַ טרוקענע קעלט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיינע וואָנסעס, ער האָט זיך צוגעזעצט צום ווייב און געגלעט מיט דער האָריקער האַנט איר קאָפּ:

— ווערט דיר נישט דערעסן, מאַמעלע, צו לייענען גאַנצע טעג ראָמאַנען?

— צו יעדער צייט אַזוי אַמוזאַנט ווי דייַנע ביכער וועגן בורא־קעס — האָט זי זיך אויפגעזעצט און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיין אַקסל — מען קען משוגע ווערן אין אַזאַ העק!

— פאָר זיך איבער קיין װאַרשע אויף אַ װאָך, צוויי... — האָט דער מאַן זיך געבעטן באַם ווייב.

— מיט דיר.

— דו ווייסט דאָך, מאַמעלע, אַז כ׳קען נישט.

דער עקאָנאָם האָט דריי מאָל אַ צי געטון באַם גלאָק, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ קלאָץ, אָנגעזאָגט, אַז דער הויף שלאָפט. ס׳איז געווען ניין אַ זייגער. קאָניעץ האָט פון געוואוינהייט זיך אַ הויב געטון, געגאַנגען זעען, צי זיין האָב און גוטס געפינט זיך הינטערן שלאָס. ער האָט פאַרגעסן, אַז ס׳ווייב לאַנגווייליקט זיך, געשפרייזט אַ זיכערער איבערן שטומען הויף, געווען צופרידן, וואָס די לבנה גייט אים נאָך.

אין פענצטער איז געשטאַנען זאָשע, געקילט דעם שטערן אָן דער פאַרפרוירענער שויב, געוויינט ווי אַ קליין מיידל. אין די פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך געגרינט דער שניי און אין די אויערן האָט געקלונגען אַ שווערע שטילקייט.

1920

# אומרו

שבת נאָכן אָוונט-ברויט איז דאָס „באָרדינג"-הויז געבליבן ליידיק. דער ייִנגערער עולם האָט זיך גענומען קלויבן אין דער קאַסינאָ, וואו אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט. די באַיערטע זענען פאָרן שלאָף זיך איבערגעגאַנגען, זיך געשאַרט פּאַסמעסוויז איבער אַ פאַרוואָרפענעם וועג, וואָס האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיט צייטיקע מאַלינעס, כאָטש פון מאַלינעס איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געווען.

צווישן גאָרטן און די עטלעכע צענדליק אויבסט-ביימער האָט זיך געוויזט אַ ביידל. פאָרן ביידל איז געזעסן לייזער דער שאָפער, געהאַלטן אַ פּריש-אָפּגעריסענע צווייג און מיט אַ מעסערל אויסגעשניצט אַ שטעקן.

אין די אָוונטן האָט מען לייזערן קיינמאָל נישט געקענט כאַפּן. ער איז שטענדיק פאַרפאַלן געוואָרן נאָכן נאַכט-עסן, פאַרקראָכן אין די שכנישע האָטעלן און גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען אַ נישט דערשלאָפענער, געדרימלט בײַ דעם ראָד פון דער מאַשין.

עס האָט אָנגעהויבן פינצטערער צו ווערן — די ביימער האָבן זיך צונויפגערוקט. דאָס גריילעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פעלדער, האָט בולטער פאַרשאַרפט די שטילקייט, זיך אָפּגעטיילט פון ראַשיקן אָרקעסטער. צווייגן האָבן זיך געצייכנט אויף דער לייוונט פון ביידל, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשניצט מיט אַ שערל.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן באַהאַלטענע טריט. לייזער האָט געשמייכלט, געוואוסט, אַז דאָס פאַלן צייטיקע עפּל צווישן די בלעטער. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט. דער קאָפּ, אַ זיכערער, אַ צופרידענער, איז געזעסן אויף ברייטע פּלייצעס. אַ פרייד האָט געווינטלט הינטער דעם

לעדערנעם רעקל. ער האָט עס צעקנעפּלט, געגלייבט, אַז ס'לעבן וועט שוין שטענדיק זיין ווי איצט.

לאה, די קעכין, האָט צו אים היינט געדאַרפט קומען.

די ביימער, וואָס זענען אַלץ געוואָרן געדיכטער, האָבן מיטגע־בראַכט די אומרויקייט פון פייגל, וואָס זענען נישט געשלאָפן. לייזער האָט אויפגעהויבן אַ צוגעלעגענעם עפּל און אים אַ שיק געטון צווישן די צווייגן. עס איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. פון דער שטילקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט דאָס גרילצעריי, וואָס האָט וואַך געמאַכט ס'לייב.

לייזער האָט זיך געדרייט אויף אַן אָרט, זיך אויסגעצויגן אויף דער קילער ערד, אַלץ אַרום האָט געפּרעפּלט — די ביימער, די בלע־טער, די גרעזלעך, דערציילט, אַז גאַנצע נעכט האָט לייזער גענישטערט איבער די וועגן, ווי אַ הונגעריקער וואָלף, געזוכט וואו זיך צוצוטוליען, נישט געזען, אַז דאָס גליק איז איבער דער וואַנט.

די קעכין איז צופעליק מיטגעפאָרן מיט אים אין פּאָסט־אָפּיס, גע־דאַרפט אַוועקשיקן אַ פּעקל. אין קיך איז זי שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ צעהיצטע. אין פאַרטוך מיט די שעלקעס האָט זי אויסגעזען ברייטער, אַ יידענע אין די יאָרן. און מיט אַמאָל איז לאה אַרויסגעקומען אַ דינע, אַ בויגיקע, דאָס פּנים מאַט, און אַז זי האָט גערעדט, איז זי נישט איינ־געשטאַנען אויף אַן אָרט, ווי מען וואָלט זי ערגעץ געצויגן פאַר אַ שטריקל. דאָס קורצע, לייכטע קליידל האָט זיך געפּעלדלט, געקנייטשט, נישט גע־לאָזט איינשטיין לייזערן.

— זייט איר דאָך גראָד אַ שיינע, לאה!

— און אייך, לייזער, האָט עס גענומען אַזוי לאַנג אויסצוגע־פינען.

— און איר זיצט שטענדיק אין קיך! און פון די טעפּ און קעס־לען שלאָגט אַ פּאַרע, ווי אין שוויץ־באָד, האָב איך אייך טאַקע נישט גע־קענט זעען!

מער האָבן זיי נישט גערעדט. לאה איז אים אַריין אין דער זיבע־טער ריפּ. ער האָט געמאַכט לעבן זיך אַ פּלאַץ אויפן „טראָקעל" און אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, איז אים וואַרעם געוואָרן ווי נאָך אַ גוטן טרונק בראָנפן.

אַז זיי זענען צוריקגעפאָרן איז שוין טונקל געווען. דאָס טראָקעל

איז געווען איבערגעפּאַקט מיט פּעקלעך. לייזער האָט מיט איין האַנט גע־פירט דאָס ראָד און מיט דער אַנדערער צוגעהאַלטן לאהן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ צו זיצן.

לייזער האָט נישט געוואוסט, וואו ער פאָרט, געטריבן די מאַשין באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, געזעען ווי בײַ יעדן שטאַרקן טרייסל בלאָזט זיך אָן דאָס קורצע קליידל, פאַרבויגט זיך און פון ווייטן לייב שלאָגט אַ וואַרעמקייט. זיין לאַנגע האַנט האָט פעסטער אַרומגענומען לאהן. נאָך אַ גוטן דריק און זי וועט זיך איבערברעכן צווישן זיינע פינגער, ווי אַ שטייפער, זאַפטיקער עפּל.

— טוסט מיר ווי, לייזער, — האָט זי זיך בײַ אים געבעטן.

— כ'וואָלט דיך אויפגעגעסן אַ לעבעדיקע, — האָט ער זיך אַ בייג געטון צו איר אויער.

— רויערהייט וועט דיר נאָך פאַרשאַטן, — האָט זיך לאה צע־לאַכט.

— כ'האָב ליבער רויע מייערן, אפילו עפּל רויע האָב איך ליבער, ווי געקאָכטע!

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה, לייזער? אַזאַ יונג ווי דו, דאַרף חתונה האָבן!

— מיט דיר, לאה, וואָלט איך חתונה געהאַט, אויף מיין וואָרט!

— כ'האָב דאָך אַ מאַן, נאַר דו!

נאָך דעם האָבן זיי זיך אָנגעהויבן טרעפן, בײַם עסן, בײַם ברענ־גען די פּעקלעך פון שטאָט און דער עיקר נאָך דעם אָוונט־ברויט. דע־מאָלט איז לאה געווען פריי. איר מאַן, אַ יונג מיט פלאַכע פיס, האָט מיט די איבעריקע קעלנער צוגערוימט דאָס עס־צימער. לייזער מיט לאהן פלעגן פאַרקריכן אין פעלד צווישן די בושעס, געכאַפּט אַ שמועס שטייענ־דיקערהייט.

אָן אויסגעהונגערטער, אַ פאַרליבטער, איז לייזער צוגעשטאַנען צו איר, געהאַלטן אין איין טענהן, זי זאָל אַוועק פון מאַן. און כאָטש לאה האָט נישט איינמאָל אָפּגעמאַכט איבערצורייסן מיט אים, איז זי אַליין מיטן אָוונט, נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט בײַם צעגליטן אויזון, ווייכער געוואָרן.

זי האָט נישט געוואוסט, ווער עס האָט איר אָפּגעטון אַ כשוף, נישט געוואוסט, וואָס עס ציט זי אַזוי צו לייזערן. זי האָט אים צוגעזאָגט צו קו־מען שבת צו נאַכטס, ווען דער גאַנצער עולם וועט אַוועק אין דער קאָסי־נאָ אויפן קאָנצערט.

לייזער האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק. ער איז געשטאַ־נען צווישן די פלאַכטעס פון ביידל, געקוקט אויף די קאָלירטע לעמפלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרום דער קאָסינאָ. איין פייערדיקע סטענגע האָט זיך געקניפּט אָן דער צווייטער. די לעמפּלעך האָבן זיך פאַרלוירן אין דעם ברייטן שטח און די פינצטערניש אַרום איז געוואָרן געדיכטער.

די מוזיק האָט זיך געקייקלט איבער די ליידיקע פעלדער, זיך אויסגעגאָרעט אין די טאָלן און וואָס שרייאיקער זי איז געווען, אַלץ טרוי־עריקער איז לייזער געוואָרן.

פאַר אים איז געשטאַנען לאה, אַן איבערגעטוענע, אַ דינע, געדע־כעט אָן אָטעם, ווי זי וואָלט נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן.

— כ׳האָב זיך אַזוי געאײַלט, לייזער.

לייזער האָט זי אַרומגענומען, אַליין נישט געוואוסט. וואו דער פאַרזדרוס זיינער איז אהינגעקומען. די קילקייט פון אירע נאַקעטע עלנ־בויגנס האָט אַ פלאַטער געטון איבער זיין אויסגעהונגערט לייב:

— גוט, לאה, וואָס דו ביסט געקומען.

— נישט אויף לאַנג אָבער.

— דאָס וועלן מיר שוין זעען.

זי האָט אַ בייג געטון ס׳מויל צו זיין אויער, זיך שטיל צע־לאַכט:

— זאָלסט זיין אַ „גוד באָי”, דו הערסט?

לייזער האָט צעעפנט די פלאַכטעס פון ביידל:

— קום אַריין.

— דאָס נישט.

— האָסט דאָך אַליין צוגעזאָגט.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין, פאַרזשמורעט די־אויגן און די שפּעלטעלעך, שמאָלע, ווי בײַ אַ קאַץ, האָבן זיך געריצט — יאָ צוגעזאָגט, נישט צוגעזאָגט.

— איז נישט! — האָט לייזער זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און פאַררויכערט א ציגאַרעט.
— גיב מיר אויך איינעם.
לאה האָט פאַרצויגן, דורכגעלאָזט דעם רויך דורך לייזערס געדיכטע האָר. דער רויך האָט זיך געדרייט צווישן די קודלעס, ווי טיף ערגעץ אין קאָפּ באַם יונג וואָלט געברענט אַ שׂרפה.
— וואָס ביסטו בייז, לייזער?
— כ׳האָב נישט ליב, אַז מ׳האַלט נישט קיין וואָרט.
— בין איך דען נישט געקומען?
— דו ווייסט, וואָס איך מיין.
זי האָט זיך אויסגעצויגן לעבן אים, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן לייזערס בויך און די שפּיצן פינגער האָבן געבלאָנדזשעט צווישן די קנעפּ פון זיין לעדערן רעקל, צווישן די קנעפּלעך פון זיין העמד. ער האָט זי אַ צי געטון צו זיך, אָפּגעדעקט אַ פוס איבער דער ליטקע און געזען ווי די ערד שווימט פון אונטער אים אַפּער. זי האָט זיך שטיל געוועָרט, זיך געבעטן און מיט אַמאָל זיך אַ ריס געטון.

פון באַרג האָט דער קעלנער גערופן ס׳ווייב.
דאָס געשריי האָט זיך געקייקלט, זיך צעבראָקלט אָן דיביימער און פון אַלע זייטן אָפּגעהילכט:
— לאַ־אה!
— באַהאַלט זיך אין ביידל, — האָט לייזער אַן עפן געטון די פּלאַכטעס.
— און דו?
— איך וועל זיך מאַכן שלאָפן אויפן גראָז.
זי האָט זיך אַריינגעשאַרט, זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, זיך איבערגעדעקט און געציטערט.

לאהס מאַן איז אָנגעקומען אויף זיינע פלאַכע פיס, געזען לייזער ליגט אויסגעצויגן ווי אַ העכט, האָט ער אים אַ טאַרקע געטון מיט דער האַנט:
— שלאָפסט?
— זעסט דאָך, אַז כ׳שלאָף, וואָס טאַרקעסטו מיט די הענט?

— האָסט אפשר געזעען מיין לאהן?

— דיינע שלעפּט זיך שוין אויך אַרום באַנאַכט?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, — האָט דער קעלנער זיך אַ בייגעטון צו לייזערן, — ס'קומט נאַכט, ווערן די ווייבער משוגע!

— מן־הסתּם טויגסטו אויף כּפּרות!

— מיינע האָט נישט וואָס צו „קאמפּליינען", לייזער, — האָט דער קעלנער גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי עמעצער וואָלט זיך מיט אים געשפּאַרט, — וואָס אָנבאַלאַנגט זיבן און דרייצען בין איר קיין עין־הרע אָל־ראַיט! וואָס ליגסטו דאָ, לייזער? קום, אין דער קאַסינאָ קערט זיך וועלטן! די רויטע מויד האָט שוין אויסגעמאַטערט אַלע מאַנסבּילן! אַ־, אַ מויד!

לייזער האָט אַריינגעלאָזט פינף פינגער אין די קודלאַטע האָר זיינע, זיך אַ ווײַלע געשיבערט און אויסגעשפּיגן דעם גאַנצן פּאַרדרוס:

— קום!

1926

# אַ צ י ג אַ נ ק ע

די נאַכט האָט געגומען צופאַלן.

זלמן האָט געיאָגט די פערד, זיך געהויבן מיט דער קעלניע. ער איז געווען אויפגעהייטערט, נאָך אַלץ געטראָגן אין זיך דעם ליכטיקן טאָג, כמעט פאַרגעסן, אַז דערלעבן זיצט לייזער. ווען זלמן איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין מיטן וואָגן מעל, איז געווען פיר נאָכמיטאָג. איצט, ווען ער איילט זיך אַהיים, איז מיט אַמאָל נאַכט געוואָרן. ער האָט נישט געדענקט, צי ס׳איז אָונט געווען, ווי די צייט וואָלט אַריבערגעשפרונגען דעם פאַר־נאַכט.

פון די פלאַכע פעלדער האָט די נאַקעטקייט געפּראַלט, זיך גע־ווינטלט, געדרייט די פליגל פון די ווינטמילן. געבלעטערטע הייפּטלעך קרויט האָבן געגלאָצט תמעוואַטע, ווי גלאָמבעס, גלייך מען וואָלט זיי פאַרלוירן אויפן מיטן וועג.

די לופט האָט געשמעקט מיט תשרי־רעגנס.

דער זיבצעניעריקער זלמן איז געווען אין איין עלטער מיט לייזערן. זייערע עלטערן זענען געווען שותּפים, געהאַט אַן אייגענע וואַסערמיל. יעדן טאָג האָבן די יינגע מילנערס אָנגעלאָדן אַ וואָגן מעל, עס אוועק־געפירט אין שטאָט אַריין און אַהיימגעקומען קעגן אָוונט. היינט האָט מען זיך פאַרשפּעטיקט. לייזער איז אוועק איבערקאָווען די פערד. ער, זלמן, האָט געוואַרט אויף די סוחרים, געדאַרפט קריגן געלט, דערנאָך איז ער אוועק צו אַ גאָלדשמידט, איינגעהאַנדלט אַ פינגערל, אַ גאָלדנס, מיט אַ רויט שטיינדל. דאָס פינגערל וועט ער געבן טיסען, דער צי־גאַנקע.

זלמן האָט געיאָגט די פערד, געטריבן פון זיך דאָס אומרויִקע גע־מיט, וואָס איז אָנגעקומען פון די פינצטערע פעלדער. און נישט די עט־לעכע הונדערט רובל, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך, האָבן אים נישט געלאָזט איינזיצן: דאָס פינגערל, וואָס איז געלעגן אין וועסטל־קעשענע איינגעוויקלט אין פליס־פּאַפּיר, איז אים אויף קיין רגע פון קאָפּ נישט אַרויס. צווישן זיבן און אַכט האָט טיסע געזאָלט וואַרטן אויף אים בּאַם טייך. איצט איז שוין ניין. פון פּאַרדראָס האָט ער אָפּגעמאָסטן די פערד איבער די לאָפּאַטקעס, אַז די בייטש האָט אַזש געקנאַלט. די חיות האָבן זיך געלאָזט לויפן, שיער נישט צעטראָגן דעם וואָגן. און איבער די קעפּ האָט זיך געקייקלט די לבנה, נישט אָפּגעשטאַנען פונט געשפּאַן, אויסגעזעען ווי אַ ראָד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ פייערדיקן וואָגן.

— וואָס פאַר אַ יאָגעניש אויף דיר היינט? — האָט לייזער אַ טאָרקל געטון זלמנען מיטן עלנבויגן — כ'האָב דאָך שוין בּאַלד קיין קישקעס נישט!

— כ'בין שוין נישט איינמאָל שנעלער געפאָרן.

— כ'זע נישט וואָס איז ס'געאייל?

— איך האָב שוין געדאַרפט זיין אינדערהיים פון אַ גוטער שעה.

— וואָס, טיסע וואַרט אויף דיר? — האָט לייזער פאַרצויגן אַ פּאַפּיראָס און אַרייַנגעשמייכלט אין די קייקעלעך רויך.

די פינגער בּאַ זלמנען האָבן פון זיך אַ טאָפּ געטון, צי ס'פינגערל ליגט. ער האָט נישט געענטפערט. ס'האָט אים אָבער הנאה געטון, וואָס לייזער האָט דערמאָנט טיסעס נאָמען. ער האָט אַ קירעווע געטון רעכטס און די רעדער האָבן זיך גענומען שניידן אין זאַמד, געקרעכצט. די פערד האָבן געוואָרפן מיט די פאַרשוימטע מאָרדעס, געהויבן די ווידלען און די קלעפּ פון זייערע קאָפּיטעס זענען געוואָרן טעמפּ.

אַ ציגיינער מיט אַ ציגאַנקע האָבן זיך אַ ריס געטון פון מיטן וועג מיט אַ פּאַטשעריי, ווי איבערגעשראָקענע פייגל. זלמן האָט געוואָלט אויס־מיידן ס'פּאָרל, אַ האַסטיקן דריי געטון די פערד, וואָס זענען אַריין אין ראָוו און שיער נישט איבערגעדרייט דעם וואָגן.

— דו ביסט בלינד, צי די פערד דיינע, וואָס דו פאָרסט אויף מענטשן? — האָט זיך דער ציגיינער צעשריגן.

— און דו האָסט נישט געפונען קיין בעסערן פּלאַץ צו ראָמאַנסירן, ווי אין מיטן וועג? — האָט זלמן זיך אַ שטעל געטון מיט דער בייטש אין דער האַנט.

— ווי די הינט שלעפּן זיי זיך אַרום — האָט לייזער ציגע־האָלפן.

— לאָז ער בעסער אַכטונג טון אויף טיסען, — האָט די ציגאַנקע זיך אָנגערופן. — דער מילנער קלייבט זיך מיט איר חתונה האָבן.

פון הינטערן וואַלד האָבן זיך געהויבן פייערלעך, יעדע ווײַלע אויפגעלויכטן, געררויטלט דעם הימל. דאָרט האָבן זיך באַזעצט אַ מחנה ציגיינער, צעשטעלט פּאַלאַטקעס, געשיקט די ציגאַנקעס אויף דער „שפּראַכאַרקע" און אַליין האָט מען געהאַנדלט מיט פערד.

— זלמן, — האָט לייזער שמאַרקער אַ צי געטון דעם פּאַפּיראָס אין באַם פייערל דערזעען, ווי זלמנס מויל איז פאַרקוועטשט, — ביזט טאַקע „פּאַרליאַפּעט" אין דער ציגאַנקע?

— ווייס איך וואָס...

— ס'איז דען אַ מויד? ס'איז אַ שרפה! — האָט לייזער זיך גע־רוקט צום חבר. — נישט קיין חידוש, וואָס זי געפעלט!

— אמת, אַ שרפה? — איז זלמן געווען צופרידן, וואָס לייזער רעדט וועגן טיסען.

— כ'זע דאָך, אַז דו האָסט זי ליב.

— אסור.

— טאָ צו וואָס שלעפּסטו זיך מיט איר אַרום?

— ווער?

— זע נאָר, ווי דאָס מאַכט זיך געפּגרט. פאַר יעדן מאָל, וואָס איך האָב דיך געטראָפן מיט איר... און נישט נאָר איך. דער טאַטע מיינער איז אש־להבה אויף דיר...

—אויף מיר?

— ער האָט דיך געזען מיט דער ציגאַנקע הינטערן סטאַג היי.

— ווען ? — האָט זלמן אין זיך געשטיקט די פרייד און זיך צעלאַכט.

— זע נאָר, ווי עס שטופּט אים, — האָט לייזער מיטגעלאַכט. — ווייסט, זלמן, איך האָב צו זיי קיין האַרץ נישט. איז עס טאַקע אמת, אַז ציגיינער שמירן אויס די העמדער מיט סמאָלע ?

— גיי פרעג זיי.

— קוק אים נאָר אָן...

— פונוואַנען זאָל איך וויסן ?

— און טיסע ?

— וואָס טיסע ?

— איך וואָלט נישט געקענט אַרומנעמען אַ ציגאַנקע.

— די ציגאַנקע דאַרף דאָך אויך וועלן.

— אַ גאַנצער קנאַקער ! און איך וועט זיך מיט דיר, כ׳זאָל נאָר אַ פּיפּס טון און כ׳האָב זיי אַלע, אפילו טיסען.

אַ קיל ווינטל איז אָנגעלאָפן פון טייך. די פערד האָבן אַ שנוף געטון מיט די נאָז-לעכער, זיך צעהירזשעט. ס׳האָט זיך שוין געהערט דאָס פּאַלן פון וואַסער אויפן מיל-ראָד, וואָס האָט זיך געשוימט אונטער דער לבנה, אָפּגעטיילט די פינצטערע געביידע פונם טייך.

פון דער מיל איז אָנגעקומען אַ שאָטן, געשאָקלט מיט אַ לאַמטער, געשפּרייט שפּריצן ליכט.

— וואָס אַזוי שפּעט ? — איז זלמנס פאָטער, אַן אויסגעקנאָטענער פון קלויצקעס עסן, אונטערגעקומען. — כ׳האָב שוין איבערגע-קלערט.

— ס׳איז אַזוי גרינג, מיינסטו, אַרויסצוקריגן בּאַ מאָטל מעלשענ-קער געלט ?

— האָסט כאָטש געקריגן ?

— ער האָט געקרעכצט און געגעבן.

— אַ שווערער פּאַרשוין — איז דער מילנער ווייכער געוואָרן און אַ זאָג געטון — מיר וועלן שוין אויסשפּאַנען, לייזער, גיי אַהיים, דיין מאַמע האָט שוין צוויי מאָל געפרעגט אויף דיר.

דער פּאַטער מיטן זון האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד, זיי אַרומגע־וואַשן, אַריינגעפירט אין שטאַל און זיי געגעבן עסן.

די מילנערקע האָט צעשטעלט אויפן טיש קרויט מיט קאַרטאָפל, אַ שיסל מיט קאָטלעטן. זלמן האָט געגעבן דעם פאַטער ס׳פּעקל געלט און אַליין האָט ער זיך געזעצט צו דער אכילה.

מיטן ציילן ס׳געלט איז דער פּאַטער געוואָרן אויפגערוימט, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— נו, ווי שטייט היינט מעל?

— געפאַלן מיט אַ גילדן אויפן זעקל.

— ווידער געפאַלן?

זלמן האָט זיך געאיילט. די הויט האָט אויף אים געשרפהט. ער האָט געוואָלט אַריבערלויפן צו די שליוזן, טאָמער וועט ער נאָך באַגעג־נען טיסען.

מיט אַ רחבות האָט דער פּאַטער אַריינגעשטופּט דעם טייסטער אין דער בוזעם־קעשענע פון וועסטל און געוועזן גרייט אויסצוהערן שטאָטישע נייעס. ס׳האָט אים נישט געשמעקט, וואָס לייזער דרייט זיך אויפן בענקל, קאָן נישט איינזיצן.

— וואו לויפסטו שוין, וואו?

— דאַרפסט מיך דען?

— און אַז איך דאַרף דיך נישט? — האָט דער פּאַטער זיך גע־שמייכלט אין דער באָרד אַריין — סיי־ווי־סיי וואָרט זי נישט אויף דיר.

— ווער דאַרף דאָס וואַרטן אויף מיר? — איז זלמן רויט גע־וואָרן.

— כ׳מיין די ציגאַנקע, ווי הייסט זי דאָרט, וואָס „טליקעוועט" זיך אַרום מיט יעדע פּאָר הויזן. כ׳האָב זי נאָר־וואָס באַגעגנט מיט שמואליקן, דעם תכשיט, אַ וויסט יאָר אויף אים.

— וועמען אַרט עס, ברעכן זיי ביידע די קעפּ! — האָט זלמן זיך צעשריגן און געשפּירט בשעת מעשה אַ גרימעריי אין בויך — נאָך אַ טאָג אַרבעט, מעג איך אַ ביסל אַרויסגיין אָפּכאַפּן דעם אָטעם!

זלמן איז אַרויס פון שטוב ווי אַ ווינט. ער האָט זיך געטראָגן איבערן הויף, געלאָפן אַרום און צוים דעם טייך אוז די נכפה האָט אין

אים זיך געראוויכערט. ער איז פאַרקראָכן הינטערן סטאָג, געזוכט, גע־
נישטערט, געשמעקט מיט די נאָזלעכער, ווי אַ חיה. ס'האָט אַזוי אָנגע־
האַלטן אַ היפּשע ווײַלע. ער האָט מיטאַמאָל אַרײַנגעשטופּט דעם קאָפּ אין
שטעכיקן היי, געשוואוירן נקמה צו נעמען אָן שמאַליקן און זיך צעהײַלט
ווי אַ הונט.

1921

# רחל

משה, דער קאָלעקטאָר פֿון „ישיבת ר׳ יצחק אלחנן״, איז צוויי־מאָל אַ יאָר פֿאַרפֿאָרן נאָך בעטיל.

ער האָט אויסגעמאַרקירט אָנצוקומען אין שטעטל אַריין פֿרייטיק, געהאַלטן שבת באַ שלמה פעדלער, פֿאַרהערט דעם פֿעדלערס בן־יחיד, מעקסין. און מאָנטיק באַגינען, ווען שלמה האָט זיך געלאָזט מיט זיין בויד סחורה איבער די נעגערשע דערפֿער, האָט זיך משה מיטגע־כאַפּט. אַזוי האָט זיך דער קאָלעקטאָר נוהג געווען פֿאַר די לעצטע פֿינפֿ־צען יאָר.

משה מיט שלמהן האָבן אָפּגעדאַוונט אין דער בויד, זיך געזעצט איבערבייסן. אָנגעטריבן האָט מעקסי — אַ קיילעכדיקער יונג, אַ שווייגער, וואָס איז געגאַנגען אין פֿאָטערס דרכים.

משה האָט געשיילט די האַרטע אייער, זיי געטונקען אין זאַלץ און געטראַכט, אַז ער איז אַ מטופּל מיט פֿינף טעכטער. די לעצטע איז גע־וואָרן צוואָנציק יאָר, פֿאַרדינט באַ שניפּסן קאַשע אויף וואַסער און דאָ האָט שלמה, אַ פֿאַרגרעבטער ייד, אַזאַ עשירות.

דער עול, וואָס האָט געשוועבט איבער משהן, איז זיך צעוואַקסן מיט די נאַקעטע פֿעלדער, מיטן טרייסלען פֿון דער בויד און ער האָט סתם אַ זאָג געטון:

— שלמה, אייער מעקסי געפֿעלט מיר. אַ יידישער בחור, כ׳וואָלט אים גענומען פֿאַר אַן איידעם.

— און איך וואָלט אויך בעסער געוואָלט האָבן אייך, ר׳ שלמה, פֿאַר אַ מחותן, ווי דעם געלן הערשל. ער האַלט אין איין שיקן שדכנים. שטייט מיר אָבער נישט אָן. באַ אונז אין דער משפּחה איז נישט געווען קיין שוסטער־בענקל און הלוואי ווייטער.

מעקסי איז אַנגעקומען חול-המועד סוכות קיין ניו יאָרק. געפאָרן אָנקוקן די „סחורה״, וואָס ער איז געגאַנגען איינהאַנדלען.

מעקסי, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען צווישן מיידלעך, איז צו-געפאַלן צום שידוך. געפעלן זענען אים אַלע פינף שוועסטער. ארומגע-פירט מיט אים האָט זיך רחל, די כּלה — אַ זאַפטיק מיידל, ווי אַ ביימל נאָך אַ רעגן. דערצו האָט זי שטענדיק געלאַכט, אפילו בעתן וויינען.

מען האָט זיך נישט גערעכנט, וואָס דער חתן איז רחלען נישט גע-ווען צום האַרץ. טאַטע-מאַמע, די שוועסטער, אַלע האָבן פאַרשריגן די כּלה מיט מעקסיס עשירות און אויף די צווייטע טעג סוכּות זענען אָנגע-פאָרן שלמה מיטן ווייב שטעלן אַ חתונה.

שלמה האָט געלאָזט אָפּפאַרבן דאָס הויז אויף גרין. ער האָט אָפּ-געליידיקט אַ גרויס צימער, עס געלאָזט אויסקאַלכן, אַריינגעשטעלט צוויי אייזערנע בעטן מיט ווייכע מאַטראַצן און דאָס יינגע פאָר-פאָלק האָט זיך אַריבערגעקליבן.

מעקסי איז געווען גליקלעך. ער איז די ערשטע וואָך געבליבן אין הויז. אַרומגעגאַנגען מיט אַ העמערל אין קעשענע, געהאַלטן אין איין קלאַפּן נעגל. ער האָט געהאָלפן אויפהענגען געבלימלטע פאָרהאַנגען באַ די פענצטער, אַליין אָפּגעפאַרבט די פּאָדלאָגע, איבערגעשיט די ערד אין די וואַזאָנעס. איבער די בעטן האָט ער אויפגעהאָנגען די איינגע-רעמטע „סיטיזען-פּייפּערס״, אַ בילדל פון ווייב און געזען דאָס נעסט זאָל זיין וואָס ווייכער און וואַרעמער.

דעם טאָג, ווען מעקסי האָט זיך געקליבן מיטן פאָטער איבער די דערפער, האָט זיך רחל אויפגעהויבן באַגינען, געוואָלט מאַכן פאַר די מאַנסבילן עסן. די שוויגער האָט שוין אַלץ געהאַט צוגעגרייט — אויס-געזאָדן פלייש, אָפּגעטרוקנטע קעזלעך, איבערגעקאָכט דעם בראָנפן מיט פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ און צוקער.

מעקסי האָט דערזעען רחלען, האָט ער זיך אַ הייב געטון פון בענקל, זי געוואָלט אַוועקזעצן:

— וואָס האָסטו זיך אויפגעכאַפּט אַזוי פרי?

— דו פאַרסט דאָך אין וועג אַריין, נישט רחל — האָט די מוטער צוריק אָוועקגעזעצט דעם זון — ס'וועט דיינס קען זיך אַליין אַריינבריינגען אַ בענקל.

רחל האָט זיך נישט צוגעזעצט, נישט געזעען, ווי די מראה אין פּנים האָט זיך באַ מעקסין געביטן, ווי ער קייעט אַן אָנגעכמורעטער דעם ביסן און שווייגט.

אַז די מאַנסבילן זענען אַוועקגעפאָרן, איז רחל אַריין צו זיך אין צימער, זיך אָנגעשפּאַרט אָן בעט קייגנאיבער דעם פענצטער און זיך צעוויינט.

טרוקענע, אַראָפּגעפאַלענע בלעטער האָבן זיך געקייקלט צווישן די ביימער, זיך געשאַרט איבערן אויסגעקראָכענעם אַספאַלט-וועג און דורך די שויבן האָבן אַריינגעקוקט גרויע פעלדער און נאָך אַ גרויערער הימל.

די שוויגער האָט געקלאַפּט מיט אירע מאַנסבילשע שיך איבערן הויף, געגאַנגען פון די הינער צו דער קו און ווייל זי איז שטענדיק געווען אַליין, האָט זי געהאַט אַ טבע צו רעדן מיט זיך אויפן קול. ס'האָט רחלען געשראָקן און איר שטענדיק געלעכטער איז ערגעץ געבליבן שטעקן, פאַרגליווערט געוואָרן.

עס איז געווען סוף חשון. די ביימער, די פעלדער, אַלץ האָט זיך געהאַלטן אין שיילן, געוואָרן נאַקעט, ווען עס האָבן זיך אונטערגערוקט פינצטערע, קאַלטע נעכט.

רחל האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ שאַל, געקוקט דורכן פענצטער. זי האָט געבענקט אַהיים, מוחל געווען דעם מאַנס עשירות און זיך דערפילט איינס מיטן לעבן פון די פעלדער, פון די ביימער, וואָס האָבן געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן.

מעקסי איז געבליבן אונטערוועגנס צוויי, דריי טעג, פאַרפאָרן אַ דורכגענומענער פון קעלט איבערנעכטיקן אין דעם וויכן, וואַרעמען בעט, און אינדערפרי ווידער נישט געוואָרן.

צום יאָר האָט רחל געבוירן אַ זון. איר פאָטער איז געקומען אויפן ברית. עס זענען אָנגעפאָרן פעדלערס פון אַרום און אַרום. מען האָט געגעסן, געטרונקען, און שלמה איז נישט אָפּגעטרעטן פון מחותן, אַריינגעטענהט אין משהן:

— דעם זון מיינעם האָב איך פאַרזאָרגט. ער איז קיין עין-הרע, אַ גביר... אָן אייניקל האָב איך דערלעבט, געוואָרן אַ זיידע, דאַרף מען זען, אַז אין בעטיל זאָל זיין אַ שול, און אייך, מחותן, וועל איך אַריבערנעמען מיט דער משפּחה, זעען איר זאָלט ווערן רב.

אַז משה האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין, האָט רחל פאַר אים געוויינט, אַז ס'איז איר שלעכט, אַז זי איז מוחל דאָס עשירות, אַז זי גייט אויס פון בענקעניש. דער פאָטער האָט נאָך אָנגעשריגן אויף איר:

— זינדיקסט, טאָכטער. יעדע פון דיינע שוועסטערן וואָלט זיך גערן מיט דיר בעטוישט.

נאָך דער קימפּעט איז רחל זיך צעוואַקסן, אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָנגעקוואָלן טייכל מיט פאַרמאַכטע שלוזן.

פון גרויס גליק האָט מעקסי איינגאַנצן אויפגעהערט רעדן, געוואָרן ברייטער אין געזעס, פולער אין די באַקן און געאַרבעט פאַר צוויי, געטענהט, אַז עס איז צוגעקומען אַ מאַנסביל אין הויז אַריין.

די באָבע איז געוואָרן צוגעלאָזענער. זי האָט יעדן פרימאָרגן אַריינ-געבראַכט וואַרעמע, שוימיקע מילך פאַר דער שנור, דער זויגערין, אַריינגעבראַכט אַ נאַר-וואָס געלייגט איי, אויסגעווישט דערמיט דעם איי-ניקל די אויגן.

איינמאָל, מיטוואָך, ווען די פּרנסה-געבער זענען נישט געווען אינדערהיים, איז פאַרפאָרן אַ רויטער יינגערמאַן, ער האָט געבראַכט פון רחלס פאָטער אַ בריוו, וואו ער בעט דעם יינגנמאַן גוט אויפצו-נעמען. דער יינגערמאַן איז אַרומגעפאָרן פאַר אַ בית-יתומים אין ירושלים.

דער קאָלעקטאָר, אַ רעדעוודיקער, איז רחלען געפעלן. דערצו האָט דאָס קינד פון דער ערשטער רגע געקלעפּט אָן אים, געלאַכט, ווען ער האָט אַ פייף געטון, ווען ער האָט אויסגעפלאָכטן פון די אייגענע פינף פינ-גער אַ פייגעלע, געקראָכן צו אים אויף אַלע פיר.

באַ דער שוויגער האָט זיך געפּלאָנטערט, אַז דער רויטער יינ-

גערמאַן קומט אַזש פון ירושלים. זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף רחלען, נישט אָװעקצולאָזן דעם קאָלעקטאַר ביז דער שװער װעט אַהיים־קומען.

די שטילע, ברײטע צימערן זענען ליכטיקער געװאָרן מיט דעם אָנקומען פון פרעמדן. רחל איז נישט אײנגעזעסן בײַ זיך, זיך געדרײט אַ גאַנצן טאָג, זיך אײַנגעהערט, װי ער דאַװנט מיט אַ ניגון, גערעדט מיט אים אַ גאַנצן טאָג און זיך געכאַפּט, אַז איר געלעכטער, װאָס זי האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלױרן, איז צוריקגעקומען, און אַז רחל האָט פאַר־קײטלט די טיר, געלעגן אָן אָפּגעדעקטע אין בעט, באַװאונדערט די קלאָרקײט פון אײגענעם לײַב, האָט זי נאָך אַלץ געהערט זײַנע טריט, װי ער דרײט זיך אײנער אַלײן איבערן צימער.

צװישן די בײמער האָט זיך געשאַרט אַ װינטל, אַנגעקלאַפּט אין די שױבן, נישט געלאָזט שלאָפן.

רחל האָט זיך אױפגעכאַפּט אָן אױסגערוטע, אַ פרישע. דער מאָרגן איז געשטאַנען אין פענצטער, געלעגן אױפן דיל, אױף די װענט. אױפן הױף האָט געקלימפּערט דער בלעכערנער עמער — די שװיגער איז גע־גאַנגען מעלקן די קו. דאָס קינד האָט געשמײכלט אין שלאָף, געצװיגן מיט די ליפּלעך, הפּנים געחלומט, אַז עס זױגט. די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטון אױף זיך די קימאָנאָ, נישט געװאױסט פאַרװאָס פלעמלעך ציגדן זיך בײַ איר אונטער דער הױט, און אַ באָרװעסע אַרױס פון שטוב. אין קיך איז געשטאַנען דער פרעמדער, זיך געװישט מיט אַ האַנטוך און אױף די רױטע האָר האָבן געפינקלט טראָפּנס װאַסער. רחל האָט זיך באַגריסט, פעסטער פאַרצױגן די קימאָנאָ און געװאָלט צוריק אַרױס.

— כ'בין שױן פאַרטיק, שױן — האָט דער פרעמדער איר פאַרשטעלט דעם װעג.

ס'איז געװאָרן מיט אַמאָל שטיל. בײדע האָבן זיך פאַרשעמט, גע־װאָלט אײנער דעם צװײטן אָפּטרעטן דאָס אָרט און געבליבן שטײן זײן דער ענגער טיר, װאָס האָט געפירט אין צימער אַרײַן. ער האָט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטון. דאָס קינד האָט זיך צעװײנט, רחל איז געלאָפן צו זיך, געהערט װי די שװיגער קומט אָן. און אַז זי איז אַ

שטיק אויפן מאָרגן אַרויס פון צימער, האָט די שוויגער זיך פאַר איר געקלאָגט:

— וואָס זאָגסטו, רחל, ער האָט דאָך נישט געוואָלט בלייבן, דער ייד פון ירושלים. דער שווער וועט האָבן פאַראיבל.

1927

# אסתרל

אַוועקגעפאַלן אַ קינד אין שטעטל, איז די מוטער געלאָפן צו דער מילך־יידענע:

— שרהשי, קרויבעשי...

די זקנה, וואָס האָט פונאַנדערגעטראָגן מילך איבער די הייזער, האָט געקענט דעם פזמון, געוואוסט, אַז דאָס איז מען געקומען נאָך איר אייניקל, ס׳זאָל אָפּשפּרעכן אַ בייז־אויג, צי אַ באַנעמעניש.

די אַלטיטשקע האָט געמעגט האַלטן אינמיטן אויסשלאָגן פוטער, אָפּזייען מאָלקנס פון צוואָרעך, אויסקוועטשן גאָמעלקעס, ווי זי פלעגט נאָר דערזעען אַ מאַמעס פאַרחלשטע נאָז, האָט זי גלייך געוואָרפן די אַרבעט. מיט דראָבנע טריט איז זי אַריין אין שטוב, אַרייַנגעקוקט אין קוי־שטאַל און אַז זי האָט נישט געפונען ס׳אייניקל, האָט די זקנה זיך געלאָזט צום איינגעפאַלענעם פלויט, וואו אויף דער לאָנקע האָבן זיך געפּאַשעט אירע דריי קוי. די באָבעשי האָט גענומען רופן מיט אַ ייִנג מיידליש קול:

— א—ס—ת—ר—ל ! א—ס—ת—ר—ל !

דאָס שטעטל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אסתרלען, ווי מיט אַ קמיע. נישט בחינם איז זי געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל. מען האָט אויך געגלייבט, אַז די קרעלן, וואָס אסתרל טראָגט אויפן האַלז, נעמען איבער אַ בייז אויג, דעריבער זענען זיי טאַקע אַזוי בלאַס, ווי מען וואָלט די רויטקייט ביז אַ טראָפּן פון זיי אַרויסגעזאָגט.

אין דער קימפּעט, ווען אסתרל איז אויף דער וועלט געקומען, איז איר מאַמע געשטאָרבן. ס׳ברעקל האָט געפּאָכעט מיט דער נשמה, זיך געראַנגלט מיטן טויט. די באָבעשי האָט געריכערט דער טאָכטערס נאָפּל־שנור, איינגעריסן קברים און איז געווען זיכער, אַז אינם זכות פונם „הייבעל” וועט זי ס׳נפשל אָפּשרייען. און די אַלטיטשקע האָט אָפּגעראַ־

טעוועט דאָס קינד, נישט געוואוסט אָבער, אַז ווען אַ מענטש קומט אויף דער ליכטיקער וועלט און ס׳ערשטע ווען ער באַגעגנט איז דער טויט, אַזאַ איינער שיידט זיך שוין נישט מיטן טויט פאַרן גאַנצן לעבן.

צו זעקס יאָר האָט אסתּרל שוין געפּאַשעט די בהמות אויף דער לאָנקע, געהאָלפן פאַרביטערטע מ׳מעס רייסן מיענטע־גראָזן פאַר זייערע שלאַקריריקע קינדער, זיך אויסגעקליבן אין אַ ליכטיקער נאַכט איר שטערן אין הימל, אַ גרויסן בלישטשענדן שטערן.

זי איז געוואַקסן מיט דער זעכציק־יעריקער באָבע, מיט די שטומע בהמות, מיט די צרות פון שטעטל.

דער קוואַלעדיקער ברונעם, וואו אין די גרעסטע היצן איז די פוטער געוואָרן שטיין־האַרט, האָט נישט געלאָזט רוען. די באָבעשי האָט געהאַט צו דערציילן וועגן אַ פאַרחתמעטער מקווה. וועגן דער טאָכטער, צולענגערע יאָר, וואָס איז געגאַנגען טבילה אין דעם ברונעם. אסתּרל האָט זיך געבויגן איבערן מאָכיקן ברונעם־פּאָרענטש, געקוקט אין דעם קלאָרן וואַסער אַריין, וואָס האָט נישט אָפּגעלאָזט, און וואָס שטאַרקער די טיפקייט האָט געצויגן, אַלץ פייגלעכער איז געווען די פרייד, אַז אָט אין דער קילקייט זיצט ערגעץ די מאַמע.

איין מאָל אַ יאָר, ווען אין שטעטל איז געווען יאַריד, איז אָנגעפאָרן אסתּרלס טאַטע מיט אַ וועגעלע פּאָרצעליי. אַז דער פדיון איז געווען גוט, האָט ער איר געקויפט אַ פּאָר שיך, צי אַ קלייד, זיך שטענדיק געקלאָגט פאַר דער באָבעשי, אַז ער האָט שלעכט געטראָפן און באַם געזעגענען זיך געגלעט אסתּרלען איבערן קעפּל:

— נו, טאָכטערשי, וועסט אפשר מיטפאָרן אַהיים?

קליינערהייט האָט אסתּרל זיך באַהאַלטן הינטער דער באָבעס פאַרטוך, מורא געהאַט פאַרן פאָטער. ווען זי איז עלטער געוואָרן, זיך דערוואוסט, אַז ער אַליין האָט אַ שלעכטע מערכה באַם ווייב, האָט זי אויסגעהערט און זיך גערויטלט:

— ווי קאָן איך די באָבעשי לאָזן אַליין?

צו פינפצען יאָר האָט זיך דאָס לעבן באַ אסתּרן איבערגעאַנדערשט פון אַן איבערגעוואַקסן מיידל מיט שטעכיקע קנאָכן איז זי ווי איבער נאַכט רייף געוואָרן. די שפּיצ־קע קני און עלנבויגנס האָבן זיך אויסגעגלייכט, אויסגערונדיקט. די באַקן צוגעברוינט, די אויגן — העל־בייריש־

ביר און די קאַשטאַן־האָר זענען צווישן די פלעכטן אַרייַנגעפאַלן אין דער רויטקייט פון האַרבסט־בלעטער.

זי האָט אָנגעהויבן אויסצומיידן מענטשן, נישט געגאַנגען מער אָפּשפּרעכן קיין עין־הרעס, אויפגעהערט פונאַנדערצוטראָגן מילך איבער די הייזער. זי האָט איבערגענומען דאָס ווירטשאַפט — געמאָלקן די בהמות, אויסגעשלאָגן פוטער, גערייניקט די שטאַל, צוגערוימט דאָס הויז.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָבן באָבע־אייניקל געשלייסט פעדערן, געשטריקט זאָקן. בײַ דער אַלטיטשקער האָט ס'מויל זיך נישט צוגעמאַכט, פון געוואוינהייט. די זיבעציק יאָר האָבן אַרויסגערעדט פון איר, זיך נישט אָפּגעשטעלט, ווי אַ וואַסערל, וואָס רינט צווישן פאַרוואַקסענע געוויקסן. דער פלאַפּל איז געפאַלן אויף שטומען אייניקל, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט דער באָבעס פרומע רייד און דאָס יינגע לייב האָט זיך געשוימט, נישט געהאַט פאַר וועמען צו עפענען די שליוזן.

אין אַזאַ אָוונט האָט זיך צו באָבע־אייניקל אַרייַנגעריסן מלכהלע, די גבירטע פון שטעטל. זי האָט אַרומגעכאַפּט אסתרן, זי געקושט:

— וועסט מיר נישט אָפּזאָגן, אסתרל, אָן דיר גיי איך נישט אַוועק פונדאַנען... שוין דעם דריטן טאָג ווי מיין דודל ליגט אין היץ... געווען דער רופא, דער דאָקטאָר, ס'העלפט נישט... האָב איך גערופן לאהן, וויל זי דווקא, אַז דו, אסתרל. זאָלסט זיין בײַם אָפּשפּרעכן, נישט בחינם ביסטו געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל!

— גיי דאָס מאָל, אסתרל — האָט די אַלטיטשקע נישט געקאָנט זעען, ווי די גבירטע בעט זיך בײַ איר אייניקל — פאַר מלכהן מאַך אַן אויסנאַם... זי האָט עס פאַרדינט... נו, גיי, גיי, אסתרל. און אייער דודל, מלכהלע, וועט אם ירצה השם געזונט ווערן. וואָס האָבן מיר הײַנט, מיטוואָך? מיטוואָך נאַכט האָט די עין־הרע נישט אַזאַ מאַכט!

און איידער אסתר האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, איז זי שוין געשטאַנען מיט מלכהלען הינטער דער טיר, געזען ווי די באָבעשי שאָקלט אויס איר לײַדיק פאַרטוך, שיקט נאָך אַ שפּרוך:

„...אין אַלע וויסטע פעלדער, וואו ס'איז דאָ שפּאַלטן, זאָל זיך דער יצר־הרע באַהאַלטן...”

מלכהלע האָט אַ כאַפּ געטון ס'מיידל אונטערן אָרעם, זי פעסט גע-

האַלטן, ווי אַן אבן־טוב, זיך געוואונטשן אַזאַ כּלה פאַר דודן ווי אסתּרל, זאָל ער נאָר מיט גאָטס הילף געזונט ווערן.

די גבירטע האָט ברייט געעפנט דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג:

— אָט זענען מיר שוין.

אין בעט איז געלעגן אַ בחור מיט רויטע פלעקן אויפן פּנים, אויפן שטערן. מען האָט אים קוים אַרויסגעזען פון צווישן ווייסע, פּוכענע קישנס. צוקאָפּנס איז געשטאַנען אַ זקנה, דאָס פולע פּנים אָנגעשפּיקעוועט מיט וואַרצלען און בראָדעווקעס, ווי בײַ אַן אַלטער אינדעטשקע דער גוי־דער. זי האָט געוויזן אויפן חולה:

— זע, אסתּרל, צי די שליף בײַם קראַנקן איז געזאַלצן?

ס׳מיידל האָט זיך פאַרלוירן. דאָס ערשטע מאָל, ווי מען רופט זי צו אַ דערוואַקסענעם און דערצו נאָך אַ בחור. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קראַנקן, זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן און ס׳פּנים האָט אויפגע־פלאַמט בײַ איר, געוואָרן איינס מיט די האָר. זי האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיין שליף, דערפילט אַרום האַלז אַ ברי, וואָס לויפט ווי אַ משוגענער איבערן נאַקעטן לייב און דאָס וואַכע אויער ציטערט אויף:

— אס—ת—רל... אס—ת—רל...

אסתּרל האָט נישט געזען, ווי די זקנה האָט געוואָרפן הייסע קוילן אין אַ מיעדניצע וואַסער, נישט געהערט, וואָס זי פּרעפּלט איבערן חולה, נישט געוואוסט, ווי אַזוי זי איז אַרויס פונעם גבירס שטוב. אַלץ אַרום האָט זיך געדרייט, געגאַנגען אויף רעדלעך.

אָוונט נאָך אָוונט האָט דאָס מיידל געשפּרייזט ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דער לאָנקע, געבעטן גאָט, דוד זאָל געזונט ווערן. צו יעדער רגע האָט זי געקאָנט אָנטאַפּן דעם ברי אויפן האַלז, זיך איינהערן אין דעם אייגענעם נאָמען. די רומיאַנעק־בלעטלעך האָבן צוגענומען די רו בײַ דודן, אָפּגעטון אַ כּשוף, פאַרזיכערט, אַז ער וועט קומען.

און דוד איז געקומען. צוערשט בגנבה, ווען דאָס שטעטל איז שוין געשלאָפן. מיטן זומער איז דער כּשוף אין אים געוואַקסן.

אסתּר האָט נאָך נישט אָפּגעגעסן דעם נאַכטמאָלצייט, נאָך נישט צוגערוימט די שטוב — דוד שטייט שוין הינטערן פענצטער, מאַכט זיך נישט הערן, ווי די באָבע שטראָפט אים:

— אַן עבירה צו פאַרדרייען אַ יתומה אַ קאָפּ... אַ חתן איז עפּעס אַנדערש! דו אָכער, דודל, וועסט זיך אָפּשפּילן אַ זומער, פאַרגעסן ס׳מיידל און זי, די ווילדע ציג, וועט מיר אָנווייַנען אַ קאָפּ! טשעפּע זיך בעסער אָפּ, דודל, גיי צו דייניקע, אסתּר איז נישט פאַר דיר...

די באָבע איז גערעכט געווען. מלכּה, דודס מאַמע, האָט איינגע־לייגט וועלטן. זי האָט גערעדט מיט גוטן, גערעדט מיט בייזן, און אַז קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, האָט זי דודן אַוועקגעפירט קיין וואַרשע, אים אָפּגעריסן פון מיידל.

און אַז אסתּר האָט געוויינט באַם מעלקן, באַם אויסשלאָגן פּוטער, ווער האָט עס געאַרט אַ חוץ דער באָבעשי? האָט די אַלטיטשקע גע־היטן דאָס אייניקל, געזען זי זאָל זיך נישט בייגן איבערן מאַכיקן פּאַ־רענטש פונם ברונעם, איר געהאַלטן אין איין דערציילן מעשיות וועגן פרומע ווייבער, צדקניות, געזען דער יצר־הרע זאָל קיין שליטה נישט האָבן איבערן קינד און געבעטן גאָט, דער ליבער זומער זאָל אַוועק.

נאָכן זומער, אין די אָסיען־רעגנס, איז באַ יצחק מלמד געשטאָרבן ס׳ווייב. ער איז געבליבן אַן אלמן מיט פיר קליינע קינדער. ס׳ביסל יידן האָבן זיך אַזוי גענומען דעם מלמדס אומגליק צום האַרץ, אַז באַלד נאָך די שלשים האָט ס׳שטעטל, מיט מלכּהן אָן דער שפּיץ, זיך אַריינגעלייגט און געזען, אַז אסתּרל, די יתומה, זאָל חתונה האָבן פאַר יצחק מלמד.

אויבנאויף האָט די באָבע נישט אויפגעהערט צו לויבן גאָט, וואָס ער האָט איר צוגעשיקט אַזאַ כשרע נשמה פאַר אַן איידעם, אין תּוך אָבער האָט זי געפילט, אַז ס׳גאַנצע שטעטל האָט אסתּרן שלעכטס געטון — נישט פאַר אירע כּוחות יצחקלס פרומקייט, נישט פאַר אירע כּוחות פיר פרעמדע קינדער. שבת איז גאָרנישט געווען אויסצוהאַלטן מיט אים. ס׳ווייב האָט נישט געטאָרט אַריינשמעקן צו די בהמות, נישט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט מיט דער גויע, די שכנה.

געווען איז יצחקל אַ קליין, דאַר יידל, מיט אַ בערדל, וואָס איז געוואַקסן מער אויף די באַקן ווי אויף דער גאָמבע. באַם טיש איז דאָס געזעסן ווי אַ מלך, זיך באַדינט מיט דער גאַנצער שטוב, קיין גוט וואָרט נישט געהאַט פאַרן ווייב:

— וואָס טוסטו, אסתּר?

— צוזאַמען מיט די קרישקעס מעג מען דאָך אַראָפּנעמען די לייכ־טער — האָט אסתר זיך פּרובירט צו פאַרענטפערן.

— אַזא גויע ווי דו מעג.

אסתר האָט זעלטן אים געענטפערט, אפילו נישט אין כעס געוואָרן אויפן מאַן, צוגעבומען אַלץ פאַר ליב. זי האָט געוואָלט ווערן אַן אַנ־דערע, ווי יענע צדקניות, וואָס די באָבע האָט וועגן זיי איר אַזוי פיל דערציילט, אָפּגעזעסן ווינטער־שבתים איבערן טייטש־חומש, געצויגן דער באָבעשיס ניגון.

נאָכן ווינטער איז ווידער געקומען דער זומער.

אַ פאַרנאַכט איז אסתר געגאַנגען אַהיימטרייבן די בהמות פון דער לאָנקע. אַ קו האָט געפעלט. זי האָט אויסגעזוכט די גאַנצע לאָנקע, נישט געפונען און פאַרקראָכן אין וועלדל אַריין. די קו איז געווען צוגעבונדן צו אַ בוים. אסתר האָט זיך געלאָזט צו דער בהמה און געבליבן שטיין אַן איבערגעשראָקענע — דוד איז איר אַנטקעגן געקומען.

— זיי נישט בייז, אסתרל, דאָס האָב איך אָוועקגעפירט אין וועלדל אַריין די קו, געוואוסט, אַז דו וועסט זי גיין זוכן... גלויב מיר, אַז כ'בין נישט שולדיק, אסתרל... טאַטע־מאַמע האָבן מיך געהאַלטן פאַרשפּאַרט, אָוועקגעפירט קיין וואַרשע...

די וואַנסעלעך דינע, גאָר דינע, האָבן זיך געשאָטנט איבער דער אויבערשטער ליפּ, געטרויערט, און די אויגן, גרויסע, ליכטיקע, האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן אסתרס פינגער, צווישן די פאַלדן פון איר קלייד, געפאַלן אויפן דרייעקיקן קאָפּטיכל:

— זיי האָבן דיר אָפּגעשוירן די האָר?

אין דעם פאַרשנורעוועטן מיידל האָט עפּעס אַ פּלאַץ געטאָן, זיך איבערגעריסן. אַ באַליידיקט לעבן האָט אַרויסגעוויינט פון איר, געציטערט אין דודס אָרעמס, זיך אים אָ'בערגעגעבן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט די באָבע זיך געשלעפּט איבער די לאָנ־קע, געזוכט ס'איניקל, גערופן:

— אס—ת—רל, אס—ת—רל!...

— מע־ע־ע־ע! — האָט די פאַרבלאָנדזשעטע בהמה אַ פאַרבענקטע זיך אָפּגערופן און איז אונטערגעקומען מיטן געשוואָלענעם אייטער.

די באָבעשי האָט אַהיימגעפירט די שטומע בהמה. אויפן וועג האָט

זי אַרײַנגעקוקט אין דעם פֿינצטערן ברונעם, וואו די קילקייט האָט געשלאָגן אין פּנים אַרײַן, גאַרנישט געזען אין דעם חושך און פֿאַרבראָכן די אַלטע פֿינגער:

— טאַטע-פֿאָטער. .

1927

# גערטרוד

גלייך ווי אָפּענהיים איז אַריבערגעקומען פון בייערן, האָט ער זיך באַקענט מיט גערטרודען.

ער איז אָנגעקומען צו אַ דייטש אויף אַ פאַרם, וואו מען האָט געהאָדעוועט פערד. מיט דער קליינער גערטרוד, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן דער מוטער אין ווירטשאַפט, האָבן אַלע פערד־יונגען געשטיפט. זי איז אָבער געווען אַזוי קליין און דין, אַז קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פאַרפירן מיט איר אַ ליבע, זיך באַגאַנגען מיט איר, ווי מיט אַ קינד, וואָס דרייט זיך צווישן דערוואַקסענע.

דאָס האָט אַזוי באַליידיקט גערטרודען, אַז זי האָט פון אַלעמען געווייכט, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס'שטייט איר נישט אָן צו רעדן מיט די „גרינהאָרנס". כמעט אַלע פערד־יונגען זענען געווען אַריבערגעקומענע דייטשן.

אָפּענהיים איז דער ערשטער געקומען צו איר אַ פאַרליבטער, זיך באַגאַנגען מיט גערטרודן ווי אַ גרויסער, אַרויפגעקוקט צו איר. דאָס מיידל האָט זיך פאַרליבט אינם יונג, זיך גענומען טרעפן מיט אים אין פעלד, אויף זייטיקע וועגעלעך. אין די גרויסע ווינטער־אָוונטן פלעגט זי קומען צו אים אין שטאַל אַריין.

אין איינעם פון אַזעלכע אָוונטן האָט דער פאָטער זיי געפּאַקט.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אָפּענהיימען מיט אַ שטאָלענעם היי־גאָפּל. דאָס געשלעג איז געווען אויף טויט און אויף לעבן. מען האָט זיך געקנעטן די זייטן, זיך געוואַלגערט פאַרסאָפּעטע אין פערד־מיסט און אַז ביידע זענען געבליבן אָן כּוחות, האָט מען נאָכגעלאָזט. צעקנייטשטע

האָבן זיי זיך געהויבן פון דער ערד, געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ווי אָנגעבערוגזטע ביקעס, גרייט זיך נאָך אַמאָל צו וואַרפן איינער אויפן צווייטן. גערטרודס פאָטער האָט זיך אָנגערופן:

— אויב דו וועסט זיך איצט וועלן אַרויסדרייען, דזשעק, נישט חתונה האָבן מיטן מיידל, וועל איך דיך דערשיסן!

— כ'האָב אַנדערש ווי חתונה האָבן גאָרנישט גערעכנט, — האָט דער יונג זיך פּרובירט פאַרענטפערן.

— און איך פיר זיך, דזשעק, — האָט דער דייטש נאָך אַלץ נישט געקוקט אָפּענהיימען אין פּנים אַריין, — אַז כ'מאַך חתונה אַ זון צו אַ טאָכטער, גייען זיי אין דער וועלט אַריין. באַם לעבן גיב איך נישט קיין ירושה?

דער הויכער צעוואַקסענער דזשעק אָפּענהיים האָט חתונה געהאַט מיט דער קליינער גערטרוד, זיך געגרייסט, וואָס זיין ווייב איז נישט קיין יידישע, און אַז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער זי גערופן „מיין גויקע". באַלד נאָך דער חתונה האָט ער גענומען ס'ווייב, די מתנה, וואָס ער האָט געקריגן — אַ גרויסן הונט פון דער וואָלף פאַראַדע — און אַריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

באַ רייכע קרובים איז ער געוואָרן אויבער־דזשעניטאָר איבער צוויי טענעמענט־הייזער אויף פּאַרק עוועניו.

גערטרוד האָט באַ די קרובים נישט אויסגענומען. די אייגנטימערין פון די הייזער, וואָס איז יעדן שבת געגאַנגען אין טעמפּל אַריין, האָט באַ יעדער געלעגנהייט געגעבן דזשעקן אָנצוהערן, אַז אַזאַ פּאַרשוין ווי גערטרוד האָט ער נישט געדאַרפט זוכן באַ גויים, געקענט געפינען צווישן אייגענע עפּעס שענערס.

דזשעק אַליין האָט אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן גערטרודן מיט די רייכע דאַמען, צו וועלכע ער איז געקומען נאָך דירה־געלט. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז פאַר אים נישט געווען קיין שידוך און ער האָט ביסלעכווייז איינגעשפּאַנט ס'ווייב אין די שווערע הויז־אַרבעטן.

גערטרוד האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, געוואוסט, אַז זי איז נישט בעסער פון איר מוטער, וואָס אַרבעט ס'גאַנצע לעבן איבער די כּוהות. זי האָט יעדן טאָג געוואַשן די מירמל־שטיינערנע טרעפּ, געפּוצט דאָס ניקל און דאָס מעש אויף די טירן, געזען דזשעק זאָל האָבן פיר

מאַלצייטן אַ טאָג צו דער מינוט, געקראָכן פון דער הויט צו געפעלן דעם מאַן.

דזשעקן האָט געטריבן פון שטוב. ער פלעגט נאָר אַרייַנקומען אָפּעסן. באַטאָג איז ער געלעגן אין קעלער באַ די קוילן, וואו ער האָט געהאָדעוועט זיין הונט, אין די אָוונטן איז ער אַוועק מיט חברים.

גאַנצע אָוונטן איז גערטרוד געבליבן אַליין. זי איז געזעסן איבער אַ ראָמאַן ביז שפעט באַנאַכט, געוואַרט אויף דזשעקן, געטראַכט ווי מ׳האַלט אים איין אין שטוב.

די ערשטע צייט האָט זי געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, פאַרוואָס ער לאָזט זי איבער אַליין. ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך מער נישט געקלאָגט, געוואוסט, אַז איר פאָטער איז נישט בעסער. יעדעס מאָל, ווען דער פאָטער האָט זיך אָנגעשכורט, האָט ער איבערגעקערט ס׳הויז, געשלאָגן די מוטער, די קינדער. דזשעק האָט נאָך אויף איר קיין האַנט נישט אַרויפגעלייגט. יעדע עוולה האָט זי צוגענומען פאַר ליב, געציטערט איבערן מאַן, זיך געפילט שולדיק, וואָס זי האָט נישט קיין קינדער און געשטילט די פאַרדרוסן מיט די ראָמאַנען, וואָס זי האָט גענומען אין דער לייבערערי.

און ס׳האָט פאַסירט, דזשעק איז געקומען אַהיים אַ שכור, געפאַלן איבער די פיס און צוגעשטאַנען צום ווייב:

— כ׳קען נישט מער, גערטרוד!

— וואָס, דזשעק?

— כ׳קען נישט מער לעבן מיט דיר!

זי האָט זיך צעוויינט.

— זי וויינט שוין, — האָט דזשעק זיך געוויגט איבערן ווייב — וואָס ווייסטו? פאַר וועמען אַרבעט איך? פאַר די הינט?

די קליינע גערטרוד האָט געגלעט דעם גרויסן דזשעקס הענט, זיי געקושט.

— וואָס בין איך שולדיק, דזשעק!

— וואָס דען, איך בין שולדיק?

— איך אויך נישט!

— טאָ האָב אַ קינד! — האָט דזשעק זיך מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס — כ׳וויל אַ קינד! הערסט?

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע, זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים אַראָפּ, געערדט אָן אַ צוזאַמענהאַנג. גערטרוד האָט אים געהויבן, געוואָלט אַרויפשלעפּן אים אויפן בעט. זי האָט נישט געקענט. זי איז געבליבן זיצן מיט אים אַ גאַנצע נאַכט, געוויינט. אינדערפרי, דזשעק האָט זיך איבערגעשלאָפן, טוט אַ קוק, גערטרוד זיצט אַ פאַרוויינטע.

— וואָס איז, גערטרוד?

זי האָט נישט געענטפערט, געקוקט פאַר זיך מיט גרויסע קינדישע אויגן, און דער שמייכל אַרום די ליפּן, נישט קיין מענטשלעכער, האָט געשראָקן.

דזשעק האָט זיך געכאַפּט, אַז גערטרוד האָט געקריגן אַ מיש אין קאָפּ. פאַר חדשים־לאַנג האָט ער זי דאָס ערשטע מאָל אויפגעהויבן אויף די הענט.

— וואָס איז דיר, קינד מיינס?

זי האָט אים אַרומגענומען, געגלעט מיט קליינע פינגער, געקושט, זיך געבעטן:

— זיי מיט מיר!

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ מינוט, צוויי. די קינדישע אויגן האָבן ווידער געקוקט פאַר זיך, קיינעם נישט געזעען. און דער שמייכל אַרום די ליפּן איז געווען אַ פרעמדער.

דזשעק האָט אויף אַ רגע נישט קיין טראַכט געטון, אַז ער איז שולדיק אין ווייבס קרענק. ער האָט זיך בלויז באַדויערט, באַשולדיקט האָט ער אַ ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, וואָס האָט אַנאָנסירט אַ פרייז פון עטלעכע טויזנט דאָלאַר פאַר אַ נאָמען פון אַ ראָמאַן. די לעזער פונם וואָכנבלאַט האָבן געדאַרפט צוזוכן דעם נאָמען. גערטרוד, אַ ליבהאָבערן פון ראָמאַנען, האָט געשלעפט פון דער ביבליאָטעק צו צוואָנציק ביכער מיטאַמאָל, געזעסן איבער וואַרשטעס ביכער, וואָס זענען גרעסער געווען פאַר איר און געחלומט צו קריגן דעם פרייז. דזשעק האָט געטענהט, אַז גערטרוד האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס זי האָט דעם פרייז נישט באַקומען. פון עגמת־נפש האָט זי אויפגעהערט צו רעדן און אָנגעהויבן איינצודאַרן.

גערטרוד האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדן עול. זי האָט מער נישט

געוואַשן די מירמל־שטיינערנע טרעפּ, אפילו אויפגעהערט צו קאָכן פאַרן מאַן מאַלצייטן. און אַז דזשעק איז צוגעשטאַנען, זיך געבעטן באַ איר זי זאָל עפּעס טון, אַלץ פאַרעקשנטער איז זי געוואָרן, געווען זיכער, אַז זי רעכנט זיך אָפּ מיט אים פאַר די עוולות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען. טעג גאַנצע האָט זי זיך געשלייערט אין בענדלעך, אין קאָלירטע טיכלעך. אויפגעזוכט אויסטערלישע קאַפּעלושן, וואָס נאָר אַ מענטש מיט אַ ריץ אין קאָפּ קען איינפאַלן.

מיט דער צייט האָט גערטרוד אינגאַנצן אויפגעהערט רעדן, נישט געקוקט קיינעם אין די אויגן און וואָס קראַנקער זי איז געוואָרן, אַלץ קינדישער האָט זי אויסגעזעען.

איצט, ווען דזשעק האָט געמוזט נישט נאָר אַרומגיין באַ ביידע הייזער, נאָר אויך פירן ס'ווירטשאַפט, אַכטונג געגעבן אויף דער קראַנקער, דווקא איצט איז ער זעלטן אַוועק פון דער היים.

די הינט, וואָס ער האָט געהאָדעוועט זענען אויסגעוואַקסן. זעקס גרויע הינט, גרויס ווי קעלבער, מיט לענגלעכע פאַרשפּיצטע מאָרדעס. שטאַנגען, פינף פיס הויך, האָט ער צעשטעלט אין אַ קרייז, געשטאַנען מיט אַ בייטש, געקנאַלט. און די הינט האָבן זיך געהויבן איבער די שטאַנגען, איינער איבערן צווייטן. אַזוי אַ טאָג פאַר אַ טאָג.

ס'איז פאַרביי אַ חודש, נאָך אַ חודש. די קראַנקע איז נישט בעסער געוואָרן. דזשעק איז צופעליק אַוועק מיט חברים. אין אַ געוועזענעם סאַלאָן, געטרונקען דאָרט אַ גאַנצן מעת־לעת, זיך נישט געוויזן אַרום די הייזער עטלעכע טעג.

צי דער הונגער, צי די באַהאַלטענע שרעק, אַז מען קען דעם מאַן אָפּזאָגן פון דער שטעל, עפּעס האָט געטריבן גערטרודן פון הויז. אין דעם קליינעם קעפּל האָט אויפגעלויכטן אַ פינטעלע. זי האָט זיך אָנגעטון דעם קאַפּעלוש מיט די בענדלעך, זיך געגומען שאַרן אַ קליינטשיקע אַרום די ווענט, געגאַנגען אין קעלער אַריין אויפמאַכן די עלעקטריק.

זי האָט זיך לאַנג געדרייט אין טונקעלן קעלער, פּרובירט יעדע טיר, יעדן שלאָס און פאַרבלאָנדזשעט צו די הינט, וואָס האָבן שוין צוויי טעג נישט געהאַט געגעסן.

מיט איין שפּרונג האָבן די הינט, הונגעריקע, צערייצטע, אַרומגערינגלט גערטרודן, וואָס איז געבליבן שטיין אָן לשון. די הינט האָבן זיך

געהויבן אויף די פאָדערשטע פיס, געשטשירעט די ציין, זיך געטראָגן מיט אַ בילעריי איינער נאָכן אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן. פון שרעק האָט גערטרוד זיך איינגעקאַרטשעט, קלענער געוואָרן. דער קאַפּעלוש איז באַ איר אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. די הינט האָבן אים צעריסן אויף פּיצלעך און צערייצטע זיך גענומען הייבן מיט אַזאַ פלינקייט אַרום גערטרודן, אַז פון פּחד האָבן די אַזוי אויך שוואַכע קני זיך גענומען בייגן אונטער איר. אינסטינקטיוו האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳קלייד. אין מיטן פאַלן האָבן די הינט עס אַ כאַפּ געטון, זיך געקייקלט איבער דער פּאָדלאָגע אַ קאָפּ איבער אַ קאָפּ און די שאַרפע ציין האָבן געריסן דאָס קלייד אין פּאַסן.

ווי אָפּגענאַרטע האָבן זיי זיך אַ ריס געטון מיט אַ בילעריי, אָנגעלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ בלישטש אין די גרויע וועלפישע אויגן, אַז גערטרוד איז געפאַלן אָן מאַכט.

די הינט זענען נאָך לאַנג געשפּרונגען, זיך געביסן, זיך געקייקלט איבער דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און אַז זיי האָבן מיטאַמאָל דערשפּירט דעם טויט צווישן זיך, האָבן די אויגן זיך גענומען לעשן און צווישן די שוימיקע ציין זענען די צונגען ווי לעקערס געהאָנגען.

שפּעט אין דער נאַכט איז דזשעק געשטאַנען אין דער טיר פון קעלער, געקנאַלט מיט דער בייטש איבער די הינטס קעפּ, איבער די רוקנס. די הינט זענען זיך צעלאָפן אין די ווינקלען. די פעל האָט געציטערט, די אויגן געפינקלט. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס האַלב־נאַקעטע ווייב אויף דער האַנט, זי צוגעטוליעט ווי אַן איבערגעשראָקן קינד, זי געטראָגן אין שטוב אַריין און געפּרעפּלט:

— קינד מיינס.

1925

# אין אַ לבנה-נאַכט

פאַסיקלעך לבנה-ליכט האָבן זיך צעלייגט איבער סטעלאַס בעט, זיך געהויבן איבער דער קאָלדרע, ווי שאָטנס פון פייגל זיך געפּלאָנטערט אין אירע קאַשטן-האָר, וואָס זענען געווען צעשאָטן איבערן קישן.

סטעלאַס פּנים איז אין שלאָף געוואָרן ליכטיקער. די ליפּן, די אויגן-לעפּלעך, אפילו די נאָז-לעכער זענען פולער געוואָרן, זיך עטוואָס צעזינפּט, ווי פלאַנצן נאָך אַ רעגן.

זי האָט זיך איבערגעוואָרפן. דאָס ליכט, וואָס האָט זיך געריסן דורכן פענצטער, האָט אויסגעווישט פון אירע אויגן דעם שלאָף און זי איז געבליבן ליגן מיט אַ הונגער, וואָס מאַכט ס'לייב וואַכיק און צייטיק.

דאָס וואַכן אין די ליכטיקע נעכט האָט סטעלאַ מיטגעבראַכט פון איר פאָטערס פאַרם. סיי זומער, סיי ווינטער האָט זי אין אַזעלכע נעכט נישט געקאָנט איינליגן אין בעט. זי פלעגט זיך אָנטון, פאַרקריכן אין קוישטאַל, זיך אַרומשלעפּן איבער די פעלדער און מיטן לעשן פון די שטערן אַהיימגעקומען שלאָפן. נאָך דער חתונה, ווען סטעלאַ האָט זיך אַריבערגעקליבן נאָך ניו יאָרק, געוואָרן ס'ווייב פון דאָקטאָר גאָלד, האָבן די שלאָף-לאָזע נעכט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט. און אַז זי האָט זיך יאָ אַמאָל געוועקט, איז עס געקומען מיטאַמאָל, ווי אַן איינגעבוירענע מורא, וואָס ס'באַפאַלט אַ מענטשן, ווען ער בלייבט איינער אַליין אין אַ העק. מיטן וועקן זיך איז אויך געקומען אַ הונגער צו אַ יונג, וואָס האָט געאַרבעט אַ שטיקל צייט בײַ סטעלאַס פאָטער אויף דער פאַרם און זי האָט אים כמעט ווי נישט געקענט.

סטעלאַ האָט אַ קוק געטון אויף איר מאַן, וועלכער איז געשלאָפן

דערלעבן. די רעכטע באַק אַ גלאַטע, דער שטערן אָן קנייטשן מיטן שווי־בער האָר, דאָס לייכטע אָטעמען — אַלץ האָט אים צוגעגעבן אַ ייִנגליש־קייט. זי האָט זיך אַ בייג געטון איבער אים מיט אַ ציטער, ווי זי וואָלט נישט געווען אַ ווייב, נאָר אַ געליבטע, אַרייַנגעצויגן אין זיך זיין אָטעם און זיך גענומען טרייסלען איינגאַנצן. סטעלאַ האָט זיך נישט געכאַפּט, ווען אַ פאַרבאָרגן באַהעלטעניש האָט זיך מיטאַמאָל איר אָן עפן געטון. אַ שטום בענקעניש האָט זיך גענומען וויקלען פון די שפּיץ פינגער, גע־שנורעוועט ס יינגע לייב.

סטעלאַ האָט געליטן. נישט געוואוסט, פאַרוואָס גאָט שטראָפט זי. זי האָט ליב געהאַט דעם מאַן, אויסגעגאַנגען פאַרן פיר יעריקן זונדעלע, וואָס איז געשלאָפן קעגנאיבער אין אַ בעטל. וואו אַ קאַפּריז, וואו אַ פאַר־לאַנג — איר גאַנץ לעבן האָט זי אויפגעלייזט אין די צוויי מאַנסבילן — אינם דאָקטאָר מיטן פיר יעריקן יינגעלע. בײַ זיך אין האַרץ האָט זי נישט געלאָזט קיין ווינקל, אפילו קיין פינטל, וואו אַ פרעמד מאַנסבילס אַן אויג זאָל זיך קענען אַ וואַרעם טון, טאָ פאַרוואָס שטראָפט זי גאָט?

אין די לבנה־נעכט, ווען מיט דער וואַכקייט קומט דער הונגער, צעקריכט איר טריישאַפט און איבערגעבנקייט, ווי צוגעסמאַלעט שטרוי. דער יונג, וואָס האָט געאַרבעט אויף איר פאָטערס פאַרם, באַווייזט זיך. ס׳העלפט נישט, וואָס זי טרייבט אים, יאָגט פון זיך יעדע זינדיקע מחשבה. ס׳העלפט אויך נישט, וואָס דער מאַן ליגט דערלעבן. דער שטילער אומעט גייט איבער אין פּיין, נעמט אָפּ בײַ סטעלאַ הענט און פיס און זי בלייבט ליגן, ווי אַ דורכגעבראָכענע שטיק ערד, וואָס לעכצט נאָך רעגן.

נאָך כלהווייז האָט סטעלאַ געפיבערט פון ליבע, געוואַרט מיט אַ ציטער דער חתן זאָל זי שוין נעמען אין שטאָט אַריין, וואו אַ דאָקטאָרס קאַבינעט מיט אויסגעמעבלירטע צימערן האָבן געוואַרט אויף איר. געווי וואָס עס דאַרף פאָרקומען, האָט סטעלאַ נישט געוואוסט, גאָר יינג געווען. זי האָט זיך געפילט זיכערער, וואָס דער חתן איז אַ דאָקטאָר און ס׳איז גענוג געווען אַ טראַכט צו טון פון דער חתונה, יעדער נערוו זאָל זיך בײַ איר אויפטרייסלען פון פרייד.

די חתונה האָט געדאַרפט זיין אין יוני. טעג זענען געשטאַנען לאַנגע, נעכט — בלויע, קורצע.

סטעלאַ האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. יעדן טאָג איז זי

פאַרקראָכן צו זייערס אַ שכנה, גאָר אַ ייִנגע פאַרמערין, וואָס האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט. דער סוד, וואָס ליגט צווישן מאַן=ווייב, האָט דערגעגטערט די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך כמעט ווי נישט פאַרשטאַנען. מען איז געזעסן שעהן אויפן טרעפל, אויף דער זון און גערעדט, ווי מען וואָלט ס'גאַנצע לעבן געוואַקסן איינינעם און אַז עס האָט דערעסן, האָט סטעלאַ זיך אַוועקגעשלעפט מיטן ווערדל, זיך פאַרקליבן ווייט צווישן רויר=שטעקעלעך, געבאָדן דאָס הייסע לייב אין קאַלטן, לויפנדיקן וואַסער.

סטעלאַ איז געגאַנגען מיט פעלדער, וואָס האָבן געביטן די קאָלירן, זיך געוויגט אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך געצויגן אָן אַ סוף. די פעלדער זענען שוין לאַנג געווען צעאַקערט און פון דער זריעה, וואָס האָט זיך געוואַרעמט צווישן די קרישלדיקע ברילעס ערד, האָבן אַרויסגעשפּראָצט פאַרביקע קעפלעך, זיך געשפּאַרט, זיך געצויגן צו דער בלויקייט.

סטעלאַ האָט זיך אַריינגעדרייט צום פאַרם=הויז. ס'רויטע פערד איז איר אַנטקעגן געקומען, געשלאָגן מיט פאַרע. נאָכן פערד איז אָנגעקומען דער יונג, צעאַקערט אַ שטיקל לאַנד, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָט.

— אַזוי שפּעט אין יוני אַקערט איר? — האָט סטעלאַ סתם אַ פרעג געטון און געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

— ס'איז טאַקע אַ ביסל צו שפּעט, — האָט דער יונג מיט אַ פייף אָפּגעשטעלט ס'פערד און זיך אַ רוק געטון צו סטעלאַן אַזוי נאָענט, אַז ס'האָט אויף איר אַ בלאָז געטון מיט פריש געבאַקן ברויט — אין פיר וואָכן אַרום, וועלן מיר שוין האָבן ראש=חודש=רעטעכלעך...

— איך וועל דעמאָלט שוין נישט זיין אויפן פאַרם, — האָט סטעלאַ חרטה געהאַט, וואָס זי רעדט פאַר אַ פרעמדן.

— אַ שאָד — האָבן די ליפּן זיך געעפנט באַם יונג און דאָס אָפּגעבריענטע פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט דער ווייסקייט פון די ציין, מיט דער טיפקייט פון די שוואַרצע אויגן.

ער האָט ווידער אַ פייף געטון. דאָס פערד האָט אַ שלעפּ געטון ס'אַקער=אייזן. דער יונג האָט זיך מיטגעבויגן, געגנורעט די פיס אין דער ווייכקייט פון דער געריסענער ערד.

באנאכט האָט ס'לבנה־ליכט נישט געלאָזט שלאָפן. א ווינטל האָט זיך געשפּילט מיטן געשטריקטן פאָרהענגל, עס ארויסגעשלעפּט דורכן אָפענעם פענצטער, עס געפלדלט.

פון די פעלדער זענען אָנגעלאָפן לייכטע טריט, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. סטעלאַ האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעשפּיצט די אויערן, די אויגן, געוואָלט פאַרטויבן אַ שטום געשריי, וואָס האָט זיך געריסן אין איר. זי האָט געכאַפּט די שטיקלעך ליכט, וואָס האָבן שעמערירט אויף דער קאָל־דרע, אויף דער וואַנט, פאַרקוועטשט די קליינע פויסטן. זיי צוריק גע־עפנט און געהאַט דערביי אַ מינע, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרלוירן. זי האָט אַ כאַפּ געטון איןביידע הענט ס'נאַקעטע יינגע לייב, ווי מען כאַפּט אַ קינד, זיך געטוליעט צו דער וואַנט און זיך געטרייסלט.

אין איילעניש האָט זי זיך גענומען אָנטון. זי איז שטיל ארויס פון הויז, אַריינגעשמעקט אין קו־שטאַל, אין היגער־שלאַק, זיך געשאַרט אַרום די ווענט, ווי זי וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן און זיך געלאָזט מיטן פעלד, געגאַנגען מיט דער לבנה.

אויף אַ בערגל האָט זי זיך צוגעזעצט. אין דער שטילקייט איז זיך יעדער שאָרך צעוואַקסן, געקומען פון די צעוואָרפענע ביימער, געקומען פון די בושעס, פון יעדן גרעזל.

פון פעלד איז עמעצער אָנגעקומען, פלינק אַריבערגעשפּרונגען דעם דראָטענעם פּלויט און זיך געלאָזט מיטן טאָל, ס'זאָל זיין נענטער צום הויז. סטעלאַ האָט דערקענט דעם יונג און זיך געחידושט, פונוואַנען ער בעמט זיך דאָ אַזוי שפּעט.

די נאַכט האָט געאָטעמט מיט צייטיקע מאַלינעס, מיטן יאָגן זיך פון בהמות.

דער יונג האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, גענומען דרייען מיטן קאָפּ, זופן אָפּט מיט דער נאָז, ווי אַן אָגער, ווען ער דערשמעקט אַ קאָבילע.

ער האָט זיך געלאָזט צום בערגל.

סטעלאַ איז אים אַנטקייגנגעגאַנגען. זיי זענען געבליבן שטיין שטומע, זיך געקוקט אין די אויגן און ס'לייב באַ סטעלאַן האָט געהאַלטן אין אויפגיין, שטייפער געוואָרן. זי האָט זיך געשראָקן, געוואָלט שרייען און בשעת מעשה געטראַכט, אַז אין זיין לייכטן גאַנג, אין די גלייכע

פּלייצעס, אין די ליפּן, וואָס זענען שטענדיק גרייט אַ פּייף צו טון, הערט זיך דער קנאַל פון אַ בייטש.

דער יונג האָט זי אַרומגענומען, זיך געלאָזט מיט איר אין פּעלד אַריין. אין גאַנג איז די מורא פון סטעלאַן אַוועק. צעקנעפּלטע מיט פאַרשאַרפטע נאָז-פליגל, האָבן זיי זיך געטראָגן אין דער נאַכט, געוואָרן איינס מיט דער קילער טיף-אויפגעאַקערטער ערד.

איינציקווייז האָבן די שטערן זיך גענומען לעשן, אויסגעלאָשן אויך סטעלאַן. זי איז געבליבן ליגן אַן אויסגעליידיקטע, נישט געוואוסט פאַרוואָס שטראָפט זי גאָט, און זי האָט אַזוי ליב דעם מאַן. זי האָט איינגעבורעט דעם קאָפּ אין זיינע נאַקעטע אָרעמס. אים געוואָלט פאַרזיכערן, אַז נישט זי טראַכט וועגן יונג, עפּעס אַן אַנדערע סטעלאַ. אַ נישט-גוטע — און אירע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט צו קושן דעם מאַן.

אַ פאַרשלאָפענער האָט דער דאָקטאָר זיך אַ וואָרף געטון, זיך געוואָלט באַפרייען פון איר:

— לאָז שלאָפן, סטעלאַ! וואָס פאַר אַ קושן מיטאַמאָל? ווייסט דאָך, אַז כ'בין שפּעט אַהיימגעקומען, געהאַט באַנאַכט אַ פּאַציענט.

1926

# אַ הענדל

דייוו נאָוויס, אַ רייכער פאַרמער, האָט אין די פערציקער חרטה געקריגן, וואָס ער איז געבליבן אַ בחור און באַשלאָסן חתונה צו האָבן.

דער אַלטער מיס נעלסאָן, וואָס האָט יאָרן לאַנג אַכטונג געגעבן אויף דייווס ווירטשאַפט, איז נישט געווען צום האַרץ, וואָס נאָוויס קלייבט זיך אַראָפּצובריינגען אַ באַלעבאָסטע. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרזאָרגטע, מורא געהאַט פאַר דער אייגענער עלטער און פון גרויס ערגערניש איז זי איצט נאָך מער ווי שטענדיק אַרומגעגאַנגען בײַ די בהמות, בײַ די הינער, געשטאַנען בײַם קאָכן, בײַם וואַשן, געשריגן אויף די אַרבעטער, אויף די דינסטן, ווי זי, מיס נעלסאָן, וואָלט געווען נאָוויסעס ווײַב. איר מוח, וואָס איז שוין געווען אין די הויכע זעכציקער, האָט געאַרבעט מעשים, נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז עפּעס אַ ווילד־פרעמדע זאָל בײַ איר צונעמען דעם פּאַק שליסלען. זי האָט געהאַט אויפן אויג איר אייגענע שוועסטערס טאָכטער.

— איר ווייסט, מיסטער נאָוויס, — האָט מיס נעלסאָן אונטערגעטראָגן דעם באַלעבאָס אַ האַלב הינדל, אַ געבראָטנס — איך האָב פאַר אײַך אַ מיידל אַ „פּיטש" — יונג, שיין און דער עיקר — אַ ווירטין. איין חסרון דערבײַ — זי איז נישט קיין יידישע.

— דאָס איז גאָרנישט, מיס נעלסאָן, — האָט נאָוויס געקנאַקט מיט זײַנע שטאַרקע ציין די ביינדלעך — איך בין נישט רעליגיעז, זאָל זי מיר נאָר געפעלן.

מיס נעלסאָן האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל איר שוועסטערס טאָכטער, נאָך גאָר אַ יינג מיידל. דאָס מיידל האָט שווער געאַרבעט בײַם פאָטער, אַן אָרעמער קיילער. זי האָט פונאַנדערגעטראָגן צו

די קונדן אָן געלט שטיקער לעבער, שטיקער לונג, אַבי זיי זאָלן קומען קויפן באַם פּאָטער פלייש.

דאָס מיידל, קערי האָט זי געהייסן, איז געווען אַ בלאָנדע, אַ געוויקסיקע, מיט אַ קינדיש מאָגער פּנים. אויגן האָט זי געהאַט שמאָלע, ווייכע, ווי באַ אַ סאַרנע. האָר לאַנגע, געדיכטע, האָבן פון צופיל משא זיך געהאַלטן אין איין פונאַנדערפאַלן, געלעגן אַרום קאָפּ, ווי פריש געשניטן שטרוי.

קערי איז אַרויסגעקומען אָנפאַנג מאַי, ווען נאָוויס מיט זיינע אַרבעטער זענען פון באַגינען ביז זון-אונטערגאַנג געווען אין פעלד, געאַקערט, געזייט.

דאָס מיידל האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט זיך. זי האָט זיך געשאַרט איבער די פעלדער, וואָס זענען געווען אָפּגעצוימט מיט דראָט, זיך איינגעהערט ווי אין דער טיפער שטילקייט הילכן אָפּ גלעקלעך. אין פייכטן טאָל, וואו ס'גראָז איז געווען גרעסער, האָבן בהמות זיך געטאָפּטשעט. צווישן די פלאַכע פעלדער האָט נאָוויסעס האַלב-קיילעכדיקע הויז מיטן רויטן דאַך אויסגעזען, ווי אַ קאַרוזעל. באַלד ווי הויף האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אָנגעהויבן די צעאַקערטע פעלדער, שוואַרצע, פינקעלדיקע, ווי שטייענדיקע וואַסערן. פון דער שוואַרצקייט זענען אַרויסגעשוואומען אַ פּאָר פערד, נאָך זיי נאָוויס, אַ הויכער, אַ ברייטער. נאָוויס, דאָס אַקער-אייזן, די פערד, אַלץ האָט זיך געכוואַליעט אין די אויפגעריסענע טיפענישן פון דער ערד, געאָטעמט מיט אַזאַ גבורה, אַז קערי האָט אויפגעציטערט פון פרייד, געזוכט אַ פּלאַץ, וואו זיך צו באַהאַלטן. זי איז געשטאַנען אינמיטן פעלד. אירע ווייכע אויגן זענען גרעסער געוואָרן, די יינגע פיס האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. קערי האָט געוואַרט דער מאַן, די פערד זאָלן שוין צוקומען, זי מיטשלעפּן, ווען דאָס צעהיצטע לייב אירס זיך אויסבאָדן אין דער קילקייט פון די קרישלדיקע ברילעס.

די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט. פון די נאָזלעכער, פון די בייכער, וואָס האָבן זיך געהויבן ווי בלאָז-זעק, פון די צעפּאַטלטע גריוועס — פּאַרע האָט זיך פון אומעטום געקנוילט, דורכגענומען קערין, דערמאָנט דעם טאַטנס יאַטקע און ס'טריפענע בלוט האָט זיך אַ גאָס געטון איבער

אַלע גלידער. נאָוויס, אַן אויסגעשמירטער, אַ צעפּאַרעטער, ווי די פערד זיינע, האָט אַרויפגעלייגט אויף איר אַ האַנט:

— אַ פיינער טאָג היינט, קערי.

— ס'איז אַזוי גוט דאָ בײַ אײַך אויפן פּאַרם, מיסטער נאָוויס — האָט קערי אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דייווס הענט, קליידער און איז אַזוי רויט געוואָרן, אַז די ליכטיקע האָר אירע האָבן זיך אַ צינד געטון — איר דאַרפט זען, מיסטער נאָוויס, די מומע זאָל מיר געבן עפּעס אַן אַרבעט, פון גאָרנישט טון, קען אַ מענטש פון קאָפּ קומען.

נאָוויס האָט אָנגעקוואָלן פון דער מויד. ער האָט זי אַ נעם געטון פאַר דער גאָמבע, ווי אַ פאָטער נעמט אַ קינד, באַטראַכט אירע קליינע, ווייסע הענט און זיך צעלאַכט:

— מיט אַזעלכע הענט קען מען דען עפּעס טון?

— אוי, קען מען, — איז קערי נישט איינגעשטאַנען אויף אירע בויגיקע פיס, געשליידערט פון אונטער זיך די ערד, ווי אַ יינגע, אויסגעהונגערטע קאָבילע — וואָס ווייסט איר, וויפיל איך האָב צעאַרבעט באַם טאַטן אין יאַטקע.

— באַ מיר וועסטו אַזוי פיל נישט אַרבעטן, — האָט ער זי צוגעטוליעט צו זיך און זיינע פעסט-צונויפגעקלאַפּטע פלייצעס האָבן זיך פונאַנדערגעטרייסלט.

נאָוויסן איז קערי געפעלן פון ערשטן טאָג אָן. און כאָטש ס'זענען פאַרביי חדשים און ער האָט צומאָל קיין טראַכט נישט געטון וועגן זיין יידישקייט, האָט עס אים פונדעסטוועגן געשטערט, וואָס קערי איז אַ גויע, וואָס איר פאָטער וועט נאָך פאַרלאַנגען, ער, נאָוויס זאָל זיך שמדן. אַזעלכע רעיונות, אַז זיי זענען אים באַפאַלן, האָט ער זיי געטריבן פון זיך. דערצו האָט אים געצויגן צו דער מויד. ווי דער טאָג האָט זיך געענדיקט אין פעלד, האָט ער זיך געאיילט אַהיים, געגעסן מיט קערין נאַכט-עסן, געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן און ווען נישט מיס נעלסאָן, וואָס האָט גערופן דער שוועסטערס טאָכטער ש'אָפּן, וואָלט ער מיט קערין אויפגעוועקט גאַנצע נעכט.

אין סאַמע ברען, ווען מ'האָט נישט געקענט קריגן גענוג „הענט"

צו באַאַרבעטן די פעלדער, האָט נאָוויס אַלץ געלאָזט שטיין און איז צו־געפאָרן מיט קערין צו אַ שכן אויף אַ חתונה.

די שכנים זענען נישט אָפּגעטרעטן פון נאָוויסן. מ׳האָט געהאַלטן אין איין שלעפּן שטולן, זיך אַרומגעזעצט אַרום אים און קערין. דער רע־דעוודיקער צווישן זיי האָט געזאָגט דייוון:

— וואו האָסטו זי דערטאַפּט? אויף אונזערע פעלדער וואַקסט דאָס גאַרנישט!

— אַ שטאָטישע, — האָט נאָוויס זיך געשמאָלצן פון נחת.

— איצט, דייוו, וועט ס׳ייגנוואַרג בעמען פאָרן צו דיר צו גאַסט — האָט אַ צווייטער איינגערוימט.

— קומט נאָר אַזוי אָפּט, ווי כ׳וועל אייך גוט אויפנעמען, — איז נאָוויס פון גרויס גליק גרייט געווען מיט יעדן איינעם זיך צו טיילן מיטן ביסן.

ערשט דאָ אויף דער חתונה האָט דייוו דערזעען, אַז קערי איז קיינעם נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. ס׳איז מער נישט געווען דאָס צוריקגעהאַלטענע מיידל, וואָס רויטלט זיך. די אויגן האָבן געלויכטן, די באַקן האָבן זיך לייכט געצונדן און צווישן די בלאָנדע פּאַסמעס האָר האָט דאָס עלעקטרישע ליכט זיך געהאַלטן אין איין גיסן.

שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי געפאָרן אַהיים, געווען גליקלעך. מיט איין האַנט האָט דייוו געפירט די מאַשין און מיט דער צווייטער פעסט געהאַלטן קערין, אַריינגערעדט אין איר:

— מיין קליין מיידל. מיין ליכטיק מיידל, אַלץ איז דיינס, די פעל־דער, די בהמות, די פערד... אַלץ!

דער ריח פון וויין, פון בראָנפן האָט געשלאָגן פון דייווס רייד, פאַרשכורט קערין. זי האָט צונויפגעשרויפט די הייסע ליפּן, אים אויסגע־קושט די אויגן, דעם שטערן. ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין, און זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט.

אַז קערי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. זי האָט געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט און בעפילט ווי ס׳ייִנגע, פרישע לייב שלאָפט נאָך. זי האָט זיך איבערגעצויגן, געוויקלט ס׳פּנים אין די שמעקעדיקע האָר, געזוכט דייוון. ער איז שוין געווען אין פעלד. זי איז אַרויס פון בעט, געבליבן שטיין אין לאַנגן, ווייכן נאַכט־העמד, וואָס האָט

זיך אראָפּגעגליטשט פון רעכטן אַקסל, זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט, וואָס איז געלעגן הינטער די פענצטער און דערפילט, אַז איר לעבן האָט זיך איבערגעאַנדערשט. זי האָט אָנגענומען די פּאָלעס פונם העמד, זיי געצויגן, געהערט אין דעם שאָרך אַ שטיל געוויין.

— אַ גוטן אויפשטיין, קערי, — איז מיס נעלסאָן אַריין מיט דראָבנע טריט.

— ס'איז מיר גוט, מומע. — האָט קערי אַרומגעכאַפּט די אַלטיטשקע.

— כ'זע, קינד מיינס. האָסט עס מיר צו פאַרדאַנקען. יאָ, קערי, דייוו וועט באַלד אָנקומען פון פעלד און דו האָסט נאָך גאָרנישט פאַר אים אויף מיטאָג. ס'ערשטע דאַרף מען זען, אַז אַ מאַנסביל זאָל זיין זאַט, ער זאָל האָבן אַ פולע קישקע, קען מען בײַ אים אַלץ פועלן. ווייסטו גאָר וואָס? בראָט אָפּ אַ צוויי הינדלעך.

— גוט, — האָט קערי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ געבלימט קליידל, אָנגעשטעקט אַ פּאָר שטעק־שיך, פאַרדרייט די האָר אין אַ קאָקס און איז אַרויס אויפן הויף, געלאָפן צום הינער־שלאַק.

דייווי האָט זיך געדרייט אַ גאַנצן פאַרמיטאָג איבער די פעלדער און מיט אַ שעה פריער אַריינגעקומען:

— גוט מאָרגן, מומעשי, וואו איז קערי?

— אויפן הויף, בײַ די הינער.

דייוו האָט זי נישט געקענט געפינען. פון הינער־שלאַק האָט זיך געטראָגן אַ כאָרכל. ער איז צוגעגאַנגען. קערי איז געשטאַנען מיט צעלאָזטע האָר, אַ האַלב נאַקעטע, געהאַלטן אַ הענדל בײַ די פיס און מיט אַ שאַרף קיך־מעסער געוואָלט אָפּהאַקן ס'קעפּל. זי האָט זיך איבערגעשראָקן און אַראָפּגעלאָזט ס'מעסער אָן אַ זייט. בלוט האָט אַ שפּריץ געטון צווישן די ווייסע פינגער פון איר קליינער האַנט.

— וואָס טוסטו, קערי? — האָט דייוו זי אַ כאַפּ געטון פאַר אַ נאַקעטן אַקסל.

— אוי, דייוו, האָסט מיך איבערגעשראָקן! — האָט זי געעפנט פולע, בלוטיקע ליפּן, — דאָס גרייט איך צו פאַר דיר מיטאָג.

— האָסט עס דאָך געקענט הייסן עמעצן אַנדערש טון.

— כ'טו עס יעדן טאָג, — האָט זי זיך אַ ציי געטון צו אים, אויס־

געשמירט דייווס האַנט מיט בלוט — דערצו האָב איך ליב אָפּצוהאַקן די קעפּלעך, באַם טאָטן אין יאַטקע פּלעגט דאָס זיין מיין אַרבעט.

דייוו איז געשטאַנען אַ בלייכער, געקוקט אויפן הענדל, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די פליגל, געכאָרכלט מיטן נישט דערקוילעטן העלדזל. קערי האָט זיך איינגעבויגן און געכאַפּט דאָס הענדל פאַר די לאַפּקעס און אַז זי האָט גענומען זוכן אַרום זיך ס'מעסער, איז דייוו אַרויס פון שטעלכל ווי אַן אונטערגעשאָסענער, געמאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעיאָגט פון עמעצן:

— ניין, ניין, ניין!

ס'לעבן האָט זיך מיטאַמאָל אַ קאָרטש געטון אין נאָוויסן, פאַרוואָרפן ס'קעפּל, ווי דאָס פאַרוואונדעטע הענדל און דער ייד אין אים האָט אויפגעצאַפּלט:

„אַבי נישט צו שפּעט!"

1927

# אַ שפּיל

ביידע געוויקסיקע. פּנימער אָפּענע, ליכטיקע. אויגן — העל און טונקל ביר. בענס האָר ווייכע, צוגעבדרוינטע. עוועלינס — לאַנגע, קאַשטאַנזעוואַטע, פאַלן אַריין אין רויט. אין גאַס, באַ באַקאַנטע, וואו מ׳זאָל זיי נישט באַגעגענען, מוז מען זיך אָפּשטעלן, און נישט פון קנאה, ס׳ווערט סתם פריילעך, וואָס אויף דער וועלט לעבן שיינע מענטשן.

עוועלין האָט זיך געשפּיגלט אין בענען, אין מאַן אירן, און בען — איז עוועלינען, וואָס האָט אים געבוירן אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. בען איז געווען אַ קינדער-דאָקטאָר.

אַן אָנגעטויענער אַוועקצוגיין, איז בען אַריין צו די קינדער אין שלאָף-צימער. עוועלין האָט זיך געפּאָרעט מיטן קליינוואַרג, זיי געלייגט שלאָפן.

— פּאַ, פּאַ, — האָבן די קינדער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרעס, אויפגעשפּרונגען אין די וואַרעמע נאַכט-העמדלעך — וואו גייסטו, פּאַ?

די קינדער האָבן אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער, אים אויסגעקושט די אויגן, די באַקן, דעם שטערן. עוועלין האָט אָנגעקוואָלן. דער האַלז, די פּלייצעס, ס׳האַרץ — אַלץ איז באַ איר געווען אָפּגעדעקט, געלויכטן מיט אַזאַ וואַרעמער ווייסקייט, ווי איר פאַררויטלט פּנים וואָלט נישט געקומען פון דער צענטראַלער באַהייצונג, נאָר פון אייגענעם לייב. אַ צופרידענע, אַ רויקע האָט זי געפרעגט:

— טאַקע, וואו גייסטו?

בען האָט זיך באַפרייט פון די קינדער. ער האָט אַרומגענומען ס׳ווייב, איר געקוקט אין די אויגן:

— כ׳האָב אַ מיטינג, מאַ. פּראָפעסאָר גרעי רעדט היינט...

די העלע און טונקעלע אויגן זענען גרעסער געוואָרן, זיך איבער־געגאָסן פון איין פּנים אין צווייטן און די ליפּן פולע, בלוטיקע האָבן זיך באַגעגנט איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריט מאָל.

אינדרויסן האָט געוואַרט אויף בענען דער שווארצער שאָפער מיט דער מאַשין, וואָס איז געווען ארומגעדעקט מיט אַ קאָלדרע און געסאַפּעט אויפן פראָסט.

בען האָט אַריינגעאָטעמט די קעלט, געשטאַנען אַ ווייל פאַרן אָפּצי־נעם טירל פונם אויטאָ־מאָביל, געקוקט אין טונקל־בלויען הימל, וואָס האָט זיך געריסן פון צווישן די הייזער און אַ זאָג געטון צום שאָפער:

— דזשאָן, וועסט צופאָרן אין ווען קאָרטלענד פּאַרק.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אויסגעבעטער מאַשין, גע־בליבן זיצן אין דער ברייט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן כאַפּן אַ דרעמל. בען, דער מאַן, דער טאַטע, דער דאָקטאָר, וואָס האָט אַ גרויסע פּראַקטיק, אַלץ האָט מיטן פאָרן זיך גענומען אַוועקקייקלען. און אַז די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פאַרשנייט פעלד, איז בען שוין געווען ווייט פון יענעם לעבן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט בײַ זיך אין הויז.

אין דער וואַרימער, ליכטיקער מאַשין מיט אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן, האָט בען זיך איבערגעטון. אין אַ פּאָר געשפּרענקלטע „ניקערס", אין אַ ווייסן סוועטער און מיט אַ ווייסערער קעפּ, איז ער אַרויס פונם אויטאָ־מאָביל. אין דער האַנט האָבן געקלימפּערט אַ פּאָר פינקלדיקע גלי־טשערס.

דער שניי האָט געבלישטשעט, זיך איבערגעגאָסן אין בלוי, פּיאָלעט און אַלץ אַרום האָט געבריט פון פראָסט. דאָס אייז איז געווען אָפּגע־שאָבן פון די בלאַנקענדיקע גליטשערס, זיך געגרינט ווי שויבן, פול געווען מיט געלעכטער.

פון פרייד האָט בען געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס. די גלידער זענען געוואָרן שטייפער, בויגיקער, זיך געוויגט אויף די גליטשערס. ער האָט געשניטן דעם טייך אין דער לענג, אין דער ברייט, געפילט, אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט, דאָס פּרובירט ער אויס דאָס אייז, — באַלד וועט זיך אָנ־הייבן ס'רעכטע געדיכטע. און יעדעס מאָל, ווען ס'איז אים אויסגעקומען פאַרבייצולויפן אָן איינזאַמע דאַמע, צי אַ מיידל, איז ער ווי אַ גוטער ריי־

טער, וואָס שפּאַרעט אונטער ס׳פערד, זיך צעלאָפן, פאַרבייגעפלויגן, לייכט באַלאַנסירט ־טן גאַנצן קערפּער און פאַרשייט־יינגליש רוף געטון:

—אָ־יאו־או!

נישט געווען באַ בענען קיין גרעסערע פרייד, ווי זיך אַרויסצוכאַפּן פונדערהיים אַליין, ס׳ווייב זאָל אפילו נישט וויסן דערפון. דאָס פלעגט טרעפן מיט אים איין מאָל, צווי מאָל אַ חודש. ער האָט אויסגעזוכט אַ פּאַרדעכטיקן באַל, אַ גליטש, צי ער פלעגט זיך גאָר אַוועקלאָזן אויף בראָדוויי. זיך געגרויסט, וואָס ער קאָן אויפן קוק דערקענען, ווער ס׳איז אַ מיידל און ווער אַ ווייבל. ער האָט זיך געיאָגט נאָך מיידלעך. די שפּיל פלעגט אָנהאַלטן שעהן, אָוונטן גאַנצע. ער האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרשעפּען מיט מיידלעך, וואָס פליען מיט די אויגן אַריין, האַלטן שטענדיק גרייט די נעגל אַ דראַפּע צו טון. און אַזוי גיך, ווי ער איז בייגעקומען די ווילדקייט אין דעם מיידל, זי איינגעבראָכן, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן אַ באַרויקטער, ביז ס׳איז ווידער אויף אים אָנגעפאַלן די בענקעניש זיך אַ יאָג צו טון.

באַם סאַמע ראַנד אייז, וואו פאַרשנייטע ביימער האָבן זיך געשאָטנט אונטער דעם לבנה־ליכט, איז געשטאַנען אַ יינג מיידל אין אַ פוטערן היטעלע. זי האָט געאַרבעט מיט די גליטשערס און זיך נישט גערירט פון אָרט. יעדעס מאָל, וואָס דאָס מיידל האָט זיך אַ שטופּ געטון אויף אַ פריער, זיך געוואָלט פונאַנדערפאָרן, זענען די גליטשערס געגאַנגען אויף צוריק. זי איז אַזש בלוי געווען פון קעלט.

בען איז פאַרביי דעם מיידל איינמאָל, נאָכאַמאָל. זי האָט זיך אָפּגים פאַרשעמט, זיך צעלאָפן, געזעען, אַז די גליטשערס טראָגן זי, האָט דאָס מיידל געקראָגן קוראַזש, אָנגעוואָרן די גלייכגעוויכט און מיט אַ קוויטש זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פיר.

בען האָט זיך אַ צי געטון, אויסגעשניטן אַ פילפּאַכיקן קרייז און געבליבן שטיין באַם מיידל. ער האָט זי אויפגעהויבן און זיך פאַרנייגט:

— קען איך האָבן ס׳פאַרגעניגן אייך צו פירן, יאַנג ליידי?

— כ׳בין זייער אַ שלעכטע גליטשערין, — האָט ס׳מיידל פּרובירט אַ לאַך טון און געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר די הענט, געוויזן ווי זי זאָל זיך

האלטן און גענומען גיין מיט איר צוערשט פאמעלעך, געביטן דעם אימ־פעט, געזעען, אז זי בלייבט נישט הינטערשטעליק, האט ער זיך גענומען טראגן מיט איר שנעל און שנעלער. א צאפלדיקער, א פרישער האט ער געקוקט אין אירע אומרויקע אויגן און שטיל א פרעג געטון:

— איר זענט ס'ערשטע מאל אויפן אייז?

— ס'צווייטע.

— פאר צוויי מאל גליטשט איר זיך אויסגעצייכנט.

— ווען איר פירט מיך — האט ס'מיידל זיך אנגעשפארט אן זיין ארעם.

— א, ניין, — איז בען געווארן ערנסט, איר האלט זיך לייכט אויפן אייז. צוויי, דריי לעקציעס און איר וועט זיך גוט גליטשן, כ'פארזיכער אייך.

בען האט זי אנגעגומען פאר די הענט, געהייסן אויסשטעלן דעם רעכטן פוס און ציילנדיק איינס־צוויי, איינס־צוויי, האט ער זיך געטראגן מיט איר ארום דעם אייז. די הויט האט אויף אים געברענט. ער האט געהאט דאס געפיל, אז לעבן אים טראגט זיך נישט קיין מיידל, נאר א יונג, ווילד פערד, וואס שיסט מיט די פיס, לאזט צו זיך נישט צו, און ער, בען, דארף דאס ערשטע מאל ארויפווארפן אויפן ווילדן פערד דאס זאטל.

דער עולם אויפן אייז איז געווארן שיטערער. בען האט אוועקגע־פאטשט מיטן מיידל, אויסגעשניטן רעדער, פיגורן, געזעען, אז עפעס פלאנ־טערט זיך ארום אים, האבן די פיס שנעלער גענומען שפאנען, געוואלט אריין אין ד'עם פלאנטער. דא און דארט איז פארבייגעלאפן א פארל, פארשוואונדן און ארום איז מיטאמאל געווארן אזוי שטיל, אז ס'מיידל האט זיך איבערגעשראקן.

— ס'ווערט שפעט.

— נאך איינמאל ארומלויפן דאס אייז און מיר גייען אהיים, גוט? — האט בען זיך געבעטן בא איר.

— גוט.

— איר וואוינט ווייט פונדאנען?

— נישט ווייט.

— מיט עלטערן?

זי האָט זיך געקווענקלט אַ ווײַלע, אַרײַנגעמאַכט די הענט אין די קעשענעס פֿון סוועטער, נישט אײַנגעשטאַנען און מיט חשד אַ זאָג געטון:

— יאָ.

אָן אויפֿגערוימטער האָט בעט הינטערוויילעכס אַ נעם געטון דאָס מיידל פֿאַר די הענט און מיט איר גענומען פֿליען איבערן אייז.

— צו גיך, כ'פֿאַל! ניטע — האָט דאָס מיידל זיך געבעטן.

אינמיטן לויפֿן האָט בען זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ זייט, וואו בענקען געשטאַנען, און מיטאַמאָל זיך אָוועקגעזעצט. ס'מיידל איז אַ פֿאַל געטון אויף אים, פֿאַרריסן די פֿיס ביז איבער די „פּלומערס". ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

איבערן אָפּגעשאָבענעם אייז האָבן זיך געהויבן שטויבעלעך, צוריקגעבראַכט דאָס געלעכטער. דאָס מיידל האָט זיך אַ ריס געטון פֿון אים:

— איצט גייען מיר! ס'איז שפּעט.

— כ'וועל אייך צופֿירן מיט מיין מאַשין, — האָט בען זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ קני, גענומען אויסטון דעם מיידל די גליטשערס.

— איר קענט מיך נישט אָפּפֿירן, — האָט דאָס צעפּלאָמטע פּנים געשמייכלט.

— פֿאַרוואָס?

— ווייל כ'וואוין קעגנאיבער דעם פּאַרק.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט, בויגיקע, הייסע.

אין וואַרעמען אויטאָמאָביל האָט בען זיך בארויקט, און אַז ער איז אַרײַנגעקומען צו זיך אין הויז, איז מער קיין זכר נישט געווען פֿון דעם טריפֿענעם בלוט, וואָס האָט נאָר וואָס אין אים געיוירט.

דער טאַטע, דער מאַן, דער דאָקטאָר מיט דער גוטער פּראַקטיק, די אַלע פֿאַרשוינען האָבן זיך צוריק אויפֿגעזוכט אין אים. ער האָט אַרומגעקוקט די טירן, די פֿענצטער, אײַנגעדעקט די קינדער. ס'אויסגעוואַרעמטע

בעט, וואו עוועלין איז געשלאָפן, האָט אים אַזוי צענומען, אַז בען האָט זיך אַריבערגעבויגן און איר אַ קוש געטון. עוועלין האָט געעפנט די אויגן, פאַרשלאָפענערהייט זיך צעשמייכלט:

— אַזוי שפּעט, פּאַ?

— די לעקציע, מאַ, האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט.

# ביבער־כאַפּערס

צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט די זון, אָן מראה, אָן אַ טראָפּן רויטקייט זיך געגומען זעצן. דער פריש אָנגעפאַלענער שניי האָט זיך גע־הארטעוועט, פון בלוי געוואָרן ליליע, און דער שטח אַרום און אַרום האָט געציטערט פון שטילקייט.

עס איז געווען סוף יאַנואַר.

דער פאַרפרוירענער טייך, באַדעקט מיט פריזמעס שניי, ווי מיט קברים, האָט זיך געצויגן צווישן שיטערע נאָדל־ביימלעך. באַ די ברעגעס, וואו עס איז דורכגעהאַקט, האָט דאָס וואַסער אַרויסגעשוואַרצט פון די לעכער. פון יעדן אויסהאַק האָט אַרויסגעסטאַרטשעט אַ פאַסטקע, וואָס אינ־דיאַנער ביבער־כאַפּער האָבן אָנגעשטעלט.

וואולף, אַ בלאָנדער, אַ רירעוודיקער, האָט זיך געשלעפּט אין „שניי־שיך". די עטלעכע סוועטערס פאַרקנעפּלט ביז אונטערן האַלז, דער פּאַלטאָ, דאָס פוטערנע היטל מיט די אויערן־לאַפּנס — די בגדים האָבן וואולפן ברייטער געמאַכט ווי העכער. ער איז נישט געווען אַליין. דזשאַן, אַן אינדיאַנער, וואָס האָט אויפגעקויפט פאַר וואולפן רויע פוטער, האָט געשפרייזט פאָרויס. דזשאַן איז פאַרקראָכן אין אַזאַ העק, אַז וואולפן איז געוואָרן אומהיימלעך.

— דזשאַן, מיר וועלן זיך אַמאָל דערשלעפּן צו דיין קרוב ? — האָט וואולף אַ פרעג געטון און נישט געפילט פון קעלט די אייגענע ליפּן.

— באַלד, באַלד — אין דזשאַן קאַרג געווען אויף אַ וואָרט.

דער „פירער", אַ יינגער אינדיאַנער, אַ פלינקער, דאָס פּנים פאַר־שפּיצט, זיך געריסן פון לאַנגן האַלז ; און אַז דער אינדיאַנער האָט זיך

איינגעהערט, זיך אויסגעבויגן, האָט ער געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ בייטש, וואָס קאָן יעדע רגע אַ קנאַל טון.

וואולף האָט געוואוסט, אַז דזשאַנס אַ קרוב, וואָס האָט געכאַפּט חיות עטלעכע הונדערט מייל ווייט פונדאַנען, איז געקומען אין דער געגנט מיט אַ סך סחורה. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דער קרוב באַהאַלט זיך דאָ, היט זיך, מען זאָל אים נישט כאַפּן. מער האָט ער פון דזשאַנען נישט געקאָנט אַרויסקריגן.

דזשאַן האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. און אַז וואולף איז אונטערגעקומען, האָט דער אינדיאַנער אָנגעוויזן אויף אַ לייכט צונויפגעקלאַפּט שטיבל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צווישןביימער און בושעס.

— דאָ איז עס.

צוויי האַריקע לאַסט־הינט, נישט קיין גרויסע, זענען געזעסן אין שניי, פאַרריסן די פּיסקעס צום הימל און געהיילט. די זון איז פאַרגאַנגען, איבערגעלאָזט נאָך זיך אָפּגעסמאַליעטע וואָלקנס, בערגלעך אַש.

— קיינער אוודאי נישטאָ — האָט דזשאַן אַ זאָג געטון.

— פונוואַנען ווייסטו? — האָט באַ וואולפן פון פאַרדרוס דאָס האַרץ אָנגעהויבן נאָגן:

— הערסט נישט, ווי די הינט וויינען נאָך די באַלעבאַטים?

דזשאַן האָט אַ גלעט געטון איין הינט, דעם צווייטן, איבערגעלאָזט פאַר דער טיר די „שניי־שיך" און איז אַריין מיט וואולפן אין שטיבל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעלאָזטע שטאַל. עס האָט געשמעקט מיט פעל פון חיה. אינדערמיט איז געשטאַנען אַ קיך פון ציגל, וואו דאָס פייער האָט זיך געהאַלטן אין לעשן. דזשאַן האָט אַרומגעשמעקט די טעפּ, אַריינגעקוקט אין דעם אָפּגעדעקטן זאַק קאַרטאָפל, אויפגעזוכט אַן אָנגעהויבן פעקל טאַבאַק און זיך אָנגערופן:

— מיר וועלן דאָ צוואַרטן... זיי וועלן אוודאי באַלד אָנקומען...

— ביסט זיכער? — האָט וואולף עפּעס פאַרדעכטיקט און זיך אַ טאַפּ געטון באַ די קעשענעס, וואו שווערע טויזנטער זענען געלעגן.

— אַז אַן אינדיאַנער גייט אַוועק אויף אַ לאַנגער צייט, באַגראָבט ער די קאַרטאָפל, לאָזט זיי נישט איבער אָפּגעדעקט... נעמט מיט דעם טאַבאַק... זיי דאַרפן יעדע רגע אָנקומען...

דער ווייסער פראָסט איז געשטאַנען צווישן די אויסגעטרוקנטע ברעטער, צווישן די צעשפּאָלטענע קלעצער, ארומגעשפּאַנט פון וואַנט צו וואַנט. אין שטיבל איז געווען קעלטער ווי אין דרויסן. דזשאָן האָט אָנ־געלייגט אויף דער קיך האָלץ, אריינגעלייגט אין הייסן אַש אַ צענדליק קאַרטאָפל. דאָס פייער האָט זיך צעברענט. וואולף האָט זיך צעקנעפּלט דעם פּאַלטאָ, די סוועטערס. ער האָט זיך געוואַרעמט, געשטאַנען מיטן פּנים צו די פלאַמען און געפילט ווי די פלייצעס פרירן.

— וועסט מאַכן אַ שנאַפּס, דזשאָן?

די פלאַטשיקע פלאַש בראָנפן איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, צעוואַרעמט די שטייפע גלידער, מוטנע געמאַכט די פאַרלאָפענע אויגן.

די טיר האָט זיך געעפנט. אַן עלטערער אינדיאַנער, מיט איינגע־פאַלענע באַקן, גרויע און טרוקענע ווי פון פּאַרמעט, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ פּאַק פעל. ער האָט ברייטער צעעפנט די טיר. דאָס פייער אויף דער קיך האָט זיך צערעדט, זיך צעבלאָזן פון דער קאַלטער פאַרע, וואָס איז געקראָכן איבער די ווענט, איבער דער פּאָדלאָגע. אַ יונגע, הויכע אינדיאַנערקע האָט אַ שליידער געטון אויפן דיל נאָך אַ פּאַק פעל, אַז דאָס שטיבל האָט זיך צעטרייסלט. איר פּנים, ווי געשניצט פון ברוי־נעם ביין, מיט דעם בורשטינענעם פינקל אין די אויגן, האָט זיך איינ־געגעסן אין וואולפן.

אַלע דריי האָבן זיך צעגודערט. די רייד זענען געווען אָפּגע־האַקטע, גיכע, ווי נישט מענטשן וואָלטן גערעדט, נאָר חיות און פייגל.

— מיר זענען הונגעריק — האָט דזשאָן געזאָגט צום קרוב אין ענגליש.

דער אינדיאַנער האָט אַן עפן געטון די טיר, געוויזן אויפן שניי, וואו אַ צענדליק ביבערס, אָפּגעצויגענע, זענען געלעגן מיט די בייכער ארויף. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַן אונטערשטן ביבער:

— לאָמיר האָפן, אַז די הינט האָבן נישט פאַרפּאַטשקעט דעם ביבער.

ער האָט פלינק זיך אַ בייג געטון צו אַ בוים, וואו אַ מעסער האָט

געשטעקט, אויפן אָרט אָפּגעשניטן דעם זאַדעק, אָפּגעשיילט דאָס אייז מיט דער הויט, וואו די הינט האָבן געקענט אַרומשמעקן, און דאָס פאַרפרוירענע פלייש האָט ער אַרויפגעלייגט אויף די קוילן.

די מענער האָבן זיך צעזעצט אַרום אויוון, געשטופּט די פּיפּקעס מיט טאַבאַק און פאַררויכערט.

ס'פלייש האָט זיך געבלעזלט, געקנאַקט, געוואָרן צוגעברוינט. דער ריח האָט פאַרגרעסערט דעם הונגער. די אינדיאַנערקע האָט אַרויסגעשאַרט די געבראָטענע קאַרטאָפל, זיי צעלייגט אויף אַ בלעך. זי האָט צעשניטן ס'פלייש. יעדער האָט גענומען די פלאַש בראָנפן צווישן די ליפּן, שפּאַרעוודיק אַריינגעטרונקען און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס שניידן פון די ציין, דאָס באַלעקן זיך אויפן קול.

— געשמאַק פלייש — האָט וואולף אַ זאָג געטון.

— מען דאַרף וויסן ווי נאָך צו בראָטן אַ ביבער — האָט דער אינדיאַנער זיך אָנגערופן.

דאָס שטרענגע פּנים באַם אינדיאַנער איז ווייכער געוואָרן. טייל קנייטשן אַרום מויל, צוים די אויגן האָבן זיך אויסגעגלייכט. ער האָט אַ לאַנגן צי געטון פון דער פלאַש און זיך געפרעגט באַ וואולפן:

— וואָס פאַר אַ ייד ביסטו, אַ „ווייסער", צי אַ „שוואַרצער"?

— ווען ער וואָלט געווען אַ „שוואַרצער", וואָלט איך מיט אים נישט געגאַנגען — האָט דזשאָן זיך אָנגעברוגזט און אַ זאָג געטון צו וואולפן — אַ „ווייסער" איז באַ אים אַ גוטער און אַ „שוואַרצער" — אַ שלעכטער.

— איך בין עלטער, דזשאָן — האָט דער אינדיאַנער זיך אַ רוק געטון צום אויוון און ס'קופּערנע פּנים האָט געשמייכלט — געזעען אויף מיין לעבן נישט נאָר „ווייסע" און „שוואַרצע" יידן, נישט נאָר „ווייסע" און „שוואַרצע" קריסטן, נאָר אפילו „ווייסע" און „שוואַרצע" אינדיאַנער. גוט, וואָס דו ביסט אַ „ווייסער" — האָט ער געגעבן וואולפן אַ האַנט — „שוואַרצע" פאַרקויף איך נישט קיין פעל, דיר וועל איך פאַרקויפן, בילִיק פאַרקויפן — האָבן זיך פייערלעך צעשפּילט באַ אים אין די אויגן —

איבער אַ „שוואַרצן" קריסט בין איך אַנטלאָפן פון מיין היים. באַהאַלט זיך אויס פון פּאָליציי.

ער האָט אַ שפּיי געטון אין פייער אַריין, געפּיפּקעט ווי פון אַ קוימען און גערעדט אָפּגעהאַקט:

— כ'האָב געהאַט אַ שותּף, אַ קריסט, צוזאַמען געכאַפּט ביבערס, ווי זלס, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט. זי — האָט ער געוויזן מיט דער פּיפּ קע אויף דער אינדיאַנערקע וואָס איז געזעסן אַ רויקע, אַ שיינע, ווי אַ געשניצטער גאָט — דאָס איז מיין ווייב. איך בין אַלט, זי — יינג. אַלע אין דאָרף האָבן זי אויסגעטיילט, נישט געוואוסט, ווער איר פאָטער איז געווען. ס'מיידל איז מיר געפעלן, האָב איך זי גענומען אין שטוב אַריין, נאָך אַ קינד געווען, צען יאָר אַלט. פּונקט דעמאָלט איז מיין ווייב געשטאָרבן. איך בין געוואָרן דעם מיידלס טאַטע, דעם מיידלס מאַמע, געאַרבעט פאַר איר, געקויפט קליידער, געוואַרט, זי זאָל אויסוואַקסן. אַז זי איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר האָב איך חתונה געהאַט מיט איר. זי איז יינג, דאַרף אַ סך ליבע. איך — אַלט, קען נישט געבן קיין סך ליבע. מיין שותּף, דער קריסט, אויך יינג, אַרט מיך נישט, וואָס ער גיט מיין ווייב ליבע... איז אָבער מיין שותּף געווען אַ „שוואַרצער" קריסט, נישט קיין „ווייסער", איז ער אַוועק אין דאָרף, זיך באַרימט, אַז דער אינדיאַנער איז אַלט, טויג צו גאָרנישט... איך — אַלט, אויסגעשפּילט און ער לעבט מיטן ווייב מיינעם. אַזוי, טראַכט איך מיר, ס'איז דיר קנאַפּ, וואָס מיר דריי וויסן, דאַרפסטו נאָך פרעמדע דערציילן, דו „שוואַרצער" קריסט, ווע סט זיך מער נישט באַרימען און איך האָב מיט ד ע ם — דער אינדיאַנער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רעוואָלווער — אים אַוועקגעלייגט ווי אַ משוגענעם הינט.

ס'איז געוואָרן שטיל. ס'קיך-פייער האָט נישט דערגרייכט די ווינקלען פון שטיבל, וואו ס'פינצטערניש האָט זיך געהויקערט, געקראָכן איבער די פעל. וואָלפס אויגן האָבן זיך געצונדן, געזוכט די אינדיאַנערקע, וואָס האָט פונאַנדערגעוואָרפן ס'רויע פוטער, פול געמאַכט דאָס שטיבל מיט דעם שטאַרקן ריח פון חיה, וואָס האָט געקרעלט אין האַלז, אין נאָז.

— ווייז אים די ביבערן — האָט זיך דער אינדיאַנער אַ שטעל געטון.

זי איז אונטערגעקומען פון אַ זייט, געשטעלט שטילע טריט, חיהשע. ס'רויע פוטער איז געפאַלן פון די אַקסלען, פון די הענט און די אויגן בורשטינענע, הונגעריקע, האָבן אַרויסגעבלישטשעט פון צווישן די פעל, זיך איבערגענומען מיט דער דערציילטער מעשה, געווען אַזוי צוגעלאָזט, אַזוי מענטשלעך.

1927

# אַ שטורם

אַ גאַנצע וואָך האָט וואָלף זיך אַרומגעשלעפּט צווישן אינדיאַנער „טרעפּערס", אויפגעקויפט ביבער־און װיזל־פעל. ער איז נישט געגאַנגען אַליין. זיין פירער, פּיט, אַ זעקס־פוס־קער אינדיאַנער, האָט געקענט יעדן „טרעפּער", געוואוסט, וואו מען שטעלט אָן די פּאַסטקעס אַרום טייך. די אויפגעקויפטע פעל האָט מען דורך דער וואָך אָפּגעלייגט בא דזשאַנען, וואָס האָט אויך הינט אָפּגעפירט די סחורה אין נאָענטסטן דאָרף אַריין.

ס'איז געווען שבת פאַרנאַכט. וואָלף מיט פּיטן האָבן געהאָלפן אָנ־לאָדענען אַ שליטן פעל. דזשאַן האָט איינגעשפּאַנט פינף הינט — ני־דעריקע, קאָלטענעוואַטע מיט ברייטע רוקנס. די הינט זענען נישט איינ־געשטאַנען אין שפּאַן, געגנורעט אַ פּיסק אין צווייטנס פעל, זיך גע־ריסן, געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיך די צוביל גבורה, וואָס האָט זיך גע־שוימט אַרום די פּיסקעס.

— מיסטער וואָלף — האָט פּיט געוויזן דעם באַלעבאָס אויפן שליטן — כאַפּט אייך מיט, אין אַ צוויי שעה אַרום וועט איר זיין אין דאָרף.

וואָלף, נישט קיין הויכער, אַ רירעוודיקער, הינטערן צוגעקנעפּלטן סוועטער נאָך צוויי, האָט אַ קוק געטון אויפן הימל:

— ווי לאַנג וועט עס אונז נעמען, פּיט?

— אַ דריטהאַלבן שעה.

— ווען מיר גיין.

ביידע האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן שליטן, אָנגעטון די שניי־שיך, אָפּגעקנעפּלט פון די היטלען די פוטערנע אויערן־לאַפּנס, זיי פאַרשנאָלט אונטער דער גאָמבע און מיטאַמאָל אַ זאָג געטון צו דזשאַנען:

— פּאָר !

דזשאָן האָט זיך צעקוואַקעט מיט דער צונג. די הינט האָבן זיך אַ צי געטון. די הינטערשטע קורצע פֿיס זענען אויף אַ ווייל געוואָרן צוגעפֿרוירן צום שניי און דער שליטן האָט געגומען סקריפּען. די הינט זענען געלאָפֿן מיט דראָבנע טריט, כמעט נישט איינגעבראָכן דעם האַרטלעכן שניי, געיאָגט איינער דעם צווייטן און דער שליטן האָט זיך געגליטשט.

וואָלף האָט פֿאַרקנעפּלט דעם סוועטער, אָנגעטאָן אַ פּאָר הענטשקעס ביז די עלנבויגנס און זיך געלאָזט מיטן אינדיאַנער אין וועג אַריין.

דער שליטן איז שוין געווען ווייט, זיך געוויגט איבער די ווייסע פֿעלדער, זיך צונויפֿגעגאָסן מיט די הינט, מיטן אָנטרייבער, מיטן נידעריקן הימל. איבער דער ווייסקייט האָט זיך געשאַרט אַ קריש וואָלקן, אַ טונקל פֿינטעלע און באַלד איז אַלץ צערונען. פֿון דער גרויקייט האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אָפּגעגריזשעט שטיקל לבנה, ווי אַן אויסגעשטשערבעטע ליפּ. אין דעם שטשערב האָט געבלישטשעט אַ שטערן.

— אַז דער שטערן באַווייזט זיך, זענען אַלע פּאַסטקעס אין הימל פֿול, — האָט פּיט אַ צי געטון פֿון דער פּיפּקע אַ פֿול מויל רויך.

— וואָס, נאָכן טויט כאַפּן אינדיאַנער אויך חיות? — האָט וואָלף געשמייכלט.

— דאָרט כאַפּט מען איצט.

— און ווער קויפֿט באַ אייך די פֿעל?

— מיר כאַפּן און „ווייסע“ קויפֿן.

פּיט האָט אָנגעצויגן די דינע ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. וואָלף וואָלט ווייטער גערעדט, וואָלט געגעבן, וואָס ס'זאָל נישט זיין, אַבי איינצופּעדעמען דעם שמועס. ער שלעפּט זיך שוין אַזוי דעם צווייטן ווינטער מיטן אינדיאַנער און שטענדיק, ווען ס'קומט אים אויס צו בלייבן מיט פּיטן אונטערוועגנס, ווילט זיך אים רעדן. די רייד פֿאַרטרייבן כאָטש די אַרומיקע שטילקייט, די איינגעבוירענע שרעק פֿאַר דער ליידיקייט, וואָס גייט דיר אַנטקעגן. שפּאַנט לעבן דיר אַ מענטש — ווילסטו הערן אַ וואָרט. פּיט איז אָבער אַ שווייגער, רעדט מער מיט נאַקעטע ביימער,

וואָס ער באַגעגנט אויפֿן וועג, ווי מיט וואָלפֿן. גייט ער פֿאַרביי אַ בוים, וואו עס שטעקט אַ מעסער, שלעפּט ער עס אַרויס, מאַכט אַ צייכן אין דער קאָרע, שטעקט צוריק אַריין און שפּאַנט ווייטער. ס'דאַרף אים שוין גוט אַ שפּאַר טון ער זאָל עפּעס זאָגן.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. דער שניי איז פֿול געווען מיט שטערנ־דלעך, געבלענדט די אויגן.

מען איז אָפּגעגאַנגען אַ שעה, אַנדערהאַלבן. ס'איז געוואָרן קעל־טער, ווינטיקער. די אויערן זענען פֿול געוואָרן מיט קולות, וואָס מען קען נישט אָנכאַפּן, וואָס פֿאַרווישן יעדע מחיצה צווישן וואָר און חלום.

מיטן שאַרן פֿון די שניי־שיך האָט זיך אַרויסגעוויקלט דאָס פּוילישע שטעטל, וואו וואָלף איז געבוירן געוואָרן. זיין מאַמע, זיין טאַטע, דאָס ווייב מיט די קינדער אין מאַנטרעאָל, וואָס קוקן זיך אויס די אויגן, וואַרטן אים אָפּ יעדן חודש בא דער באַן, ווען ער קומט אַהיים. ס'איז וואָלפֿן וואַרעם געוואָרן. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, געהערט ווי פּיט רופֿט אים.

— וואָס, פּיט?

פּיט האָט אַ הויב געטון די פּלייצעס, — נישט ער האָט גערופֿן. וואָלף איז געבליבן שטיין אַ וויילע, זיך איינגעהערט. ס'איז געווען שטיל, בלויז דער ווינט האָט אַריינגעשטעקט צוויי פֿינגער אין מויל אַריין, גע־פֿייפֿט און געשריפֿט כמאָרעם שניי. דאָס שטיקל אויסגעשטשערבעטע לבנה מיטן שטערן האָט מען מער נישט געזעען.

פֿון דער פֿינצטערניש איז אָנגעלאָפֿן אַ קעלט, זיך געדרייט צווישן פֿלאַכטעס שניי, פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און מיט אַ רעווע זיך געוואָרפֿן אויף וואָלפֿן, אים געגומען דרייען איז אַ רעדל. ווען נישט פּיט, וואָס האָט אים דערכאַפּט, וואָלט וואָלף זיך איבערגעקערט אין שניי אַריין.

— אַ זאַווערוכע, האַ? — האָט וואָלף זיך געריבן די אויגן, גע־שלונגען לופֿט ווי אַ פֿיש און ס'האָט אים באַנג געטון, פֿאַרוואָס ער האָט זיך נישט מיטגענומען מיטן שליטן.

— ס'קומט אָן אַ שטורעם — האָט דער אינדיאַנער אָפּגעבונדן פֿון זיך אַ שטריק.

— נאָך ווייט צו גיין, פּיט?

— אַ פּיר מייל.

אַ משוגענער שניי, אַ נאַסער, איז פֿאַרקראָכן אונטער די הויזן, פֿאַרשאָטן די אויגן. דער ווינט האָט צעבלאָזן די קליידער, זיי לויז גע־מאַכט און איבערן לייב זענען געקראָכן בייסיקע שטיקלעך קעלט. וואולף האָט אַ כאַפּ געטון די הענט צום פּנים, געאָטעמט שווער, געזוכט אַרום זיך דעם אינדיאַנער:

— וואָס טוט זיך דאָ, פּיט?

— צעשפּרייט באַם גיין די פיס און די הענט האַלט אַרום די באַקעס, וועט דער ווינט אייך אַזוי נישט טרייסלען — האָט פּיט געגעבן וואולפן איין עק פונם שטריק — האַלט פעסט מיר זאָלן זיך נישט פאַר־לירן.

וואולף האָט געסאַפּעט. די שנייעלעך אַרום מויל האָבן זיך גע־שמאָלצן פון דער אייגענער פּאַרע. ער האָט זיך געשלעפּט, ווי אַ בלינדער, מיט פאַרמאַכטע אויגן און פון אַלע זייטן האָט דער ווינט געררעוועט:

— דו—ו—אוו!

און מיטאַמאָל האָט דער שטורם אַרויסגעריסן אַ שטיק גרונט פון אונטער וואולפס פיס. ער האָט דערזעען פאַר די אויגן פלעמלעך און איז אַ פאַל געטון מיט דער נאָז אין שניי אַריין. איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, ווי ער ליגט, איז ער שוין ווידער געשטאַנען אויף די פיס. איין שניי־שוך איז געווען צעבראָכן אויף צווייען. פּיט האָט גע־שלעפּט דעם שטריק, נישט געלאָזט וואולף אַליין זאָל האָבן רחמנות אויף זיך. ער האָט אָוועקגעהינקט ווייטער. דער פוס אָן שניי־שוך האָט אָנגעהויבן צו זינקען אין שניי ביז איבער דער קני. דאָס האָט וואולפן אויסגעמאַטערט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס טוט מען, פּיט?

— געגאַנגען!

— כ׳זינק דאָך אין שניי?

— מ׳קען גאָרנישט העלפן.

דער אינדיאַנער האָט אָוועקגעפּאַטשט ווייטער. וואולף האָט נאָכגע־הינקט, זיך געוואַקלט ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה. דער פוס איז איינ־געשלאָפן, פול געווען מיט נאָדלען, וואָס זענען געוואַקסן פון די שפּיץ־

פינגער ביז איבערן גראָבן פלייש. אַ טראַט — אַ זינק, אַ טראַט — אַ זינק. ער איז געבליבן שטיין, נישט געוואָלט טראַכטן, וואָס מיט אים וועט זיין. די כחות זענען אויסגעגאַנגען. פון די האַלב פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך געשפּאַרט דאָס לעצטע ביסל ליכט. ער האָט זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן, וואו ער שטייט, אויסגלייכן דעם איינגעשלאָפענעם פוס, זיך מער נישט אַנטקעגנשטעלן נישט דעם ווינט, נישט דעם שניי. פּיט איז אויסגעוואַקסן, אים אַ כאַפּ געטון פאַרן האַלז, אַז וואולף האָט ברייט געעפנט די אויגן. דער אינדיאַנער האָט געשריגן:

— גיי, פאַרשאָלטענער, אַז נישט דערשיס איך דיך דאָ אויפן אָרט! גיי, זאָג איך דיר! — און דער אינדיאַנער האָט וואולפן צוגעשטעלט צום קאָפּ אַ רעוואָלווער.

די נאַר וואָס פאַרלאָרענע כחות האָבן זיך ערגעץ־וואו אויפגעזוכט, אַ שטעל געטון וואולפן אויף די פיס. פון שרעק פאַרן טויט איז אים ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט פעסטער אַ נעם געטון דעם שטריק, אָנגעבײלט די פויסטן, איינגעבויגן דעם קאָפּ און זיך אַ לאָז געטון אַנטקעגן ווינט. די אויערן האָבן נישט געהער־ט, וואָס די ליפּן פּרעפּלען:

„האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער, גאָט!"

אַזוי איז ער אַ הינקענדיקער אָפּגעלאָפן אַ שעה צייט, זיך געטראָגן מיטן בלויזן אימפּעט. ער האָט נישט געזעען, ווי די זאַווערוכע רייסט אויס בערג שניי, גראָבט גריבער, פאַרשיט זיי און דער ווינט מעסט איבער די פּלייצעס, איבער די פיס, ווי מיט דרענגער.

ס'האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט צוזעצן, פאַרמאַכן די אויגן און לאָזן דעם ווינט, דעם שניי, טון וואָס זיי ווילן. ער וועט שוין סיי ווי סיי מער נישט זעען נישט ס'ווייב, נישט די קינדער. די פיס זענען געוואָרן הילצערנע, פרעמדע. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שניי, זיך געבעטן:

— דערשיס מיך, פּיט, דערשיס מיך... אַבי טרייב מיך נישט... האָב גאָט אין האַרץ, טרייב מיך נישט...

דער אינדיאַנער איז געשטאַנען איבער וואולפן מיט אַ פלעשל בראָנפן, אים געגאָסן אין מויל אַריין:

— אַזוי, עפן די אויגן... ווען כ'נעם דיך בריער אויף די פּלייצעס

וואַלטן מירביידע דערפרוירן געוואָרן... איצט אַ האַלבע מייל פון דאָרף, וועל איך דיך דערטראָגן...

דער אינדיאַנער האָט וואולפן אַ הייב געטון, אים אַריבערגעוואָרפן איבער די פּלייצעס, ווי אַ קאַלב און געשניטן צום דאָרף:

— האַלט זיך מיט די הענט אַרום מיין האַלז, אַזוי וועט דיר זיין וואַרעמער... אוה, אַ הינטיש וועטער! אוה!

1927

# קאָמעדיאַנטן

נאָכן ווינטער זענען די צוויי חברים, דער טראַגיקער מיטן קאָמיקער, געבליבן אָן אַ דירה, אָן אַ פּאָר הויזן איבערצובייטן און אָן אַן אויסזיכט, וואו צו באָרגן אַ פּאָר דאָלאַר אויף הוצאות.

אויף אַזאַ שווערן ווינטער האָבן זיי זיך נישט גערעכנט. דער יידישער אַרבעטער פון ניו-יאָרק האָט געשטרייקט. איין פּאַך נאָכן צווייטן האָבן געוואָרפן די אַרבעט. טעאַטערס, וואָדעוויל-הייזער האָבן זיך געשלאָסן אינמיטן סעזאָן, און די, וואָס זענען געבליבן, האָבן געשפּילט פאַר האַלב-ליידיקע בענק.

די צוויי חברים האָבן דורכן ווינטער דריי מאָל געביטן די דירה. אומעטום שולדיק געבליבן געלט. זיי האָבן אויסגעקוקט דעם זומער, זיך געקליבן אין די בערג, געהאָפט אין די זומער-הייזער אָפּצוכאַפּן די כוחות.

דעם ערשטן יוני איז לואי, דער טראַגיקער, אַ פּאַרשוין מיט שוואַרצע אויגן, ווי בײַ אַ פאַרליבטן איטאַליענער, און מיט נאָך שוואַרצערע „באַטשקעס" ביז אין דער העלפט פון די באַקן, צוגעשטאַנען צום קאָמיקער:

— בערנאַרד, נאָך הײַנט קלייבן מיר זיך אין וועג.

— האָסט געקריגן געלט? — האָט בײַם קאָמיקער, אַ מענטשל מיט אַן איינגעפאַלן פּנים, דורכגעקאָפּטשעט מיט רויך, קיין מוסקול זיך נישט קיין ריר געטון בשעתן רעדן.

— וואו האָב איך געהאַט צו קריגן? דערצו וואַרט זי, די באַלעבאָסטע, מען זאָל איר באַצאָלן, — האָט לואי אַ נעם געטון זײַן דיניאַמשן שטעקעלע, וואָיליינגעריש אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעלוש און גע-

וועט גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. — מיר וועלן ווי עס איז זיך דערשלאָגן, נו, געגאַנגען.

דער קאָמיקער האָט איינגעפּאַקט זיין גאַנץ פאַרמעגן — אַ העמד מיט עטלעכע קעלנער — אין אַן אָפּגעקראַצענער האַנט־וואַליז, זיך אַרומגעקוקט צי ער האָט עפּעס נישט פאַרגעסן, און ס׳פּנים איז בײַ אים געוואָרן טראַגיש:

— מען דאַרף מיטנעמען עפּעס צו אַכלען.

— נישט געזאָרגט, בערנאַרד, כ׳האָב קנאַפּע צוויי טאָלער, — האָט לואי אים געטרייסט.

דער טראַגיקער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פריער. דער קאָמיקער האָט נאָס געמאַכט זיין בלייפעדער מיט שפּייעכץ און פאַרן אַרויסגיין אָנגעשריבן אויף דער ווייסער וואַנט:

— „גוט־באַי, מיסעס לעבן!"

אויף דער גאַס האָבן זיי זיך איינגעקויפט עסן, צוגעפאָרן מיטן עלעווייטאָר ביז יאָנקערס און פון דאָרט זיך אַוועקגעלאָזט מיטן אַספאַלט־וועג.

— דו מיינסט, מיר זענען די איינציקע, בערנאַרד? — האָט דער טראַגיקער אָראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש, הנאה געהאַט, וואָס אַ ווינטל שפּילט זיך מיט זיינע האָר, — אַ וועלט מיט מענטשן שלעפּן זיך איבערן לאַנד.

— נישט קיין מענטשן — טרעמפּס שלעפּן זיך.

— און אַז טרעמפּס, איז וואָס? — האָט לואי זיך געשפּילט מיטן שטעקעלע, — אַלץ בעסער, ווי צו פינצטערן אין אַ שאָפּ.

— דיר איז גוט, האָסט גאַנצע שיך, — האָט דער קאָמיקער צוגעהינקט.

— און דו?

— כ׳האָב צוויי לעכער אין די פּאָדעשוועס ווי אָפּערא גלעזער.

דער וועג אַ גלאַנציקער, אַן אָפּגעפּוצטער, איז געלאָפן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, לייכטער געמאַכט דעם טראָט. געשטערט האָבן בלויז די אויטאָמאָבילן, וואָס זענען אָנגעלאָפן אומדערוואַרט מיט אַ פייף, געטריבן די פוסגייערס אין גראָז אַריין.

די חברים האָבן כּמעט נישט גערעדט, זיך פֿאַרקירעוועט אויף אַ שלעכט ברוקירטן וועג, וואו דער שטויב האָט זיך געהויבן מיט יעדן אויטאָמאָבּיל, וואָס איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן.

דער קאָמיקער איז געבליבן הינטערשטעליק, צוגעהוסט און ס׳פּנים איז בײַ אים געוואָרן געלבלעך, ווי אַן אוגערקע סוף סעפּטעמבער.

— ווען מיר האָבן אַזאַ גוטן זומער, ווי אין ניינצען צוואָנציק, — האָט דער טראַגיקער נאָך אַ לאַנגן שטילשווײַגן זיך אָנגערופֿן.

— אַוועק יענע צײַטן, — האָט דער קאָמיקער אָפּגעזיפֿצט, — עס איז געווען באַלד נאָך דער מלחמה, ווען מענטשן האָבן זיך געוואָרפֿן מיט געלט.

לואי איז בטבע געווען אַ פֿריילעכער, דער היפּוך פֿונם קאָמיקער, בײַ וועמען אַ שמייכל איז זעלטן דערגאַנגען צום פּנים, שטענדיק ערגעץ אויפֿן וועג צערונען געוואָרן.

די אויסגעריבענע פּאָדעשוועס האָבן בײַ בערנאַרדן אָנגעהויבן צו בריען, נישט געוואוינט געווען צו שפּרייזן צען מייל מיט איין אָטעם. דערצו האָט די לופֿט פֿאַרשאַרפֿט דעם אַפּעטיט און די זעמדלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרקליבן דורך די געלעכערטע פּאָדעשוועס, האָבן געשטאָכן אין די פֿינגער.

— צײַט עפּעס איבערצוכאַפּן, — איז בערנאַרד אַראָפּ פֿון וועג, אויסגעטאָן די שיך און אין די זאָקן זיך געלאָזט אין טאָל אַרײַן.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט הינטער אַ בוים, אַרויסגענומען ברויט, אויפֿשניט און געגעסן.

אַ פֿאַרדעכטיקטער פֿאַרשוין איז אויסגעוואַקסן, וואויל־ברודעריש אַ פֿרעג געטון:

— איר קענט אָפּשפּאָרן אַ ביסל דרויב?

בערנאַרד, אַן אָנגעדראָלעוועטער, האָט געוואָלט זאָגן, אַז נישט, האָט לואי אים אַרויסגעכאַפּט די ווערטער:

— נעם אַ סענדוויטש.

דער פֿרעמדער האָט זיך לײַכט אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אַ וויקל געטון ס׳פֿלייש צווישן ברויט, ווי מען וויקלט אויס אַ ציגאַרעט, אָנגע־שטאָפּט אַ פֿול מויל און באַטראַכט די צוויי פּאַסאַזשירן:

— קאָמעדיאַנטן, האַ?

—זעען מיר דען אויס, ווי קאָמעדיאַנטן?

—ווי פּיעכאַטנע, — האָבן זיינע אויגן גוטמוטיק געשמייכלט.

— און ווער ביסטו?

— איך? אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. הערט, חברה, אַ פינף מייל פונדאַנען זענען פערד־„רייסעס", לאָמיר אַהין צוגיין. נאָך די „רייסעס" קענט איר באַ די באַיס אָפּשוימען אַ שיינע פּאָר קלימפּערס. ווער פון אייך קען מאַכן „פּאָני"־שטיק, איר? — האָט דער פרעמדער געוויזן אויף לואין.

— נישט איך — מיין פריינד בערנאַרד.

— אויפן קוק זעט ער עס נישט אויס.

— אין לעבן איז טשאַרלי טשאַפּלין זייער אַ טרויעריקער מענטש — האָט בערנאַרד אַזוי מאָדנע אַ קוועטש געטון מיט אַן אויג, אַז די אַרומיקע האָבן זיך צעלאַכט.

— דו קענסט טשאַרלין? — האָט דער פרעמדער זיך אויפגעשטעלט.

— כ'האָב מיט אים צוזאַמען געשפּילט.

— ביסטו דאָך טאַקע אַ לץ, — האָט דער פרעמדער אַ קיצל געטון דעם קאָמיקער מיט אַ פינגער פאַרן נאָפּל, — וועלן מיר צוגיין זען די „רייסעס".

— איך בין גרייט, — האָט לואי אָפּגעצויגן די צוגעקנעפּלטע הויזן, — און דו בערנאַרד?

— וואָס קען מען דאָ פאַרלירן?

זיי זענען געגאַנגען אין דרייען, גערעדט, געשפּאַסט. בערנאַרד איז געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט פאַרגעסן, אַז דער הוסט מאַטערט אים, אָפּגעבראָכן אַ צווייג, געגומען גיין צום טאַקט, צוגעפייפט, ווי הינטער אים וואָלטן נישט געגאַנגען צוויי מענטשן, נאָר אַן אָפּטיילונג מיליטער.

אַלע, וועמען זיי האָבן נאָר באַגעגנט, האָבן גערעדט וועגן דעם פערד־אויסשטייג. דאָס האָט צוגעגעבן קוראַזש, כמעט געמאַכט פאַרגעסן, אַז פון די פינף מייל צום אויסשטייג־פעלד, איז געוואָרן פינפצען. זיי האָבן זיך דערשלעפּט אין אָוונט. ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אויפן אויסשטייג־פעלד האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע נעגערס, צוגענומען ס'פערד־מיסט.

— וואו גייען מיר איצט? — האָבן די אַקטיאָרן זיך אָוועקגעשטעלט.

— קומט, קומט, פֿאַרפֿירן וועט מען מיידן, נישט אייך, — האָט דער פּרעמדער זיי געטרייסט, — מיר זענען געקומען פּונקט אין צייט.

אויסגעמאַטערטע האָבן זיי זיך געשלעפּט צו אַ פֿאַרוואָרפֿן הייזל, וואו ס'איז ליכטיק געווען אין אַלע פֿענצטער. דורך די שויבן האָט מען געזען, ווי יונגען זענען געזעסן בײַ לאַנגע טישן, געטרונקען בראָנפֿן פֿון גלעזער און געשטיפֿט מיט האַלב-אויסגעטאָנענע מיידלעך.

דער לץ אין בערנאַרדן האָט זיך אַ וועק געטון. ער האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון רעקל, אויסגעשפּיצט דעם קאַפּעלוש, אָנגעשטעלט דאָס יאַמשענע שטעקעלע, ווי אַ פֿלייט, און מיטן געזאַנג, ווי פֿון אַן אָרקעסטער, איז ער אַרײַן אין הייזל.

מען האָט אים באַגעגנט מיט אַ פּייפּערײַ, מיט אַ פּאַטשערײַ. די האַלב-שכורע יונגען האָבן געמאַכט פּלאַץ, אים מכבד געווען מיט אַ גלאָז בראָנפֿן. אַ נישט דערוואַקסענער יונג האָט אַרויסגעכאַפּט אַ מויל-האַרמאָניקע און די שיקסעס האָבן צוגעהאָלפֿן.

דער אַלקאָהאָל האָט דעם קאָמיקער אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַרײַן. ער איז געוואָרן לוסטיקער, צוגעשטעלט דרײַ פֿינגער צו די ליפּן, זיך צעפּייפֿט און מיטן פּייפֿן אַלץ שטאַרקער, אַלץ רחבותדיקער אויפֿגעריסן דאָס געזאַנג פֿון די שיקסעס, די געשרייען פֿון די יונגען.

מען האָט אָנגעהויבן טאַנצן. מיט יעדער רגע איז דער טאַנץ געוואָרן הפקרדיקער, פֿאַרשייטער. די שיקסעס זענען איבערגעגאַנגען פֿון איין יונג צום צווייטן. בערנאַרד האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס, אָנגעשפּאַרט די פּלייצעס אין דער וואַנט, ער זאָל נישט פֿאַלן. דער אַלקאָ־אָל האָט געשלאָגן אין די אויגן אַרײַן, זיי פֿאַרגאָסן מיט טרערן און דורך די טרערן האָט ער געזען, ווי אייביקווייז שאַרן זיך פֿאָרלעך אַרויס, געזען ווי זײַן חבר לואי טראָגט זיך מיט אַ שיקסע, קומט נענטער, נענטער, שלעפּט אים מיט, לאָזט אים איבער אויפֿן דיל און דער גאַנצער עולם פֿאַרשווינדט.

באַנאַכט האָט זיך דער קאָמיקער אויפֿגעכאַפּט. לעבן אים אויף דער וועראַנדע איז געלעגן לואי און געכראָפּעט. אַ רעגן האָט געגאָסן, זיי דורכגעווייקט.

— כ'בין פיטש־נאַס, קום פונדאַנען, האָט בערנאַרד זיך פאַרהוסט.

צעקנייטשטע, דו־כגענעצטע האָבן זיי קוים אויסגעגלייכט די שטייפע גלידער, געקוקט אויפן הייזל, ווי אויף אַ חלום, אַליין נישט געווען זיכער, וואָס ס'האָט נעכטן פאַסירט און זיך פאַרקליבן אין אָפענעם שייער אויפן היי. ווי לואי האָט זיך אוועקגעלייגט, איז ער גלייך איינגעשלאָפן. בערנאַרד האָט זיך געקרעקט, געטריבן פון זיך די היי־שטויבעלעך, געהוסט טרוקן, זיך געשראָקן, אַז ער וועט לאַנג נישט אָנטרייבן און מקנא געווען דעם טראַגיקער, וואָס ער שלאָפט.

1925

# קוילנגרעבער

שפעט אין דער נאַכט האָט דער מיטינג זיך געענדיקט. נעלסאָן, אַ מאָגערער, אַ רירעוודיקער, ווי ער וואָלט געווען געקניפּט פון ברוינעם דראָט, איז דער ערשטער אַרויס אינדרויסן. ער איז נישט געגאַנגען — ער האָט זיך געטראָגן אַהיים.

נעלסאָן האָט געליטן פאַר די טויזנטער קוילנגרעבער, וואָס האָבן נאָך צוואָנציק וואָכן הונגער פאַרלוירן דעם שטרייק. געהייסן האָט עס — מען האָט געוואונען. די באַלעבאַטים האָבן נאָכגעגעבן דעם פּונקט, יענעם פּונקט. ער, נעלסאָן, וואָס איז שוין דרייסיק יאָר אַ קוילנגרעבער, וואָס האָט פאַרבראַכט מער ווי אַ האַלב לעבן אין מינעס, האָט זיך אַרומגעזען, אַז נאָכן געווינס זענען די באַדינגונגען פיל ערגער, ווי פאַרן שטרייק.

קיין תּרעומות צו די אַרבעטער האָט נעלסאָן נישט געהאַט. געוואוסט, וואָס הייסט הונגערן וואָכן לאַנג מיט ווייב און קינדער. ער האָט באַשולדיקט די אָנפירער פונם שטרייק און דער עיקר דעם אייגענעם זון, פּיטן, דעם סעקרעטאַר פון דער יוניאָן. נאָך נעכטן האָט ער מיטן זון געהאַט אַ לאַנגן שמועס, אים איבערגעצייגט, אַז מען טאָר די באַלעבאַטים נישט נאָכגעבן און צו פאַרלירן איז סיי־ווי־סיי נישטאָ וואָס. פּיט האָט איינגעשטימט. און מיטאַמאָל אַזאַ איבערקערעניש.

נעלסאָן האָט געטריבן פון זיך יעדן פאַרדאַכט, געשפּרייזט איבער אַן אָפּגעלעגענעם טאָל אָןביימער, אָן גראָז. גרויע, בלינדע באַראַקן זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח. פאַר די טרעפּלעך זענען געזעסן די קוילנגרעבערס ווייבער צו דריי, צו פיר, געוואַרט אויף די מענער און זיך אָפּגערעדט די שווערע הערצער.

— אין מיטן דער נאַכט זענען זיי מיך באַפאַלן, די הינט — האָט

אַ הויכע אירלענדערקע גערעדט אויפֿן קול — איבערגעקערט די שטוב, געזוכט דזשאַנען... דזשאַנען האָט אָפּגעגילט — אייניקע מינוט פֿאַר זייער קומען האָט ער אָפּגעצויגן... פֿון כּעס האָבן זיי גענומען ברעכן בענקלעך, אויסגעריסן די פֿיס פֿון טיש און מיך מיט די צוויי קינדער, פֿאַרשלאָפֿענע, האַלב-נאַקעטע, אַרויסגעיאָגט פֿון שטוב...

— נאָך גוט, וואָס די נעכט זענען געוואָרן וואַרעמער — האָט אַן איטאַליענערקע, ברייטער ווי העכער, אָפּגעזיפֿצט.

— די הינטישע זין וואָלטן ווינטער אויך אַרויסגעיאָגט — האָט אַ פּאָלקע הויט און ביינער געהאַלטן די קליינע הענט אויף איר בויך, וואָס איז גרעסער געווען, ווי זי איינגאַנצן.

— ווינטער האָבן זיי טאַקע ערשט געטריבן!

— היינט באַנאַכט וועט שוין נעמען אַ סוף!

— מוז נעמען אַ סוף!

— ס'איז שוין טאַקע קיין כּוח אויך נישטאָ — מען פֿאַלט פֿון די פֿיס. איבער צוואַנציק וואָכן, ווי מען שטרייקט.

— דיין סטיפֿען — האָט די איטאַליענערקע אַ נעם געטון די טראָגעדיקע פּאָלקע פֿאַר אַ האַנט — דיין סטיפֿען האָט נעכטן אָרנטלעך אַרומגעווירטשאַפֿט, געהאַט דעם נישט-גוטן צווישן די אויגן.

— וויל נישט ליידן, וואָס כ'שלעפּ אַ פּעקל — האָט די טראָגעדיקע פֿאַרשטעלט דעם בויך מיט ביידע הענט.

— ניט מען אים איבער ס׳פֿאַרגעניגן!

— ס'רעדט זיך אַזוי ער וויל נישט ליידן — ער שלאָגט זיך, דער קומענקערער דיינער!

— אַז איך האָב נישט געטפּילט פֿון די קלעפּ, בין איך פֿון אייזן — האָט ס'קול, אַן אָפּגעשפּאָלטנס, געציטערט בײַ דער פּאָלקע.

— וואָס האָט ער געוואָלט, דער שכּור?

— אַז ער קאָן נישט געבן עסן די פֿיר קינדער, וואָס ער האָט וויל ער נישט קיין פֿינפֿטס — האָט אויסגעזעען, אַז ס'ווייב פֿאַרענטפֿערט אים.

— צו שפּעט זיך אַרומגעקוקט!

— קריכן ווי די חזירים, דערנאָך האָבן זיי פּרעטענזיעס!

— אַלע אַזוי!

— כ'וואָלט אים געגעבן אַ שלאָגן ! — האָט די איטאַליענערקע אַ זאָג געטון מיט אַזאַ בייזער, ווי זי אַליין וואָלט אַריינגעכאַפּט די קלעפּ.

— און אַז אַ מאַן מאַקלט אַמאָל אָן, איז אויך קיין מאַלער נישט — האָט די אירלענדערקע אַריינגעוואָרפן — אָט איז מיסטער נעלסאָן !

— וואָס הערט זיך, מיסטער נעלסאָן ? — האָט די איטאַליענערקע זיך אַ שטעל געטון — שוין נאָכן מיטינג ?

— געוואונען דעם שטרייק — האָט נעלסאָן געזאָגט מיט אַ פרעמד קול און די ווינקלען פון מויל האָבן זיך ביז געקנייטשט — מאָרגן פרי צו דער ארבעט.

די ווייבער האָבן זיך געכאַפּט פאַר די הענט, געפאַלן אין די אָרעמס, זיך געקושט.

דער טומל האָט זיך שוין געקייקלט איבערן שטילן, אָפענעם טאָל, געקומען פון אַלע זייטן, העכער, שטאַרקער, אָנגעקלאַפּט אין טיר און פענצטער. פלעמלעך האָבן אויפגעטוקט אין די שויבן. מאַמעס מיט קינדער באַ די הענט, מיט פיצלעך אויף די הענט האָבן זיך צעגודערט, זיך אויסגעמישט מיט די טויזנטער קוילנגרעבער, וואָס זענען אָנגעקומען פון מיטינג. די אָנפירער זענען אויסגעוואַקסן איבערן המון. ווער איז געבליבן זיצן אויף איבערגעגעבענע אַקסלען, ווער איז געשטאַנען אויף אַ ליידיק פאַס — גערעדט מיט לייב און לעבן וועגן דעם געוואונענעם שטרייק. קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט.

די זאָרג פונם יחיד, וואָס האָט אים געטריבן איינצוגיין אויף פשרות, אָבי נישט צו הונגערן, די ז אָ ר ג איז צערונען. שטיקלעך פרייד האָבן זיך געטאָפּלט, געפאַלן אין יעדן ווינקעלע פון טאָל, געפאַלן אויף די טויזנטער פון המון, וואָס זענען געשטאַנען גרייט, ווי קלאַווישן פון אַ מעכטיקער פּיאַנאָ — און דאָס געזאַנג האָט געפּראַלט אין דער נאַכט.

אירלענדער, איטאַליענער, פּאָליאַקן, סלאָוואַקן, וואָס האָבן זיך קוים צונויפגערעדט, געגודערט יעדער אויף זיין לשון, אַלע האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די פרייד, ווי מענטשן זאַפּן אין זיך איין וואַסער פון אַ שלאָגעדיקן קוואַל, טראַכטן נישט דערביי, אַז מיטן טרינקען קריוודעט מען עמעצן, ווייל קיינער נעמט גאָרנישט צו באַם צווייטן.

נעלסאָן, וואָס האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין אָמט אין דער

יוניאָן, זיך נישט געוואָלט אויסטיילן פון די טויזנטער חברים, האָט דערשטיקט אין זיך דעם פאַרדרוס, מער נישט געטראַכט וועגן שטרייק. און אַז ער האָט זיך אויסגעמישט מיטן המון, געוואָרן מיט אים איינס, איז פאַרשוואונדן — הויז, זון, אפילו ער אַליין, נעלסאָן. געבליבן איז אַ ליכטיקע פרייד, וואָס האָט קיין נאָמען נישט, דאַרף נישט האָבן און וועט נישט האָבן, אַ פרייד, וואו נעלסאָן האָט זיין חלק — איבער דרייסיק יאָר שווערע אַרבעט.

אַ נידעריקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ אויף ברייטע פּלייצעס, האָט דזשאַן אַ פּאַרקאָבּטשעטער, ווי אַ גלובע קויל, זיך אַרויסגערוקט פון אַ קופּקע אַרבעטער. ער האָט איבערגעשניטן נעלסאָנען דעם וועג און אים אַ נעם געטון אין אַ זייט:

— וואָס איז די שמחה, ברודער נעלסאָן? נישטאָ קיין יושר, זאָג איך דיר, נישטאָ... מייק, דזשאַן און דיין פּיט... מען האָט פאַרקויפט דעם שטרייק...

— האָסט פּאַקטן? — איז נעלסאָן צוגעשטאַנען צום איטאַליענער.

— וואָס דאַרף איך פּאַקטן? דו ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז באָסעס צאָלן נישט בחנם קיין געלט!

— געוויס נישט!

— און זיי, די הינטישע לעבערס, האָבן געקריגן געלט! דיין פּיט האָט אַלעמען, דעם גאַנצן „גענג“, פאַרשטופּט די מיילער!

— מיין פּיט?

— יאָ. פרעג סטיפענען. העי סטיפען, — האָט דער איטאַליענער אַ רוף געטון דעם פּאָליאַק, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פון אַ רעדל קוילנגרעבער און זיי געבונטעוועט — נעלסאָן גלויבט נישט!

— איך האָב אויך נישט געגלויבט — איז סטיפען אונטערגעקומען, גערעדט שטיל, פון מאָל צו מאָל אומגערעכט אַ הויב געטון ס'קול, ווי ער וואָלט געוועזן טויב — נעכטן קומט צו מיר קעלי און זאָגט, אַז מען דאַרף נישט זיין קיין נאַר, אַז דער שטרייק איז סיי־ווי־סיי פאַרשפּילט... מען דאַרף האָבן שכל אין קאָפּ, נישט קיין זעגעכץ... וואָס מען זאָל נישט טון מיט די „קראָטן“, מיט די קוילנגרעבער, וועלן זיי זיין צופרידן, אַבי זיך שוין שטעלן אַרבעטן — און בשעת מעשה האָט קעלי געקלימפּערט מיט פולע קעשענעס געלט.

— קעלי — פרעג איך אים — האָסט דערהרגעט מעקמילערן, דעם געשוואָלענעם קוילנמאַגנאַט?

— ווילסט כ'זאָל אַ רעד טון מיט פּיטן? — האָט קעלי מיר איינגערוימט.

— אַז וואָס?

— מען זאָל זיך מאָרגן שטעלן אַרבעטן.

— וואָס מיינסטו?

— מאַך דיך נישט געפּגרט, סטיף, און זיי נישט קיין „דעם־פּול". דו ווייסט, וואָס איך מיין... פּיט איז אַ „גוט־באַי"?

דער פאַרדאַכט, וואָס האָט דעם גאַנצן אויפדערנאַכט נישט אָפּגע־לאָזט נעלסאָנען, איז איצט שוין פעסט געזעסן אין אים. עס האָט אים געטריבן אַהיים.

נעלסאָן האָט זיך געדרייט אַרום זיין שטיבל, נישט געקענט אַהין אַריין. דאָ איז פּיטס מאַמע געשטאָרבן, איבערגעלאָזט נעלסאָנען מיט אַ דריי יעריק קינד. דער קוילנגרעבער האָט זיך געגרויסט מיט פּיטן — ס'ייִנגל וועט אָנפאַנגען דאָ, וואו ער, נעלסאָן, האָט זיך אָפּגע־שטעלט. ער, נעלסאָן, וועט שוין בלייבן אַ קוילנגרעבער. פּיט, וואָס האָט געירשנט דעם פאָטערס אויסדויער, עקשנות, וועט זיין אַ פירער און ער איז געוואָרן.

דער קוילנגרעבער איז געווען זיכער, אַז מען האָט דאָ אָפּגעטון אַ מיאוסע זאַך, נישט געוואָלט אָבער גלייבן, אַז זיין פּיט זאָל האָבן אין דעם אַ האַנט. דאָס ייִנגל דאַרף דאָך גאָרנישט. נישט ער טרינקט, נישט ער רויכערט, גיט אַוועק דעם פאָטער ס'גאַנצע געהאַלט.

מיט אימפּעט האָט נעלסאָן אָן עפן געטון די טיר. דאָס ערשטע מאָל, ווי ער איז צוגעגאַנגען צום זונס שרייב־טיש, וואָס איז געווען פאַר־שלאָסן. מיט עטלעכע קלעפּ האָט ער אויפגעבראָכן דעם שלאָס, גענומען נישטערן צווישן די פּאַפּירן. דער פאָטער האָט איבערגעקוקט יעדעס קוויטעלע, יעדעס פאַרשריבן פּאַפּירל, ס'איז אים זיכער געוואָרן, אַז דער זון דינט שוין בײַ די באַלעבאַטים איבער אַ יאָר צייט.

דעם קוילנגרעבערס לעבן האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשאָטן אויף פּיץ־פּיצלעך. די שטאָלערנע קנופּן אויפן אויסגעהונגערטן גוף זענען לויז געוואָרן, זיך פונאַנדערגעבונדן, זיך גענומען שמעלצן. ווער זאָל זיך

ריכטן, אַז דווקא אין דעם צימערל, וואו טאַטע-זון האָבן אַ לעבן לאַנג אונטערדריקט יעדן פאַרשייטן באַגער, דווקא דאָ זאָל זיך אויסבריען אַ שלאַנג? אַ הייסע כוואַליע האָט זיך אַ שפּאַר געטון אין האַלז אַריין, מער נישט געלאָזט אײַנזיצן דעם פאָטער אין צימערל און ער איז אַרויס.

דער המון האָט נאָך איצט מער געטומלט ווי פריער, געהויבן די רעדנערס אין די לופטן, געשריגן:

— הורא דזשאַן! הורא פּיט! הו—ראַ
— אַבי געענדיקט!
— אַבי אַ סוף!
— אַבי אַ סוף!
— טאָ ווען, באָס, גייען מיר צו דער אַרבעט?
— מען זאָגט, אַז מאָרגן.
— מאָרגן! מאָרגן!

מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ באַראַק אַ גראַמאָפאָן, אים אָנגעשטעלט אין מיטן טאָל און אַ הייזעריקער מאַרש האָט געריסן שטיקער נאַכט, געטריבן ווייבער, קינדער פון די בעטן. פלאַטשיקע פלעשלעך בראָנפן זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל, גרינגער געמאַכט די פיס, לייכטער די אָפּגעאַרבעטע גלידער. אַ נעגער האָט זיך צעבלעקעצט, באַלד נאָך איינער, אַ דריטער. די קולות שטילע, מאָראַלישע. אַן אירלענדער האָט אונטערגעכאַפּט, אָנגעשטעקט אַן איטאַליענער, אַ פּאָליאַק. דאָס געזאַנג האָט זיך געהויבן איבערן טאָל, איבער די באַראַקן, געטריבן די נאַכט אין איר רו.

נעלסאָן האָט אַרײַנגעשטעקט די גראָבע פינגער אין די אויערן-לעכער, זיך געשאַרט צווישן די באַראַקן און זיך געלאָזט מיטן וועג, וואָס האָט געפירט צו די קוילן-מינעס. ער האָט געוואָלט אויסמאַטערן דעם גוף זײַנעם, געשפּרייזט דריי מייל, פיר, פינף -- נישט קיין פאַרדרוסן, נישט קיין עוולות, באַר זײַן גאַנץ לעבן, אַ גרויס, אַ שווערס, האָט זיך געשמאָלצן אין אים, געדרויכערט, פאַרגאָסן דעם מוח און ער האָט זיך געטראָגן מיט מער אימפּעט.

אָנגעשיטע בערג קוילן האָבן געבלישטשעט אין דער פינצטער, נעלסאָן האָט געטראַכט, אַז קיין זאַך ווערט נישט פאַרלוירן, דאָס איינ-

געזאַפּטע ליכט פון מיליאָנען יאָרן טראָגט זיך איצט פון די קוילן. וואָס פאַר אַ באַדייט האָט ער, נעלסאָן, אין פאַרגלייך מיט די יאָרן, אפילו מיט די לעבנס פון די טויזנטער קוילנגרעבערס, וואָס פיט נאַרט אַזוי מיאוס אָפּ.

שלעפּ־מאַשינען זענען געהאָנגען אין דער נאַכט, ווי ריזיקע ברונעם־שטאַנגען, זיך געבויגן איבער ליידיקע וואַגאָנען. דער שטאָל־בלישטש פון שינעס האָט אויפגעטוקט צווישן גראָבנס, אויפגעשוימט אינם חושך, ווען די לבנה אַ צעבראָכענע איז אַפּער פון הינטער אַ וואָלקן.

נעלסאָן האָט געווייטיקט, וואָס די וועלט ווייסט גאָרנישט פון די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס פּטרן זייערע לעבנס אין דער ערדס פאַרקאָפּטשעטע געדערים. אויף יעדע הונדערט הייזער, וואָס ווערן באַלויכטן און באַהייצט, ווערט דערהרגעט אַ קוילנגרעבער. און אַז דער מענטש האָט שוין אויסגעטראַכט די מאַשין, וואָס ווייטיקט און בלוטיקט נישט, צוליב וואָס דאַרף ער זיך מאַטערן באַ אַזאַ טעמפּער אַרבעט ווי קוילנגרעבעריי?

פון די גראָבנס האָבן זיך דערטראָגן פאַרשטיקטע קולות. די נאַכט איז פול געוואָרן מיט געראַנגל. נעלסאָן האָט גענומען גיין גיכער, זיך אָנגעשטויסן אָן צוויי וועכטער, וואָס האָבן געהאַלטן אַ צעבלוטיקטן קוילנגרעבער פאַרן קאָלנער.

— וועסט פאַרזאָגן אַ צענטן נישט צו גנבענען קיין קוילן, דו פאַרמאַזשעטער אונטן! — האָט דער וועכטער אַזאַ שאָס געטון מיט דער פויסט דעם קוילנגרעבער אין אויער אַריין, אַז ער איז נישט איינגעשטאַנען אויף די פיס און זיך אַ וואַקל געטון צום צווייטן וועכטער, וואָס האָט געהאַלטן גרייט אַ פויסט אַ פּלאַם צו טון אין צווייטן אויער אַריין.

— אַז מען גיט נישט קיין קוילן — האָט דער אַרבעטער אַ צעטומלטער זיך געקרעקט מיט די ווערטער, זיך פּרובירט צו פאַרענטפערן און ס'צעדמטע פּנים האָט זיך געקאָרטשעט — און אָפּקאָכן אַ געקעכץ דאַרף מען...

— אַרבעט, שטרייק נישט, וועט מען דיר געבן קוילן, דו פאַרשאָלטענער „גיבי"!

איינער פון די וועכטער האָט אַ נעם געטון דעם אַרבעטער פאַר

א האַנט, אים געוואַלט אָנטון אַ שטאָלן קייטעלע. דער אַרבעטער האָט זיך געבעטן:

— שענק מיר דאָס מאָל... כ'וועל נישט מער...

ס'האָט נישט געהאָלפן. דער אַרבעטער האָט זיך גענומען אַמפּערן. הענט האָבן זיך געהויבן, געפאַלן מיט אַ בויקעריי, מיט אַ באַכעריי, אַוועקגעלייגט דעם קוילנגרעבער אויף דר'ערד, אים אָנגעטון שטאָלענע קייטעלעך.

נעלסאָן האָט זיך געטראָגן צווישן די קוילן־מינעס, זיך געערגערט, וואָס ער האָט דרייסיק יאָר פון זיין לעבן צעטרענצלט אין די פינצטערע גראָבנס און געשפּאַנט אַהיים. פּיט איז שוין געשלאָפן. נעלסאָן האָט גענומען ס'מינע־לעמפּל מיט דער שאַטקע און פון אַ זייט זיך איינגעקוקט אינעם זון, וואָס איז געלעגן אויפן בעטל, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. פּלייצעס שמאָלע, דער האַלז דאַר מיט אַ גאָרגל, וואָס שטייט נישט איין, באַוועגט זיך, ווי דאָס הערצל פון אַן אומרו. די אויסגעצויגענע פּיס האָבן זיך אַרויסגעפּרעסט פון דער קאָלדרע, געשטאַרט ווי בא אַ טויטן. פאַרן פאָטער איז געלעגן אַ קבר — אַ שפּאַן די ברייט. וואָס פאַר אַ ווערט און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס שטיקל לעבן דאָ אויפן בעטל, וואָס טרייבט צענדליקע טויזנטער אין די פינצטערע מינעס?

נעלסאָן האָט דעם זון אויסגעשיילט פון זיך, אים אַוועקגעשטעלט אויף דער צעעפנטער, שוואַרצער האַנט, געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ מכה, וואָס מען דאַרף אויפהאַקן.

ס'פלעמל האָט זיך געריסן דורך דער דראָטענער שאַטקע, געטריבן פּאַסמעס חושך אונטערן בעטל, אין די ווינקעלעך, אָפּגעצייכנט נעלסאָנס ביינערדיק פּנים, מיטן שויבער גרויע האָר, וואָס איז געלעגן אויפן נאַסן שטערן. אַ געבויגענער איז ער געשטאַנען איבערן זון, אַריינגערעדט אין עמעצן, ווי אין שטוב וואָלט געווען אַ דריטער:

— יאָ, מען דאַרף אויפהאַקן.

פּאַרטאָג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. נעלסאָן האָט געעפנט. דזשא מיט אַ פינצטער פּנים האָט פאַרנומען די גאַנצע טיר. נאָך אים סטיפען מיט אַ גרופּע אַרבעטער. דזשאָן האָט זיך אַרויסגערוקט:

— מיר זענען געקומען נאָך פּיטן. דזשאָן און מייק זענען באַנאַכט אַנטלאָפן. די הינטישע לעבערס האָבן פאַרקויפט דעם שטרייק.

— אַלע ווייסן, אַז מען האָט פּאַרקויפט דעם שטרייק — האָט סטי־
פען זיך אַרויסגעשאַרט — און צו דער אַרבעט איז דערווײַל היינט קיינער
נישט געגאַנגען.

— וואו איז ער, פּיט? שלאָפט נאָך?

— דאָרט ליגט ער — האָט נעלסאָן געוויזן אויפן בעטל, וואָס איז
געשטאַנען אין צווייטן צימער.

מיט שווערע טריט זענען די קוילנגרעבער געבליבן שטיין פאַרן
שמאָלן בעטל, וואו פּיט איז געלעגן מיט אַ דורכגעשאָסענער שלייף.

## פראצע

נאָך „שבעה“ האָט בער זיך אָנגעטאָן די שווערע, געווילטע שיך און איז אַרויס אויפן הויף.

דער פרימאָרגן האָט געציטערט מיטן מעקען פון די בהמות, וואָס זענען נישט איינגעשטאַנען אין קי־שטאַל.

בער האָט זיך געערגערט, וואָס שרה מעלקט נאָך נישט די קי און א קוק געטון אין מזרח. דער באַגינען, אַ פאַרשפּעטיקטער, איז געשטאַנען האַרט אויף דער ערד, געטריבן מיט דינע, פייערדיקע פיילן די גרויקייט.

ער האָט אַראָפּגענומען פון פּלויט צוויי בלעכענע עמערס, געוואָלט אַליין אויסמעלקן די בהמות און אַ פאַרדראָס האָט פון אים אַרויסגערעדט:

— נישטאָ מער אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, נישטאָ גאָלדע...

ער האָט צו קיינעם קיין תּרעומות נישט געהאַט, וואָס מען האָט בא אים צוגענומען גאָלדען. ס׳האָט אים נאָר ווי געטון פאַרן „הויף“, וואו די בהמות מיט די געשוואָלענע אייטערס האָבן געמעקעט. אויפן וועג האָט ער אַריינגעקוקט אין הינער־שלאַק, אַ כאַפּ געטון אַן עוף, אַ צווייטס, די העלזער זענען געווען ליידיק.

דעם הויף מיט שטעלער און שטעלעכלעך, וואָס זענען געווען אָנגעפיקעוועט מיט לעבעדיקע באַשעפענישן, האָט ס׳ווייב אויסגעבויט, אויסגעהאָדעוועט. בער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר גאָלדעס פראַצע, זיך פאַרענטפערט פאַר די צענדליקער יאָר אַרבעט, געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— מיט פרעמדע הענט איז גוט קוילן צו שאַרן...

שרה איז שוין געזעסן אין שטאַל אויף די קיטשקעס, געמאָלקן מיט

אַלע צען פינגער. ס'קורצע קלייד צווישן די פיס. די קני נאַקעטע, אָנגע-קנעטענע, האָבן זיך געמישט מיט דער ווייסקייט פון מילך, אויפגעלויכטן אין דער האַלב-פינצטערניש און דער ריח פון פרישער מילך און בהמה-מיסט האָט בערן ווייכער געמאַכט:

— אַבי כ'האָב געמיינט דו שלאָפסט נאָך!

— אַז כ'האָב געקענט אַרבעטן פאַר גאָלדען צו לענגערע יאָר, דאַרפט איר זיך אויך פאַרלאָזן אויף מיר! — האָט די מויד איינגענעצט די טרוקענע פינגער אין דער שליימיקער מילך און זיך צוגערוקט צו אַ צווייטער קו.

בער האָט נישט געענטפערט. שרהן, גאָלדעס אַ ווייטע משפחה, האָט ער נישט ליב געהאַט. זי געהאַלטן פאַר אַ מויד אַ חוש, וואָס איז נישט באַם שכל. איצט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, אַז די מויד רעדט נישט פון וועג.

זי האָט זיך געהויבן אויף די קיטשקעס, ווי אויף אַ זאַטל. פלייצעס ברייטע, קני נאָך ברייטערע, ווי זי וואָלט נישט געוואַקסן צווישן מענטשן, נאָר דאָ אין שטאַל צווישן בהמות. די פינגער קורצע, רויטע האָבן זיך געגליטשט איבער די פּאַריקע אייטערס, זיך געשוימט, און די אויגן גרוי-סע, פייכטע האָבן אַרויסגעפינקלט פון אַ פּאָר פעטע באַקן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט מעלה-גרה צו זיין.

בער איז אַרויס פון שטאַל. ס'איז געווען סוף אַפּריל. ווען נישט דעם ווייבס טויט, וואָלטן די שטיקער ערד, וואָס האָבן זיך געשפּרייט רעכטס און לינקס, שוין לאַנג געלעגן צעאַקערט. היי-יאָר האָט בער זיך פאַר-שפּעטיקט.

דער פרימאָרגן אַ שטייפער, אַ פרעסטלדיקער האָט זיך געבלויט איבער די פעלדער, אַרויסגערוקט פון דער רחבת אָן אַרבעטער מיט פיר פערד. ס'אַקער-אייזן האָט טיף געשניטן די ערד, זי איבערגעדרייט מיטן בויך אַרויף און איבער דער צעשויבערטער שוואַרצקייט, ווי איבער אַ שטייענדיק וואַסער, האָט זיך געוויגט ס'פערד-געשפּאַן.

דורך דער „שבעה" זענען באַ בערן פון צופיל זיצן און רוען די ביינער שטייפער געוואָרן. אָנגעקליבענע כוחות האָבן געזוכט וואו זיך אױ-בערצוגיסן און קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז דער געוויקסיקער בער מיט די צו-ברייטע הענט, מיט דעם איינגעפאַלענעם בויך, ווי באַ אַ יונג,

וואָס האָט אין וואַקסן, איז שוין אַ זעכציקער. ער האָט עס נישט אויסגעזעען.

די פערד שווערע, ברייטע, זענען געבליבן שטיין וואָרעמער גע־מאַכט אַרום זיך די לופט מיט דער פאַרע, וואָס האָט געשלאָגן פון די באָזלעכער, פון דער פעל.

בער האָט אַ פערד אַ גלעט געטון איבערן האַלז, אַן אַנדערן אַ פּאַטש געטון איבער די פינקלדיקע ביאָדרעס. אַ פערד האָט זיך צעלאַכט.

— גיי, פּאָל, וואַרף אַרויס ס׳מיסט פון די שטעלער! — האָט בער אַ בעט געטון באַם אַרבעטער ס׳אַקער־אייזן פון די הענט.

ער האָט אַ פייף געטון אויף די פערד, וואָס ער האָט אויסגעהאָ־דעוועט אין אַז די מעסערס האָבן זיך איינגעביסן אין דער פעטער ערד, ווי אין קעז, האָט די שטייפקייט פון די פיס, פון די הענט גענומען באַכלאָזן.

זיינע ברייטע, האָריקע הענט זענען צוגעוואַקסן צו די הענטלעך פון אַקער־אייזן, די פיס זענען אַריין אין טריט פון די פערד. ס׳איז מער נישט געווען בער, וואָס איז געזעסן אַכט טעג אויף אַ פוס־בענקל, נישט געוואוסט, וואו ער וועט זיך אַהינטון אַן גאָלדען.

איצט ערשט, ווען ער איז געוואָרן איינס מיטן אייזן, מיט דער שטוב־חיה, מיטן פינקל פון די אויפגעריסענע ברילעס ערד, האָט בער דערפילט, אַז די אמתע וועלט איז דאָ צווישן די פעלדער. דאָ טראָגט זיך אַן אַנדער לעבן, זיינס, גאָלדעס. מען דאַרף נאָר צענעמען די הענט און די שרעק פאַרן טויט וועט נישט ווערן.

בער האָט זיך געבויגן איבערן אַקער־אייזן, וואָס האָט אַפּערגעוואָרפן פון ביידע זייטן פּריזמעס גלאַנציקע ערד, מער נישט געגאַנגען, געשוואוי־מען און איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ שוואַרצע שוים.

מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט ער אָפּגעקויפט אַן אַלט אויסגע־בויגן שטיבל, עטלעכע אַקער לאַנד און ער מיט גאָלדען האָבן זיך אַריבער־געקליבן. מען האָט שווער געאַרבעט. מיט די הענט, מיט די רוקנס האָבן מאַן־ווייב געשלעפּט די שטיינער פון פעלד, זיי געלייגט אין אַ פּלויט. פאַר דער צייט האָבן זיי אויסגעבויט אַ הויז מיט פּליגל, מיט אַ גלעזער־נער ווערענדע. די עטלעכע אַקער לאַנד האָבן זיך געטאָפּלט מיט יעדן

קינד, וואָס איז צוגעקומען, זיך געזעגנט מיט די קעלבער, מיט די עופות.

און אַז גאָלדע איז רייך געוואָרן, האָט זי נאָך אַלץ געמאָלקן די קי, אויסגעשלאָגן פּוטער. און אַז די קינדער זענען אויסגעוואַקסן, האָבן זיי זיך געלאָזט איבער דער וועלט — ווער נאָך טשיקאַגאָ, ווער נאָך ניו־יאָרק. טאַטע־מאַמע זענען געבליבן אַליין. גאָלדע האָט געלעבט מיט די עופות, מיט די בהמות, מיטן גאָרטן, וואָס האָט זיך געצויגן הינטערן פענצטער. בער — מיט די פעלדער. יעדן אַקער האָט ער אַליין צע־גראָבן, אים פּעטער געמאַכט מיטן אייגענעם שווייס. איינגעשטימט מיט גאָלדען, אַז נאָכן טויט זאָלן זיי ליגן אויפן בערגל צווישן די דעמבענע ביימער.

און אַז דער טויט האָט אָנגעקלאַפּט, האָט בער אַליין אים געעפנט די טיר, ווי מען בעט אַריין אַן אורח. ער האָט נישט געקענט צוזעען ווי גאָלדע גוססעט, געוואויסט, אַז מען טאָר נישט און מיט די אייגענע פינ־גער איר פאַרמאַכט די אויגן. די קינדער האָבן נישט געלאָזט מקבר זיין די מוטער אויפן בערגל, זי אַוועקגעפירט אין שטאָט צווישן יידן, צוגע־נומען די מוטער באַם טאַטן. זיי האָבן אויך געטענהט, ער זאָל פאַרקויפן דעם פאַרם און זיין באַ זיי, באַ די קינדער.

בער האָט נישט ליב געהאַט די שטאָט. אַז ער האָט זיך אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט נאָך טשיקאַגאָ, האָט ער, דער באַלעבאָס פון הונדערטער אַקער לאַנד, דאָרט קיין טריט נישט געקענט שטעלן. ס'האָט אים געצויגן צום פערד, צו דער קו, ס'האָט אים געצויגן אין פעלד אַריין. און אַז די תבואה האָט זיך אַ הויב געטון, איז עס נישט געווען סתם תבואה. די זאַנגען זענען ווי איבער נאַכט אויסגעוואַקסן, געשטאַנען ווי יונגע ביימלעך און פאַר בערן איז קיין גרעסערע פרייד נישט געווען, ווי צו שפּאַצירן אין דער קילקייט פון דער תבואה און נישט טראַכטן, נאָר איינגאַנצן זיין דורכגענומען, אַז אַלץ אַרום איז זיין פּראַצע.

פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן, צייט גאָלדע איז מער נישט אַראָפּ פון בעט, האָט די ווירטשאַפט זיך אַ וואַקל געטון. נישט אויסגעמאָלקענע קי זענען געבליבן אין וועלדל אויף נאַכט, פון אַ זיפּ מיט אייער האָבן זיך אויסגעבריט צוויי־דריי הינדעלעך און דאָס איז אַלץ, ווייל עס פעלט אַן אייגענע האַנט, ס'פעלט אַ באַלעבאָסטע.

אַז בער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט די פערד באַם הויף, האָט איבערן קאָפּ לייכט געוואַרעמט די זון, ווי די היץ וואָלט געקומען דורך אַ ווענטל.

שרה האָט אַרויסגעטראָגן אַ שאַף מיט געקעכץ, זיך טיף אַריבערגע־בויגן איבער אַ הילצערנער צוים, אָפּגעדעקטע פּיס, עטוואָס צעשפּרייטע האָבן געקוקט אויפן הויף, און גערופן די קעלבלעך עסן:

— קאַבאַש, קאַבאַש, קאַ—באַ—אַש!

קעלבלעך האָבן זיך געטראָגן מיט פאַרריסענע עקלעך, געשטעקט די באַטעמטע פּיסקעס דער מויד אין די הענט אַריין, אין די פאַלדן פון קלייד, איינציקווייז זיך צעשטעלט אַרום דער שאַף און אָנגעהויבן זשלאָקען.

דער זעכציקיעריקער בער האָט געשמייכלט, אויף אַ רגע נישט אַ טראַכט געטון, אַז די מויד האָט רויטע, פעטע באַקן, אַז אין אירע די אמות ברענט, אַז זי שמעקט מיטן זאַפטיקן ריח פון שטאַל. ער האָט פאַר זיך געזען אַ באַלעבאָסטע, וואָס דאַרף אַ נעם טון ס׳ווירטשאַפט אין די הענט. ער האָט עס פאַר די ליפּן נישט געבראַכט, אפילו נישט געטראַכט. ער איז אַריין אין הויף, געשטעקט די קעלבלעך די פינגער אין די פּיסקעס און אַן אויפגעלייגטער אַ זאָג געטון צו דער מויד:

— מיר וועלן האָבן מיטאָג, שרה?

— איר קענט זיך שוין זעצן עסן — האָט שרה גענומען טרייבן די קעלבלעך אין שטאַל אַריין.

בער האָט ס׳ערשטע מאָל געגעסן באַ איין טיש מיט שרהן, געווען אויפגעהייטערט, געפילט, אַז די מויד ווערט אים נאָענט.

# אַ ט אָ כ ט ע ר

פאַרטאָג האָבן די דייטשן אָפּגעצויגן. רוסן האָבן צוריק פאַרנומען די שטאָט. זיי האָבן אַריינגעמאַרשירט צופוס, אויף פערד, אָנגעקומען מיט מוזיק פון יעדער גאַס און געסל, זיך צעלייגט אין מענגעס. מיט אויפגעשטעלטע שפּיזן האָבן זיי זיך געוויגט אויף די וועגן אין דרייגאָרנדיקע שמויסענע היטלען, ווי געדיכטע וועלדער, וואָס פאַרשטעלן דעם זון-אויפגאַנג. פון די שיסערייען, פון די קולות האָט זיך אָבער דער טאָג אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר שעה פריער.

דער רב מיט די שענסטע באַלעבאַטים האָבן באַגעגנט ס'מיליטער מיט וועגעלעך ברויט, מיט געקעכץ, וואָס איז אויפן פּלאַץ צעכאַפּט געוואָרן. דעם רייכן קופּעלט, וואָס אויף אים איז געווען אַ מסירה, אַז ער האָט די דייטשן צוגעשטעלט פיטער פאַר די פערד, האָט מען פאַרהאַלטן. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס גוט-זאָגן פונם רב, דאָס איינלייגן געלט-משכּנות. ס'האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'וועט קופּעלטן דערשיסן.

די שטאָט האָט איינגעלייגט מעשים, זיך געוואָלט דערשלאָגן אין שטאַב צום גענעראַל. דער גענעראַל האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך. ס'איז געוואָרן פאַרנאַכט און דאָ האָט מען נאָך גאָרנישט געהאַט געטון אָפּצוראַטעווען קופּעלטן. ס'איז געבליבן איין מיטל, מ'האָט געגלייבט, אַז ווען חיהלע, קופּעלטס זיבצעניעריקע טאָכטער, וועט אַוועקגיין אין שטאַב אַריין בעטן פאַרן פאָטער, וועט מען אים באַפרייען.

די גאַנצע משפּחה — פעטערס, מומעס, ברידער, שוועסטער, זענען געזעסן באַ קופּעלטן אין הויז ווי אבלים און קיינער האָט קיין קוראַזש נישט געהאַט פאָרצושלאָגן חיהלען זי זאָל אַריבערגיין אין שטאַב אַריין.

די מוטער האָט אַ כאַפּ געטון חיהלען פאַרביידע הענט, געוואָלט אַ געשריי טון: וואָס שווייגסטו, טאָכטער ? וואָס גייסטו נישט ראַטעווען

דעם טאַטן דיינעם? — און די צונג האָט זיך באַ איר אַ דריי געטון:
— חיהלע, דער טאַטע דאַרף גרויס רחמים!

— מאַמע, — האָט חיהלע, אַ בלאַנדע פּענסיאָנערקע מיט בלויע אויגן דורכזיכטיק ווי קלאָר וואַסער, זיך אָנגערופן — איך וועל אַריבערגיין. ס'גאַנצע הויז האָט אָפּגעאָטעמט.

— גיי, חיהלע, גיי, ס'איז פּקוח־נפש, — האָט אַ פעטער אונטער־געמונטערט.

— גיי, טאָכטער, — האָט די מוטער זיך צעוויינט — און זע מ'זאָל אונז דעם קאָפּ פון שטוב נישט צונעמען.

חיהלע האָט זיך אפילו נישט איבערגעטון. אויפן ברוינעם קלייד מיטן שוואַרצן פאַרטעכל האָט זי אַריבערגעוואָרפן דער מוטערס אַ זיי־דענע שאַל. זי האָט אָפּגעטריבן מיט צעשפּרייטע הענט די עצות, וואָס זענען געקומען פון יעדן מויל און ווי אַ מאַמע, וואָס לויפט איינרייסן פאַר איר קינד, וואָס איז פאַרביי, אַזוי האָט חיהלע זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר.

— ס'זאָל דיר ביישטיין, חיהלע, — האָט אַן עלטערע מומע איר נאָכגעשריגן — דער זכות פון יהודיתן, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם רשע־מרושע!

חיהלע האָט זיך געטראָגן האַסטיק איבער די געפּאַקטע גאַסן, וואו אַ חוץ סאָלדאַטן האָט מען קיינעם נישט געזען. זי האָט נישט געהערט, ווי מ'האָט זי עטלעכע מאָל געוואָלט אָפּשטעלן, אויף קיין רגע נישט געטראַכט וועגן זיך, געווען אויף אַלץ גרייט, אַבי אָפּצוראַטעווען דעם פאָטער. זי איז פאַרבייגעגאַנגען איין וואַך נאָך דער צווייטער. ערשט אין שטאַב האָט מען זי פאַרהאַלטן און דער דעזשורנע אָפיציר, גאָר אַ ייִנגער מיט אַ קינדיש פּנים, איז אונטערגעקומען:

— מיט וואָס קען איך אייך דינען, פריילין?

— ווען כ'קען זיך זען מיטן גענעראַל איוואַנאָוו, וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר געווען, — האָט די איינגעבוירענע זיכערקייט פון אַ שיין מיידל זיך גענומען וועקן אין איר.

— ער נעמט נישט אויף — האָט דער ייִנגער אָפיציר צוגעפּגע־לייגט די ליפּן אין אַ מינע, ווי ס'וואָלט געווען זיין שולד.

— וואָס טוט מען ער זאָל מיך יאָ אויפנעמען? — האָבן די אויגן.

די ליפּן, די גאַנצע זיבעצן יאָר — די אומרו פון פריילינג — אַן אַטעם גערטון אויפן אָפיציר און יעדער פּאַראַג האָט זיך אין אים געגומען שמעלצן.

— קען איך וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

— ס׳האַנדלט זיך וועגן מיין פּאַטער.

— דעם „פּאַדראַטשיק״ קופּעלט? זענט איר זיינס אַ טאָכטער?

— יאָ.

— וואַרט צו אַ ווײַלע.

דער אָפיציר האָט געעפנט אַ זייטיקע טיר. די שיין פון אַ בליץ־לאַמפּ האָט זיך אַריינגעריסן, באַלד זיך פאַרלאָשן און אין צימער איז טונקעלער געוואָרן. חיהלע האָט עס נישט באַמערקט, ווייל אַלץ אין איר האָט געלויכטן, געגלייבט, אַז דער מענטש איז בטבע אַ גוטער, מ׳דאַרף נאָר וויסן ווי נאָך צוצוגיין צו אים. דעם אָפיצירס פּנים איז איר געוועזן באַקאַנט, געוועזן זיכער, אַז זי האָט זיך שוין מיט אים געטראָפן אין שטאָט־גאָרטן, אַז זי וועט אַלץ פּועלן באַם גענעראַל. פון הינטער דער טיר האָט זיך געהערט דעם גענעראַלס שטים, אַ טיפע, וואָס קומט פון בויך.

— אַ ברונעטקע?

— ניין, אַ בלאָנדינקע.

די שיין פונם בליץ־לאַמפּ איז ווידער אַ מאָל געטון חיהלען אין די אויגן — דער אָפיציר איז אַרונטערגעקומען.

— ביטע, דער גענעראַל וואַרט אויף אייך.

דער טריט איז געוואָרן בויגיקער, דאָס האַרץ אי ווילד, אי ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט. אונטער דער הויט האָט ס׳לייב געפלאַמט. זי האָט אַרי־בערגעשפּרייזט די שוועל, נישט באַמערקט, ווי מ׳האָט נאָך איר צוגעמאַכט די טיר, און געבליבן שטיין.

באַ אַ קיילעכדיקן טיש, איבער אַ באַרג פּאַפּירן, איז געזעסן אַ קור־צער, דיקער קאָזאַק אין אַ לויז באַטיסטן העמד, אין אַ פּאָר שוין צו־בריטע בלויע הויזן. ער האָט שנעל געשריבן און אַרויסגעלאָזט פון אַ קורצן פּאַרצעלייענעם ציבעק קליינע שפּריצן רויך. דער גענעראַל האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי קיינער וואָלט נישט אַריינגעקומען. געבליבן זיצן איבער די פּאַפּירן, געגרייכערט און צווישן די אויגן האָט געציטערט אַ שויבער שיטערע האָר, וואָס האָבן אַ טבע נישט צו שטיין, נישט צו ליגן, בעטן זיך מ׳זאָל זיי איבערציילן.

חיהלע האָט גענומען גיין צום טיש. זי האָט באַמערקט, אַז דער קאָזאַק מיט די אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס האָט אויף דער ברייטער נאָז אַ בראָדעווקע און אויף דער בראָדעווקע שטייט אַ האָר, האַלב קיילעכדיק ווי אַ סערפּ.

דער גענעראַל האָט אויפגעהערט צו שרייבן, אַוועקגעלייגט די פּע־דער, טיפער אַריינגענומען אין מויל אַריין דעם צ־בעק און זיך באַקוועמער אויסגעצויגן אין דער פּאָטער־שטול:

— זענט איר דאָס קופּעלטס טאָכטער?

— יאָ, גענעראַל.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעריבן די אויגן און זי אָפּגע־מאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. דאָס ברוינע קלייד מיטן שוואַרצן פאַרטוך זענען אים געווען פאַרדעכטיקט.

— וואָס זענט איר, אַ גימנאַזיסטקע?

— ניין, גענעראַל, כ'ענדיק היי־יאָר פּענסיע.

— איר האָט שוין אַ מאַן?

— ניין, — איז חיהלע רויט געוואָרן.

— יידן, זאָגט מען, מאַכן פּרי חתונה זייערע קינדער, — איז ער אַזוי נאָענט צוגעגאַנגען צו איר, אַז זי האָט דערפילט אויף זיך זיין אָטעם — און אַ געליבטן האָט איר?

— אויך נישט, גענעראַל.

ער האָט געשמייכלט אין די וואָנסעס אַריין, זיך דורכגעגאַנגען אי־בערן צימער און אַן אָנגעכמורעטער זיך אָנגערופן:

— איר ווילט, כ'זאָל באַפרייען אייער פאָטער?

— יאָ, גענעראַל, — האָבן די אויגן באַ איר אויפגעלויכטן.

— ווייסט איר, אַז אייער פאָטער האָט געהאַנדלט מיט די דייטשן?

— ווער האָט נישט געהאַנדלט מיט זיי? שניידערס, שוסטערס, בע־קערס — די גאַנצע שטאָט האָט געהאַנדלט מיט די דייטשן.

— אייער פאָטער איז אָבער געווען אַ „פּאָדראַטשיק", פרייוויליק מיטגעפאָרן מיט דער דייטשער אַרמיי.

— מיין פאָטער, גענעראַל, האָט מיט דער אַרמיי גאָרנישט געהאַט צו טון, — האָט חיהלע אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ און די זיידענע שאַל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די אַקסלען.

דער גענעראַל האָט פלינק זיך אַ בייג געטון, אויפגעהויבן די שאַל און זי אַרויפגעלייגט אויף חיהלעס אַקסלען.

דער פאַרהאַרטעוועטער גענעראַל, וואָס איז חדשים לאַנג געווען אונטערוועגנס, געקומען מיט זיינע צענדליקער טויזנטער זעלנער אַזש פון אוראַל, זעלטן געהאַט פאַר עמעצן אַ גוט וואָרט, איז איצט געשטאַנען אַ צעפינטלטער פאַר דעם בלאָנדן יידישן מיידל מיט די בלויע אויגן. ער האָט אַ וויש געטון זיינע צוויי וואָנסעס, ווי פלעדערווישן און געשמייכלט:

— אין אַז כ'וועל באַפרייען דעם פאָטער דיינעם, וואָס וועסטו מיר געבן, טאָכטער?

— אַלץ, גענעראַל, — האָט זי אַ צי געטון צו אים די הענט, ס'האַרץ.

— אַ דאַנק, טאָכטער, אַ דאַנק, — האָט דער גענעראַל זי אַרומגענומען, אַ קוש געטון ווי אַ פאָטער — כ'האָב אויך אַ טאָכטער, אַ בלאָנדע, ווי דו, זי איז אין אוראַל מיט דער מוטער.

# אַזש פֿון קענטאָקי

די נסיעה קיין ניו־יאָרק האָט דעם אַלטן שלמה נישט געלאָזט שלאָפֿן. ער איז געלעגן אין דער פֿינצטער מיט אָפֿענע אויגן, זיך איינגעהערט, ווי איבערן פֿענצטער רייסט דער ווינט די טרוקענע בלעטער פֿון די ביימער, קייקלט זיי מיט אַ קלימפּער איבער דער ערד. מיט אַ פֿייף האָט דער ווינט זיך געשפּאַרט אין דער טיר, אין פֿענצטער, דורכן קוימען.

דאָס אויסגעבויגענע שטיבל מיט די פֿאַרלאָפֿענע שויבן איז געשטאַנען הינטער דעם שטעטל, וואו די ערד, אַ בערגלדיקע, האָט זיך געגרענעצט מיט פֿלאַכע פֿעלדער. דאָס שטיבל איז פֿול געווען מיט שטיקלעך קולות, מיט שטילע טריט. די טריט האָבן זיך געשאַרט איבערן דיל, איבער די ווענט, זיך פֿאַרקליבן צום אַלטן שלמה אויפֿן געלעגער. דער אויסגעדאַרטער גוף האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, ווי איבער שלמהס נאַקעט לייב וואָלטן געקראָכן קאַלטע פֿינגער.

ער האָט אָנגעצונדן אַ פֿאַרקאָפּטשעטע גאַז־רער און זיך גענומען אָנטון. דאָס פֿאַרשפּיצטע פֿלעמל האָט אַריבערגעטראָגן אויף דער וואַנט שלמהס תמעוואַטע פּנים. פֿון זיין שיטער בערדל, וואָס איז נישט איינגעשטאַנען אויף דער וואַנט, האָבן זיך אַרויסגעשאַרט שאָטנדלעך, זיך געווינטלט ווי דינער רויך.

קעגנאיבער שלמהס געלעגער איז געשטאַנען דעם ווייבס בעט אַ פֿאַרבעטס ביז אונטער דעם סופֿיט. אַזוי איז דאָס בעט געשטאַנען יאָרן. שלמה האָט זיך נישט צוגערירט דערצו פֿון ווייבס טויט אָן.

געלעבט האָט ער אין קיך. זיך אַליין געקאָכט, אַליין זיך אויסגע־

וואַשן אַ העמד, זעלטן באַ זיך אויף דער שוועל געזעען אַ מענטש. אין צימער איז ער געשלאָפן און געדאַווענט.

דער טלית און תפילין נישט צונויפגעלייגטע, פאַרשטויבטע, גלייך דער אַלטער וואָלט זיך שוין לאַנג נישט געהאַט צוגערירט צו זיי. צעשאָטענע בריוו און פאָטאָגראַפיעס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן טיש, אויפן דיל.

שלמה איז געבליבן זיצן אויפן בעט, געפירט מיט די מידע אויגן איבער די ווענט, איבער די פענצטער און גאָרנישט געזעען. אין קאָפּ איז באַ אים געווען אַזוי אַנגעוואָרפן און שאָטנדיק, ווי אין צימער. אַ פאַרחלשטער, מיט אַ שווער האַרץ, וואָס האָט געקוועלט, האָט שלמה דווקא געוואָלט באַגרייפן, ווי נאָך האָט ער מיטן ווייב, מיט צוויי קינדער אָפּגעלעבט צענדליקער יאָרן אין דעם איינעם צימער און ס'איז נישט געווען ענג און איצט, ווען ער איז אַליין, קען ער זיך קיין אָרט נישט געפינען. די ווענט האַלטן אין איין איינלויפן.

שלמה האָט זיך אַ בייג געטון, אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע אַ פאָטאָגראַפיע, נישט געווען זיכער צי דאָס יונגע מיידל איז אַמאָל זיין ווייב געווען. אין די אויערן האָט געזשומעט. פון מאָל צו מאָל האָט עפעס אַ פּאַטש געטון אין די טרוקענע בלעטער, וואָס אונטערן פענצטער, געבליבן ליגן ווי אַ זשאַבע. די איינציקע טאָכטער איז מיט פינפצען יאָר צוריק אַנטלאָפן מיט אַ יונג, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ שכנישער פאַרם. זיי זענען אַוועק קיין ניו-יאָרק, חתונה געהאַט און געעפנט אַ מילך-געוועלב. שוין יאָרן ווי די טאָכטער שרייבט נישט. דער איינציקער זון, וואָס האָט געזאָלט איבערנעמען שלמהס „ביזנעס", איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה.

שלמה האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געשלעפּט איבער פאַרמס מיט אַ פערד און וועגעלע, אויפגעקויפט בראַכוואַרג און עס געפירט קיין טשיקאַגאָ. אַרום די פאַרזשאַווערטע שטיקער אייזן האָט ער אַליין גענומען זשאַווערן. ער האָט נישט געוואָלט הערן ווען ס'ווייב האָט אים געטריבן קיין ניו-יאָרק צו דער טאָכטער, געטענהט, אַז זי איז נישט חולה צו קומען צום טאַטן, נישט ער זאָל זיך לאָזן אין אַזאַ ווייטער נסיעה. נאָכן ווייבס טויט איז ער ווייכער געוואָרן. חדשים האָט גענומען ביז ער האָט

באַ זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרקויפן ס'שטיבל, ס'בראָכוואַרג, אָפּלעבן ס'רעשט ביסל יאָרן באַ דער טאָכטער.

דער פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן שאַריען. שלמה האָט צוגעדרייט ס'גאַז־פּלעמל, פאַרשלאָסן דאָס שטיבל, אַריינגעפירט ס'פערד צום שכן אין שטאַל:

— האָב אַן אויג אויפן שטיבל, שכן דזשאָן!

— כ'בין דיך נישט מקנא, סאָלאָמאָן, וואָס דו פאָרסט אַזאַ מהלך — האָט דער שכן, אַ זקן מיט אַ בערדל, ווייס ווי אַ קנאָבל, צוגענומען דאָס פערד — ניו־יאָרק... מיט יענע פינפציק יאָר צוריק האָב איך גע־פירט געהילץ מיטן האָדסאָן... ניו־יאָרק מיין איך... נישט פאַר אונז... אַזאַ טומל, אַזאַ יאָגעניש, דער טייוול אַליין זיצט דאָרט אויפן מענטש, טרייבט אים מיט אַ בייטש... און די מענטשן די דאָרטיקע זע־נען הינט... שווער זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ געהיינטעכץ... נישטאָ אַ שטאָט פאַר אַזעלכע זקנים, ווי מיר... פאָר, סאָלאָמאָן, און קום געזונט!

אַ קנאַפּן מעת־לעת האָט שלמה זיך געשלעפּט קיין ניו־יאָרק. ער האָט זיך געטרייסלט אויף באַנען, געוואַרט אויף סטאַציעס, געגעסן ברויט מיט הערינג, ברויט מיט באַנאַנעס, געקוקט דורך די פענצטער פון די וואַגאָנען אויף דער גרויסער וועלט, וואָס איז אַנטלאָפן פון אים און פון פאַרלוירנקייט געהאַלטן זיך אין איין טרייסטן, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל.

שלמה האָט אַלץ צוגענומען פאַר ליב, געוואַרעמט דעם געדאַנק, אַז ער פאָרט צו דער טאָכטער, צו לאָהן. ער וועט פאַרקויפן ס'שטיבל, דעם שפּייכלער, אַלץ אוועקגעבן דער טאָכטער און אַליין וועט ער ניאַנטשען די אייניקלעך, פאַרברענגען מיט יידן אין בית־המדרש.

ער האָט דער ערשטער זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער וואַ־ליז באַם אַרויסגאַנג פון וואַגאָן און אַז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דאָס האַרץ באַם אַלטן געגומען קלאַפּן, ווי באַ אַ יונג בחורל.

אויף דער גאַס האָט ער אָפּגעשטעלט אַ פּאָליסמאַן, אים אונטערגע־טראָגן אַ צעריבענעם קאָנווערט מיט אָפּגעשאָסענע אותיות.

— העלאָ, קעפּטען, נישט קיין היגער, אַזש פון אַרום קענטאַקי, ווי דאַרף איך דאָ פאָרן?

דער פּאָליסמאַן האָט באַטראַכט שלמהן, זיין וואַליזע און אים אויפגעזעצט אויפן „על״. אַן אויפגערוימטער איז דער אַלטיטשקער אַראָפּ אויף הונדערט זעקס און זעכציקסטער גאַס. ער האָט געציילט די נומערן פון די הייזער, געקוקט אין די פענצטער פון די געשעפטן, באַלד, באַלד, נאָך איין הויז — — — אָט איז דער נומער זעקס הונדערט.

שלמה איז געשטאַנען פאַר אַ פירשטאָקיקער געבײַדע, געקוקט אהער, געקוקט אַהין, נישט געזען ס׳זאָל דאָ ערגעץ זיין אַ מילך-געוועלב. ער האָט נאָכאַמאָל פאַרגליכן דעס נומער פון הויז מיטן נומער פון ב״יוו.

ס׳זענען באַלד אויסגעוואַקסן ייִנגלעך, ווייבער, אַרומגערינגלט שלמהן.

— וואָס זוכט איר, ייִדעשי?

— דאָ אין דעם הויז דאַרף זיין אַ מלעטשאַרנע...

— וואָס דאַרף זיין?

— ער מיינט אַ „דיירי״ — האָט אַ ווייבל זיך אָנגערופן — אויפן גאַנצן בלאָק איז נישטאָ קיין מלעטשאַרנע.

— זייט אייך מטריח, זיידעלע, און גייט אַראָפּ צום דזשעניטאָר.

ייִנגלעך האָבן שלמהן אַראָפּגעפירט צום דזשעניטאָר, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פינצטערן קעלער, געשאָטן קוילן אין אַ צעפלאַמטן אויוון.

— וואוינט דאָ באַ אייך אַ מיסטער גרינבערג? — האָט שלמה געפרעגט.

— וואוינט נישט — האָט דער דזשעניטאָר זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, געוואָרפן אין די פלאַמען אַריין שופלעס קוילן און אַליין האָט ער אויסגעזען ווי אַ קופּערנער.

— ווי הייסט, ס׳וואוינט נישט? — האָט שלמה אַזש אַ קרעכץ געטון.

דער דזשעניטאָר האָט זיך אויסגעדרייט, דערזען דעם אָנלויף ייִנגלעך. האָט ער ס׳ערשטע אַ כאַפּ געטון דעם בעזים:

— וואָס פאַר אַ בייז וואונדער אויף אייך? גראַרי-היר!

און אַז ס׳קליינוואַרג האָט אָפּגעצויגן, האָט דער דזשעניטאָר ווייכער אַ זאָג געטון:

— דאָ וואוינט נישט אַזעלכער.

— זי האָט דאָך מיר אַליין געשריבן, מיין טאָכטער... מיר געשריבן, אַז זי האָט אַ מלעטשאַרנע — האָט שלמה אַ פּאַרלוירענער אונטערגעטראָגן דעם אויסגעשריבענעם קאָנווערט און נישט באַמערקט, ווי דאָס האַרטע פּנים באַם דזשעניטאָר בייט זיך.

— ווי, זאָגט איר, האָט אייער איידעם געהייסן, גרינבערג? געהאַט אַ מלעטשאַרנע? — האָט דער דזשעניטאָר ס'לעצטע וואָרט אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ איבערראַשונג, ווי מען וואָלט אים מיטאַמאָל אַריינגעפירט אין זיין פּויליש געבורטס־שטעטל, — ער וואוינט שוין לאַנג נישט דאָ.

ז'ער דזשעניטאָר האָט אַוועקגעשטעלט דעם שפּאָדל, געקוקט אויף שלמהן פון דער זייט און ס'קול איז באַ אים געוואָרן אַן אַנדערס, אַ צו־געשפּאַלטנס:

— פינף יאָר ווי מען האָט אויסגעבויט דאָס הויז... פריער איז דאָ געשטאַנען אַ הילצערנס, וואו אייער טאָכטער האָט געוואוינט, געהאַט אַ מלעטשאַרנע...

— ווייסט איר נישט וואו זי וואוינט איצט?

דער דזשעניטאָר האָט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער ווייסט נישט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז לאה ליגט שוין יאָרן אויפן בית־עולם.

— טאָ, וואָס טוט מען? — האָט דער אַלטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — אַזש פון אַרום קענטאָקי אַראָפּגעקומען... אַזאַ נסיעה קאָסט דאָך אָפּ אַ פּאַרמעגן... כ'האָב געמיינט רק, אַז כ'האָב שוין געטראָפן, דען לאַנג בלייבן קען איך נישט, אָפּגעשלאָסן ס'ווירטשאַפט... און דאָ גאָרנישט...

— איר וועט זי געפינען, מען דאַרף זיך נאָר גוט נאָכפרעגן — האָט דער דזשעניטאָר צעוויקלט אַ צייטונג, אַרויסגענומען ברויט, פּוטער, אַ הערינג, צוגערוקט אַ קעסעלע ביר — דערווייל וועלן מיר עפּעס אי־בערכאַפּן... יאָ, אייער טאָכטער האָב איך גוט געקענט... זי לאַכט שטענדיק און די האָר זענען באַ איר ליכטיקע...

— געראָטן אין דער מוטער, צו לענגערע יאָר — האָט שלמה זיך צוגעזעצט.

זיי האָבן גענומען צו גלעזער ביר, פאַרביסן, ווידער גענומען און

אַז עס איז געוואָרן וואַרעם אונטערן האַרץ און מען האָט זיך צערעדט, איז שווער געווען צו דערגיין פון וואָס די אויגן טרערן, צי פון פרייד, צי פון דעם, וואָס לאה ליגט שוין יאָרן אויפן בית־עולם.

צומאָרגנס האָט דער דזשעניטאָר צוגעפירט שלמהן צו דער באַן און אַז דער אַלטער איז שוין געזעסן אין וואַגאָן, האָט דער דזשעניטאָר נישט אויפגעהערט אים צו טרייסטן:

— כ׳וועל זי אויסגעפינען, כ׳וועל זי זיכער אויסגעפינען, מ׳דאַרף זיך נאָר נאָכפרעגן באַ מענטשן.

# ס׳רעדל דרייט זיך

די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפּט סאָניע, געמיינט, איר ייִנגעלע וויינט. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער אָנגעקוואָלענער ברוסט און זיך איבערגעבויגן איבערן קינדס בעטל. דאָס ברעקל, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין דריי חדשים, איז רויִק געשלאָפן. די ליפּעלעך, אויסגעטאָקטע ווי אַ קאַרש, האָבן געצויגן די לופט און ס׳פּנימל האָט געלויכטן פון תענוג.

דאָס טעלעפאָן־גלעקל האָט געריסן שטיקער, זיך צעשאָטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס אַמאָל מיט מער רוגזה, דאַכט זיך, נישט געקלונגען, נאָר געבילט ווי אַ צערייצט, הייזעריק הינטל.

סאָניע האָט אַ טאָרקע געטאָן דעם מאַן:

— גרישע, שלאָפסט?

— האַ? — האָט גרישע נישט געקענט עפענען פון שלאָף די אויגן — כ׳שלאָף נישט.

— ווער קען דאָס בײַנאַכט אַזוי קלינגען?

אַ פאַרשלאָפענער איז גרישע אַראָפּ פון בעט, געצויגן די צו ברייטע פּאַדזשאַמעס, וואָס זענען געפאַלן איבער די פיס און ער האָט גײַהאַט טענות צו דער וועלט:

— אפילו בײַנאַכט לאָזט מען נישט איינשלאָפן.

ער האָט געטאַפּט אין דער פינצטער, זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שילדביין און מיט רציחה צוגעלייגט ס׳טרייבל צום אויער:

— ווער איז?

— יאָ.

— יאָ — איז ס׳קול באַ אים געוואָרן ווייכער.

— ווער וועט אָבער בלייבן מיטן קינד?

— שיינדל?

— גוט. ווי זי קומט, גייען מיר גלייך אַרויס.

— וואָס איז, גרישע? ווער רעדט? — איז סאָניע שוין געשטאַנען אין נאַכט־העמד לעבן מאַן — די מאַמע? העגג נישט אויף! וואָס האָסטו אויפגעהאָנגען? — האָט זי אַרויסגעריסן דעם טעלעפאָן פון גרישעס האַנט, געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענע און נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיטן אַפּאַראַט.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן, — האָט גרישע זיך געפרוווט פאַרענטפערן — די מאַמע איז נישט מיט אַלעמען, איז אַוועקגעפאַלן. שיינדל קומט אַהער, וועט בלייבן מיטן קינד און מיר וועלן אַריבערגיין. טו זיך אָן, גיכער.

— אַז מען רופט שוין א ו נ ז און אין מיטן נאַכט, ווער ווייסט, וואָס ס׳איז געשעען — האָט סאָניע אַ כאַפּ געטון די הענט צום אַרומגעשוירענעם קאָפּ האָר, און ס׳פּנים האָט זיך באַ איר פאַרקרימט, ווי נאָך אַן אַרויסגעשלעפּטן צאָן. — אַז די מאַמע האָט באַ זיך געפּועלט נאָך צען וואָכן ברוגז צו שיקן נאָך אונז, איז דאָרט עפּעס נישט גלאַטיק. און שולדיק, גרישע, זענען מיר. די מאַמע האָט זיך געבעטן, מ׳זאָל יידישן ס׳קינד, איר נישט פאַרקירצן ס׳לעבן, האָסטו זיך דווקא איינגעשפּאַרט, אַז נישט...

— כ׳פרעג דיך, — איז גרישע שוין געשטאַנען אַ האַלב־אָנגעטוענער — וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט איך געהאַט אין דער פּאַרטיי, ווען כ׳לאָז אברהמלען מלה זיין? וואָס מיינסטו בין איך? אַ היפּאָקריט? דו ווייסט, אַז כ׳בין אַ מענטש מיט פּרינציפּן, טאָ וואָס רעדסטו?

— ווייסטו כאָטש, אַז צייט אברהמל איז געבוירן געוואָרן, גייט דער טאַטע נישט דאַווענען? — האָט סאָניע אַ צי געטון ס׳לויזע נאַכט־העמד, אָפּגעדעקט אַ בלוטיק ברוסט־וואָרצעלע מיט שוימיקע טראָפּנס מילך — פון חרפה זיצט ער אין שטוב! ער האָט אויך פּרינציפּן! באַ דיר איז מלה זיין אַן אַבערגלויבן, און באַ טאַטע־מאַמע איז עס ס׳גאַנצע לעבן!

— ווילסטו זאָגן, אַז די אַלטע לייט זענען גערעכט? — האָבן

די ברעמען זיך אַ שטעל געטון אויף גרישעס אָנגעצויגענעם שטערן.

— כ'האָב מורא, אַז יאָ — האָט סאָניע געוויקלט די ציידענע זאָקן, ווי ביינגל.

שיינדל, סאָניעס אַ ברודערן־טאָכטער פון אַ יאָר פערצען, האָט באַם אַריינקומען געוואָלט אַרויפציען אויפן פּאַרוויינטן פּנים אַ שמייכל. דער שמייכל האָט זיך איר נישט איינגעגעבן און ס'לענגלעכע פּנים האָט זיך בלויז צעקרימט.

— ווען, וואָס, שוין לאַנג, וואָס רעדסטו נישט? — האָבן אָן אַ שיעור שאלות זיך געפּלאָנטערט באַ סאָניען אין האַלז, נישט געקענט קומען צום וואָרט, און ס'פּנים איז געוואָרן איין שטאַמל — וואָס באַהאַלטסטו פון מיר, זאָג!

— פון לעצטע וואָך אָן איז די באָבעשי אין בעט — האָט ס'מיידל זיך געשטיקט מיט טרערן — היינט פאַ־נאַכט איז זי אָוועקגעפאַלן. גע־האַט צוויי דאָקטוירים...

— נו?

— איצט איז זי פאַרביי, מומע — האָט שיינדל זיך צע־וויינט.

— מען זאָגט מיר נישט דעם אמת, גרישע — האָט סאָניע פאַר־געסן די פּאַרטיי, די פּרינציפּן, געפילט, אַז זי דאַרף קלאָגן, איינרייסן וועלטן.

זי האָט אַ שלעפּ געטון דעם מאַן, וואָס האָט אָנגעזאָגט שיינדלען, ווי נאָך זיך צו באַגיין מיטן קינד, און איז אַרויס מיט אים אויף דער גאַס.

טריבע לאַמטערנע־פלעמלעך האָבן זיך געטיקט אין נאַסן אַספאַלט. געדיכטער געמאַכט אַרום זיך דאָס פינצטערניש. אַ ווינט האָט יעדע ווײַלע אַ שפּריץ געטון מיט שטעכיקן רעגן, מיטגעבראַכט פון ערגעץ־וואו פאַר־שטיקטע קולות, זיי פאַרשטעקט אין אַן אָפענער טיר, וואָס האָט שטום געגלאַנצט, ווי אַ בלינדע קעל.

סאָניע האָט זיך געטראָגן אויף אַ פריער. גרישע האָט זי אפילו נישט געפּרווט איינצונעמען, געוואוסט, אַז עס איז נאָך אַלעמען. פאַר

די עלטערנס הויז האָט סאָניע זיך מיטאמאָל אָפּגעשטעלט, אַרויפגע־לייגט דעם קאָפּ אויפן מאַנס אַקסל און זיך צעהעשעט:

— מאַמע, מאַ—מע!

גרישע האָט זי צוגעטוליעט צו זיך, געבליבן שטיין מיט איר אין מיטן גאַס, געוואַרט סאָניע זאָל אַ ביסל זיך אַראָפּוויינען פון האַרץ. זי האָט אַ הייב געטון די פאַרגאָסענע אויגן צום מאַן:

— גרישע, טייערער, כ׳בעט דיך, ווי באַר דו וועסט אַריינקומען, זאָלסטו צוגיין צו דער מאַמע און איר צוזאָגן, אַז דו וועסט מלה זיין ס׳קינד.

— כ׳וועל צוזאָגן, אַבי באַרויק זיך — האָט גרישע איר אויסגע־ווישט די אויגן, זיך נישט געלאָזט קושן אין די הענט.

זיי זענען אַריין אין הויז.

די מוטער איז שוין געלעגן אָן אָפּגעהויבענע. זיין, טעכטער, שנזירן, איידעמס, זענען געזעסן אין די ווינקלען, אויסגערעכנט דער טויטערס שבחים. דער פאָטער, אַ געבויגענער, אַ גרויער, איז אַנטקעגן געגאַנגען סאָניען מיט גרישען, אַ קוק געטון אויף דער טאָכטער, אויפן איידעם און פון דער זייט געוואָרפן ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געזייצט:

— אַז נישט אויף שמחות, זעען מיר זיך כאָטש אויף לוויות.

סאָניעס נאָז האָט זיך אויסגעצויגן, ווייס געוואָרן. די מראה פון פּנים האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן. זי האָט אונטערגעהויבן אַ האַנט און זיך אַ וואַקל געטון. גרישע האָט זי קוים דערכאַפּט. געשריגן:

— זי חלשט! אַ ביסל וואַסער!

אין דעם טומל, וואָס איז געוואָרן אַרום סאָניען, האָט זיך איר פאָטער אַרויסגעשאַרט פון שטוב. דער קאָפּ פאַרריסן, דאָס מאַנטל מיט צעפלויגענע פאָלעס, צעקנעפּלט, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ דבר־מצווה. צוויי יידן מיט אויפגעהויבענע פּלייצעס, די קעפּ צווישן די אַקס־לען, זענען אים נאָכגעגאַנגען.

די ליידיקע גאַס איז פול געווען מיט טריט, כאָטש מער ווי דריי יידן איז נישט געווען צו זעען. דער רעגן האָט געפּאַטשט די פּנימער, געריסן די בערד, געצונדן פלעמלעך אין די אויגן.

— כ׳וואָלט נישט געוואָלט שטאַרבן אין אַזאַ נאַכט — האָט איין ייד, אַ קלענערער, איינגערוימט דעם העכערן.

— דעם טויטן איז אוודאי אַלץ איינס — האָט דער העכערער זיך אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד.

— מען זאָגט, זי האָט קיין גאַל נישט געהאַט, שלומס ווייב.

— אַ וואויל מענטש געווען — האָט דער העכערער שטילער געזאָגט — און דווקא זי האָט געדאַרפט האָבן אַזאַ טאָכטער.

— שולדיק, זאָגט מען, איז איר מאַן, אַ סאָציאַליסט.

— גיי ווייס זיי, די סאָציאַליסטן... אַמאָל אַזאַ פּאַרשוין, וואָס האָט די קינדער נישט געוואָלט מלה זיין, האָט אינגאַנצן איבערגעריסן מיט די יידן. היינט איז אַ פּאַרקערטע וועלט. זיי, די סאָציאַליסטן, רעדן יידיש און מישן זיך דווקא אין קהלישע זאַכן...

— איז טאַקע ערגער — האָט דער קלענערער אַרויפגעקוקט צום העכערן — יענע לייט האָבן אינגאַנצן קיין מגע-ומשא נישט געהאַט מיט יידן. די סאָציאַליסטן אָבער ווילן אַלץ מיטן וואָרצל אויסרייסן. ס׳גאַנצע ביסל יידישקייט עוקר מן השורש זיין!

שלום האָט אָנגעקלאַפּט באַ דער טאָכטער. שיינדל האָט דערזעען די יידן און זיך איבערגעשראָקן:

— וואָס איז, זיידע?

— מיר זענען געקומען מלה זיין אברהמלען — האָט שלום אָנגעגומען ס׳אייניקל פאַר די אַקסלען — כ׳וויל די באָבעשי זאָל רויק קומען צו קבר ישראל.

— און גרישע, זיידעשי — האָט שיינדל נישט געוואוסט, וואָס מ׳הייבט אָן טון — ער וועט דאָך האָבן צו מיר טענות?

— און אַז די באָבעשי וועט האָבן טענות צו דיר, אַרט דיך נישט?

— ר׳ שלום, ר׳ שלום — האָט מען גערופן פון צווייטן צימער — זייט סנדק!

שיינדל איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע, נישט געוואוסט, צי זי זאָל וויינען. זי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט ציילן יעדן קלאַפּ פון איר האַרץ. און אַז אַ שפּיציק קינדיש געשריי האָט מיטאַמאָל דורכגעריסן די שטילקייט, איז זי, ווי אַן

אומגערגעשאָסענע, צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ צו דער וואַנט. ס'הויז איז פול געוואָרן מיט געשרייען און פון די געשרייען האָט זיך אַרויסגעשיילט דעם זיידנס קול, העכער און העכער, ווי אַ געזאַנג:

— בדמיך חיי! בדמיך חיי!

# שמחהס לעבן

די צוויי צימערלעך מיט דער קיך זענען פול געווען מיט זעק ניס, קאווע, טיי און ראזשינקעס. אין דער קלעפיקער ענגשאפט איז געשטאנען דער ריח פון וויין.

שמחה האט זיך נישט אריינגעפאסט אין דער דירה. א הויכער, א דינער, מיט א ווילדער, רויטער באָרד, מיט א יונג, דורכזיכטיק פנים. דער צער אין די גרויע אויגן האט שמחהן ענלעך געמאכט צו די רוסישע הייליקע, ווי מען מאלט זיי אויף שמאלע, לאנגע איקאנעס.

ער איז זעלטן ארויס פון שטוב, געוואָרט, א שכנה זאל אריינקומען נאך א פערטל פונט טיי, נאך א פונט ניס, נאך וויין אויף קידוש. אין די נאכמיטאגן האט ער געלערנט מיט דריי דערוואקסענע ייִנגלעך, צוגעוויגט בשעת־מעשה א קינד, וואס איז געלעגן אין א וויגל און איז פון טאג צו טאג איינגעגאנגען.

ס'ווייב, א באלייבטע, מיט א בלייפעדער אין די פארלייגטע האר פון קאפ, האט צעטראגן באשטעלונגען, שטענדיק געווען אין גאס, געזוכט קונדן. און אז זי איז אריינגעפאלן צו א ליבאוויטשער חסיד, האט זי נישט געבעטן קיין באשטעלונג, נאר געפאדערט, געגעבן אנצוהערן, אז זיי זענען עס שולדיק איר שמחהן.

דעם מאן אבער האט זי קיין גלייך וואָרט נישט געגעבן, שטענדיק געגוואלטעוועט, זיך נישט געקאנט מוחל זיין, וואס זי, א װארשעווערין, האט זיך געלאזט איבעררעדן און גענומען א באנק־קוועטשער. פון די גליקן, וואס מען האט איר צוגעזאגט, האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם. האט זיך א קינד א קלאפ געטון, צי געפאלן — זי האט תמיד געהאט טענות צו שמחהן. דאס האט אבער נישט געשטערט, זי זאל האבן מיט אים פאר די פינף יאר פון דער חתונה פיר קינדער.

צו נײַנצען יאָר האָט מען זיך שוין מיט שמחהן אַרומגעטראָגן אין ליבאַוויטש. ער איז געווען פֿון די ייִנגסטע „תּורה"־זאָגערס, אויפֿן אָרט גע־קאָנט איבערגעבן דעם רבינס אַ „מאמר" מיט אַזאַ טיפֿקייט, אַז דער עולם האָט געגלייבט, שמחה וועט ווייט אַוועק. זײַן שם האָט דערגרייכט ביז איבערן ים.

אין סאַמע ברען פֿון דער מלחמה, ווען ייִדישע הערצער זענען צע־גאַנגען פֿון רחמנות, האָבן ליבאַוויטשער חסידים אַראָפּגעבראַכט שמחהן קיין ניו־יאָרק. מען האָט זיך געקליבן אויפֿצומויערן אין די בראָנקס אַ „שטיבל", וואו שמחה וועט זאָגן תּורה, אויפֿלעבן ס'חרוב געוואָרענע חסידות.

אויף דעם סמך האָט מען אים חתונה געמאַכט, אויסגעהאַלטן די ערשטע צייט בכּבֿוד.

נאָך דער חתונה האָט שמחה אָנגעהויבן צו ליידן אויף די לונגען, נישט געטאָרט רעדן פֿאַרן עולם. דערצו האָט קהל זיך צעקריגט און דאָס בויען פֿון דעם „שטיבל" האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען איז מיד געוואָרן צו צאָלן שמחהן וואָכערס, און ס'ווײַב איז געצוואונגען געווען צו געפֿי־נען אַ שטיקל האַנדל אין שטוב.

אַזוי האָבן זיך געצויגן יאָרן. שמחה איז געוואָרן דאַרער, די פּיי־ערדיקע באַ"ד — ווילדער. ס'פּנים — לענגער, שמעלער, און אונטער די רויטע ברעמען — גרויע, הונגעריקע אויגן. ער האָט געהאַט תּרעומות צום רבונו־של־עולם, זיך געהאַלטן אין איין אויסטענהן מיט אים, נישט פֿאַר־שטאַנען, פֿאַרוואָס, ווען מענטשן האָבן זיך געוואָלט דערהייבן צו גאָט, האָבן זיי אים, שמחהן, אויסגעהאַלטן, זיך געלאָזט אויף אים קאָסטן געלט, און דאָס זעלבע געלט לאָזט אים, שמחהן, נישט רוען, וועקט אין זײַן ווײַב רשעות.

און וואָס ענגער עס איז אים געוואָרן אין שטוב, זיך געוואָרגן צווישן די אָפּענע זעק, וואָס האָבן געגלאָצט מיט ברוינע קאַווע־קערנער, מיט בלעטלעך טיי, אַלץ מער האָט ער שלום־געמאַכט מיט דער אייגענער גע־פֿאַלנקייט. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס ס'ווײַב שרײַט, זידלט, באַדינט זיך מיט אים, ווי מיט אַ שיק־ייִנגל. און אַז זי האָט איינמאָל אין אַ נאָכ־מיטאָג נישט אויפֿגעהערט צו געוואַלטעווען, זיך געריסן פֿון כּעס די האָר, איז ער געווען זיכער, אַז זי גייטיקט זיך אין געלט. ער האָט זיך אָנגע־רופֿן מיט תּמימות:

— ווילסט אפשר כ׳זאָל גיין קריגן אַ גמילת־חסד?

— זע נאָר ווי מיין פרנסה־געבער ש ט ע כ ע ל י ר ט מיך! — האָט זי זיך אָפּגערופן... ס׳וועט דיר גאָרנישט שאַטן, אַז דו וועסט גיין! דעם גרויסן נדן, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט? אַ שטוב מיט מאַרדאָ־וואַניע, מיט קראַנקע לונגען...

שמחה האָט נישט געקענט אויסהערן דעם ווייבס מענה־לשון און זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. ער האָט זיך געדרייט איבער די גאַסן, נישט באַמערקט, ווי ס׳איז נאַכט געוואָרן, און איז פאַרקראָכן צום האַדסאָן. מענער, פרויען, קינדער, מיט פעקלעך, מיט וואַליזקעס האָבן זיך גע־שטופּט, געוואָלט וואָס גיכער אַרויף אויף דער שפּאַציר־שיף, וואָס איז געשטאַנען גרייט אָפּצופאָרן. ער האָט זייער געוואָלט זיך פאַרלירן צווישן עולם, אויסמעקן די פינף יאָר אין אַמעריקע און ערגעץ אַוועק. ער האָט איינגעאָטעמט פרישע, געזאַלצענע לופט און דערפילט, ווי ער וואָלט אַ אַ גוטן טרונק וואַסער געטון. געגלייבט, אַז אויפן וואַסער וואָלט ער געזונט געוואָרן. די שיף איז אָפּגעפאָרן, זיך דערווייטערט און שמחה איז געבליבן שטיין אַ פאַרלאָזטער, אַ דערשלאָגענער.

ער איז אַהיימגעקומען נאָך האַלבער נאַכט. ס׳ווייב איז געשטאַנען אויפן טרעפּל אַ פאַרוויינטע, זיך דערפרייט מיט אים:

— זע נאָר, מען טאָר אים שוין נישט רעדן קיין וואָרט! לויף, לויף! נאָך אַמאָל וועל איך דיך אינגאַנצן אַרויסטרייבן!

אויפן פינפטן יאָר האָט שמחה זיך שוין אינגאַנצן פון שטוב נישט אַרויסגערוקט. ער האָט געהוסט, איינגעגאַנגען, געוואַרט אויף שבת, ווען קיין קונדן קומען נישט, ס׳ווייב לייגט זיך גלייך נאָכן עסן שלאָפן, די קינדער זענען אויף דער גאַס און ער קען אַריינקוקן אין אַ ספר.

אין אמתן אָבער האָט ער שוין נישט געקאָנט אַריינקוקן אין אַ ספר. די אותיות האָבן זיך געשטעלט איבער די שורות, אונטערגעטאַנצט, איינגערוימט, אַז דער סוף איז נאָענט. ס׳איז אים אַ רחמנות געווען אויף זיין יונג לעבן, וואָס לויפט איין, ווערט קלענער, ווי די פאַרקאַשערטע זעק, נאָכדעם ווי מען פאַרקויפט די ניס, די ראָזשינקעס.

אַ שבת נאָכמיטאָג זענען אין דער טיר געשטאַנען צוויי אָנגעזעצטע חב״דניקעס:

— גוט שבת, ר׳ שמחה.

— גוט שבת, ז'צט.

— מיר ווילן אייך מיטנעמען צו דער אסיפה. איר וועט נישט דארפן רעדן, מיר האלטן שוין בא פארענדיקן דאס „שטיבל". קומט, ר' שמחה!

שמחה איז מיטגעגאנגען, קוים געשלעפט די פיס.

בא פישלען, א פאבריקאנט פון אייזערנע בעטן, האט געווארט אן עולם פון איבער פינפציק חסידים.

— אט איז ר' שמחה!

— זעצט אים אויבנאן!

— אויבנאן!

מען האט אים אוועקגעזעצט באם פאבריקאנט. שמחה האט זיך גע־האלטן נישט היימיש, געטראכט, אז דער עולם האט זיך פארבענקט נאך חסידות, וויל הערן פון שמחהן תורה און אים קריכט גאר אין קאפ אריין פישלס עשירות, חידושט זיך, וואס ער, א קבצן, זיצט מיט אזא בעלט־זאך?

מען האט געשטעלט מעד, ניס, מאקעראנען.

מאירקע שוחט, מיט א צוגעשוירן בערדל, האט עטוואס ארויפגע־שארט דעם ארבל פון זיין ראק, א הייב געטון די האנט צו דער באק און זיך צעזונגען. דער עולם האט אונטערגעכאפט.

שמחה האט אינגאנצן אויפגעציטערט פונם געזאנג. דער שוואכער ב ף זיינער האט אנגעהויבן קומען צו די כוחות. דער קאפ איז געווארן לייכטער, די רעיונות לופטיקער, ווי ער וואלט נישט געווען בא פישל פאבריקאנט, נאר באם רבין אין ליבאוויטש. ער האט זיך א צי געטון, געעפנט ס'מויל, ווי צום רעדן, האבן די ארומיקע געגומען קלאפן אין די הענט:

— שא, שטיל, ר' שמחה...

רויטע רעדלעך האבן זיך אוועקגעשטעלט אויף שמחהס דורכזיכ־טיקע באקן, דורכגעשיינט די פייערדיקע האר. נישט קיין ווערטער, גאנ־צע שטיקער „תורה", וואס האבן זיך געקליבן אין אים פאר די לעצטע פינף יאר, האבן זיך א ריס געטון אין אים, פארשטעלט דאס קול, זיך ארויסגעשפארט מיט א הוסט... אין דער שטילקייט האט זיך געטראגן

שמחהס שטים מיט רוגזה, מיט תרעומות און טענות צום כביכול. אז די אַרומיקע האָבן געעפנט מויל און אויערן.

מיט די רייד האָט שמחה זיך אַ שטעל געטון, העכער געוואָרן. ער האָט זיך געוויגט איבער די פינף מנינים חסידים, געשפּרייט איבער זיי די הענט, פאַרטיפט די רעיונות, אַז קיינער האָט אים נישט געקאָנט נאָכגיין. דער עולם האָט געגאַפט פון דעם קלאַנג, געשלונגען די ווערטער. און אַז שמחה האָט געענדיקט, איז ער נישט געווען אויסגעליידיקט, נאָר, פאַרקערט, געווען זיכער, אַז זיין לעבן האָט זיך איבערגעטאַשט, ס׳הייבט זיך ווידער אָן פון אָנהייב.

שפּעט אין אָוונט האָט פישל אָפּגעפירט שמחהן אין זיין אויטאָמאָביל.

אין די ענגע צימערלעך זענען די קינדער נאָך נישט געשלאָפן, געזעסן איבער טעפּלעך מילך, געגעסן חלה און זיך געפּאַטשקעט. ס׳ווייב האָט באַגעגנט דעם מאַן אָן אָנגעדראָדלטע:

— האָסט שוין געקענט דאָרט נעכטיקן אויך, מיין פּרנסה־געבער!

1926

# דער ביזנעסמאַן

אין די אַכציקער יאָרן פון נײַנצעהנטן יאָרהונדערט האָט שלום שטערן זיך אַרומגעשלעפּט מיט זײַן פערד און וועגעלע צווישן די קעטסקיל־בערג. אין וועגעלע האָט ער געהאַט אַ „דעפּאַרטמענט סטאָר" — פון אַ קאָפּ פון אַ שפּעלל ביז אַ נאָדל.

דער פעדלער איז צוגעפאָרן צום „געווער סינק ריווער", געוואָלט געבן דעם דורשטיקן פערד אַ טרונק. ס'פלאַכע וואַסער איז געווען אַזוי קלאָר און אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען האָט געקאָנט ציילן יעדעס שטיינדל, יעדעס גרעזל. דער פעדלער האָט אָנגעשעפּט אַן עמער וואַסער, עס דערלאַנגט דעם פערד און אַליין האָט ער גרויס חשק געהאַט זיך אויסצובאָדן. אַ הונדערט טריט פון אים האָט זיך געבאָדן אַ פאַרמער. זיך געבאָדן נאַקעט, געלערנט קליינוואַרג שווימען. קינדערישע קולות האָבן אָפּגעהילכט, צוריקגעקומען פון יעדן טאָל און בערגל, זיך געטיקט אין דער דורכזיכטיקער לופט, ווי עס טיקט זיך אַ גוט פלאַך שטיינדל, מאַכט „קאַטשקעלעך", ווען מען שליידערט עס אין וואַסער אַרײַן.

דער פעדלער איז אונטערגעגאַנגען, באַגריסט דעם פאַרמער און זיך געפרעגט:

— קען מען זיך באָדן, ביל?

— ס'וואַסער איז גרויס, באָד זיך, פרעמדער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פרעמדער געזעסן איבערן האַלז אין וואַסער, לײַכט ווי אַ פראָש, אָפּגעוואָרפן הענט און פיס, אָפּגעוואַשן דעם זומערדיקן שווייס. ס'קליינוואַרג, וואָס האָט זעלטן געזען אַ פרעמדן, האָט געקוקט אויפן פעדלער, ווי אויף אַ וואונדער. און איידער דער פעדלער איז אַרויס פון וואַסער, האָט ער שוין געוואוסט וויפיל פאַר־

מערס ס'וואוינען אַרום, ווי ווייט ס'איז פון אַ באַן, וויפיל יידן ס'געפינען זיך אין דער געגנט.

— באַזעץ דיך צווישן אונז, פּרעמדער, — האָט דער פאַרמער זיך אָפּגערופן, — אַ זעכציק מייל פונדאַנען, אין גרין־היל, וואוינט אַ ייד. ס'האָט נישט גענומען קיין צוויי יאָר און אַרום דעם פּלאַץ, וואו דער ייד האָט זיך באַזעצט, איז אויסגעוואַקסן אַ שטעטל. מיר האָבן דאָ אַלץ — בהמות, עופות, האָניק, וואַלד — קיינער אָבער דאַרף עס נישט. זומער ווי זומער, ווינטער זעגען מיר אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט; אַ חוץ אַ יעגער פאַרבלאָנדזשעט קיינער נישט אַהער. זעסט דאָס הויז אויפן בערגל? ס'שטייט ליידיק, ס'געפינט זיך באַם שליאַך, וואו די פאַרמערס פוןביידע זייטן טאָל פאָרן פאַרביי. און איידער זיך אַרומצושלעפן מיט פערד און וועגעלע, קויף בא מיר דאָס הויז, צי דינג עס, און עפן צווישן אונז אַ האַנדל.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט דער פעדלער מיטן פאַרמער געשלעפט ברעטער, געמאַכט פּאָליצעס, צעלייגט ס'ביסל שניט־סחורה, ס'ביסל טאַנדעט און געשיר. און אַז שלום שטערן איז אין צוויי וואָכן אַרום צוריקגעקומען מיטן ווייב פון ניו־יאָרק, האָט זיך געהויבן איבערן הויז אַ גרינע שילד — „סאַלעם סטוירגס דעפּאַרטמענט סטאָר".

די שילד האָט זיך געריסן איבערן טאָל, אָנגעזאָגט, אַז אין דער שטילער געגנט, וואו איבער הונדערט יאָר האָבן מענטשן געלעבט מיט דער ערד, מיט דער בהמה, געאַרבעט און געשוויגן, אין דער פאַרוואָרפענער געגנט האָט די שטאָט אַריינגעשטעלט אַ „פיסל".

זומער איז קיין צייט נישט געווען צו טראַכטן דערפון. איין פאַרמער האָט נישט געדאַרפט אָנקומען צום צווייטן, ווען ס'האָט אים אויסגעפעלט סמאָלע פאַרן וואָגן, זאַלץ פאַר בהמות, צוקער, נאַפט. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן געשעפט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, געקויפט און ווייטער געפאָרן. שלום שטערן האָט אויך קיין צייט נישט געהאַט. פונדערפרי ביז שפעט אין אָוונט, זענען זיי ביידע, ער מיטן ווייב, געווען פאַרנומען, פאַרקויפט, געקויפט, און די ניו־יאָרקער פראַכט־וועגן, וואָס האָבן צוגעשטעלט סחורה אין די שכנישע שטעטלעך, זענען אויך צום „געוואָר סניק ריווער" פאַרפאָרן.

דער ווינטער האָט זיך פּריִ אַוועקגעשטעלט. סוף אָקטאָבער האָט דער שניי זיך שוין געטראָגן פון די בערג. אין סעפּטעמבער נאָך האָבן שוין די טעג אָנגעהויבן איינצולויפן און די נעכט זענען אין צווייען לענגער געוואָרן, געשטאַנען קאַלטע, גרויע, פול געווען מיט די געשרייען פון די הירשן, וואָס האָבן זיך געיאָגט. אין דעצעמבער האָט דער „נעווער סינק ריווער" זיך אָפּגעשטעלט, פאַרפרוירן געוואָרן. און אַרום צוויי באַכמיטאָג, ווען די קאַלטע זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט נישט נאָר דאָס אייז אויפן טייך, נאָר אפילו דער שניי האָט אויסגעזען גרין.

דער שניי האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ קלאַפּטער טיף, אָפּגעשניטן איין פאַרמער פון צווייטן. מען איז געזעסן אין די באַלקענע שטיבער, געבויט פון דעמבעס, געהייצט די אויוונס, זיך געוואַרעמט און נישט מיד געוואָרן איבערצודערציילן די מעשות פון ערשטן ישוב, ווען דער גאַנצער טאָל איז נאָך געווען באַזעצט מיט אינדיאַנער.

דעם זעלבן ווינטער, ווען שלום שטערן האָט געעפנט באַם שליאַך ס'געשעפט, האָט ס'יונגוואַרג אויפגעהערט צו זיצן באַ די היימישע פייערן, נישט אויסגעהערט, וואָס די זיידעס האָבן געהאַט צו דערציילן. ס'האָט געצויגן צום „נעווער סינק ריווער", וואו ס'יונגוואַרג פלעגט זיך טרעפן באַ שלומען. מען האָט פאַרקויפט פעל פון חיות, פון בהמות; מען האָט פאַרקויפט אייער, פוטער, מילך; געזעסן ווער איבער אַ ביר, ווער איבער אַ שנאַפּס און גערעדט וועגן מסחר.

די עלטערע פאַרמערס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן שלומען, גערעדט, אַז דער ייד רייסט אָפּ דעם יונגן עולם פון שטוב. ס'יונגוואַרג האָט געהאַלטן מיט שלומען, געטענהט, אַז דער ייד איז אַ ברכה פאַר דער געגנט. די מילך פלעגט מען אויסגיסן, מיט די אייער האָט מען געפּאַשעט היינער, חזרים. היינט נעמט אַלץ צו דער ייד און צאָלט דערפאַר.

דעם אייגענעם טאָג זענען פאַרפאָרן צום „דעפּאַרטמענט סטאָר" די רייכסטע פאַרמער פון דער געגנט — נעלסאָן און ברייען. הויכע, אָפּגעבריענטע פון צופיל זון און יאָרן. די טיפע עלטער איז אויף זיי נישט קענטיק געווען. זיי האָבן געלאָזט שטיין דאָס ברישקעלע באַם שליאַך און ביידע זענען אַריין אין געשעפט.

— האַלאָ, מיסטער סטוירן — האָט דער רעדעוודיקער נעלסאָן אָנגעהויבן און אַרויסגעשלעפּט פון אַ זייטיקער קעשענע אַ פּיפּקע מיט אַן אַרומגעגריזשעטן מונדשטוק.

— אָנגעלייגטע געסט — האָט שלום פלינק אונטערגערוקט צוויי בענקלעך — מזלדיקע געסט... מיין ווייב האָט נאָר־וואָס געהאַט אַ יינגל, דער ערשטער געבוירענער ייד אויף אייער ערד.

— ס'זאָל זיין מיט מזל — זענען די שאַרפע, צעשמיסענע פּנימער באַ די צוויי זקנים ווייכער געוואָרן, איבערגעגאַנגען אין אַ שמייכל און איינציקווייז, מיט פולע לונגען, פאַרצויגן די פּיפּקעס.

— שכנים — איז שלום, נישט קיין הויכער, אַ שמאָלער, געשטאַנען מיט אַ פלאַש קאָניאַק, מיט אַ טעלער אויפשניט, אַ צעשטראָלטער אַרויפגעקוקט צו די צוויי פאַרמערס — איידער וואָס־ווען, מוזט איר מיט מיר אויסטרינקען פאַרן געזונט פונם יינגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן באַם „נעווער סינק ריווער".

ער האָט אָנגעגאָסן צו האַלבע גלעזער קאָניאַק, געטרונקען מיט איינעם לחיים, מיטן צווייטן. און אַז דער שנאַפּס האָט צעוואַרעמט די לייבער און מען האָט פאַרביסן מיט אויפשניט, ערשט דעמאָלט האָט שלום זיך צוגערוקט צו בענקל און זיך אָװעקגעזעצט:

— איצט, שכנים, וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

נאָכן קאָניאַק איז שווער געוואָרן צו רעדן אפילו פאַר נעלסאָנען, וואָס האָט געשמט אין די בערג מיט זייגע מעשיות. ער האָט געווישט די גרויע וואָנסעס, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען, ווי באַ אַן אַלטן לייב, געלאָזט הענגען אין ווינקל פון מויל די פּיפּקע, געזויגן און אויסגעשפּיגן די ווערטער:

— הער, שכן, מיר האָבן צו דיר גאָרנישט. ביסט אַ שטילער מענטש, גייסט דיר דיין אָקסן־טריט. קיינער וועט דיר נישט פאַרווערן צו טרינקען פון „נעווער סינק ריווער". פאַרקערט, וואָס מער דער מענטש וועט טרינקען, אַלץ בעסער. קיינער וועט דיר נישט פאַרווערן צו באַאַרבעטן די ערד. עס איז גענוג פאַר טויזנטער און צען־טויזנטער ווי דו. פאַרשטייסט? דו אָבער, שכן, ביסט צו אונז נישט געקומען ווי אַ פאַרמער, ביסט געקומען ווי אַ ביזנעסמאַן. אָנגעשטעקט ס'יונגוואַרג און אַלע רעדן נאָר וועגן

האנדל. מען פוילט זיך צו ארבעטן. מען טראָגט צו דיר די אייער, די מילך, די פעל, דעם האָניק. מען שמועסט, אז ס'קומען נאָך אראָפּ יידן און אין אַ יאָר, צוויי ארום וועט איר דאָ אויסבויען אַ צווייט ניו־יאָרק, און מיר מיט אונזערע סטאָדעס וועלן מוזן זוכן נייע פאַרמס.

שלום האָט זיך אויפגעשטעלט. קנייטשן און קנייטשלעך האָבן זיך געעפנט אויפן פאַרזאָרגטן פּנים, צוגעגעבן יאָרן. ער האָט אַ רוק געטון פון אונטער זיך ס'בענקל און די שוואַרצע אויגן, רירעוודיקע, האָבן אַ פינקל געטון.

— איר האָט אָבער איין זאַך פאַרגעסן, שכנים — היינטיקן ווינטער האָט קיין איין פאַרמער נישט אַרויסגעגאָסן די מילך, נישט געפּטערט מיט די אייער חזירים. אַלץ האָב איך צוגענומען, געצאָלט באַרעט געלט און דער אָרעמסטער פאַרמער האָט זיך אַ ביסל אויסגעגלייכט פון די חובות. טויזנטער שטיקער לאַנד קאָן איך באַ אייך קויפן צו פינף דאָלער אַן אַקער, ווען דאָס זעלבע לאַנד קאָסט היינט אין גרין היל פינפציק דאָלער אַן אַקער. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל גרין היל „טוט ביזנעס"! גוט, מיסטער נעלסאָן, אויב איך וועל היינט אָוועקפאָרן פונדאַנען, וועט מאָרגן קומען אַן אַנדער ביזנעסמאַן. ס'גייט דערצו. איר שלאָגט נאָך אויס פוטער מיט דער האַנט, איר זעט דעם „באַראַן" אויסצושלאָגן פוטער? די מאַשין שלאָגט איינע אַליין אויס אַזוי פיל פוטער, וויפיל הונדערט פאַרמערס שלאָגן אויס מיט די הענט. מ'שניידט שוין פיטער פאַר בהמות אויך מיט מאַשינען...

— און אפשר איז אונזער שכן גערעכט, הא, וואָס זאָגסטו? — האָט נעלסאָן זיך אויסגעדרייט צו ברייענען.

— מען קאָן זיך דעם לעבן נישט אַנטקעגנשטעלן — האָט ברייען געשאָקלט מיטן גרויען בערדל און זיך אויפגעשטעלט.

די פאַרמערס האָבן זיך געזעגנט, און אַז זיי זענען שוין געשטאַנען באַ דער טיר, האָט זיך נעלסאָן צוריק אויסגעדרייט:

— מיסטער סטוירן, איר דאַרפט אפשר אַ ביסל פעל?

— וויפיל האָט איר, מיסטער נעלסאָן?

— אַ פינפצען שטיק.

— גוט, איך וועל נאָך היינט אַריבערקומען.

די פאַרמערס זענען אַריין אין די בריטשקעס, זיך צוגעדעקט

מיט אַ בערן-פעל און אַז ס'פערד האָט אַ שלעפּ געטון און דער שליטן איז זיך צעפאָרן, האָט געלאָזן זיך אַ בורטשע געטון אין דער צעפּאַטל-טער וואָנסע:

— דער ביזנעסמאַן גייט אויף אונז.

# אין שטאב

(דערציילט פון אַ יידישן זעלנער)

דריי בײַנאַכט האָט סטעפּאַן אָנגעקלאַפּט בײַ מיר אין טיר:

— מישאַ, דער „באַטקאַ" רופט!

ווי פרי מ'האָט מיך נישט געוועקט, בין איך שטענדיק געווען וואַך. די שרעק פאַרן טויט האָט געטריבן פון מיר דעם שלאָף, מיר צוגעגעבן אימפּעט. כ'בין געווען דער איינציקער ייד אין באַלאַכאָוויטשעס אַרמיי, מיט־געגאַנגען מיטן שטאַב, געדאַרפט לוסטיק מאַכן דעם „באַטקאַ", זיין ברו־דער, זיין אַדיוטאַנט.

— וואָס עפּעס אין מיטן דער נאַכט, סטעפּאַן? — האָב איך גע־פרעגט דעם קאָזאַק, וואָס האָט באַדינט באַלאַכאָוויטשן.

— אין שטאַב איז פריילעך, מישאַ, — האָט סטעפּאַן מיר אונטער־געטראָגן די הויזן — מיר האָבן פּוילישע „דאַמאַטשקעס", מיר האָבן וויין, מיר האָבן קאָניאַק... מאַך עס שנעלער!

בשעתן אָנטון זיך, האָב איך אַ פּרוביר געטון ס'קול מיינס, וואָס האָט מיך אָפּגעראַמעוועט פון טויט, געוואָלט זען, צי ס'איז נישט הייזע־ריק. ווען מען האָט מיך, אַ זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, געפירט צום שונא אין שטאַב אַריין, האָט באַלאַכאָוויטש אַליין, דער „באַטקאַ", מיך אַ פרעג געטון:

— וויפיל אָפיצירן מיינע האָסטו דערשאָסן, זשיד?

— קיין איינעם נישט, עקסעלענץ!

ער האָט מיר אַ שאָס געטון מיט זיין פויסט אין די ציין, אין די אויגן, מיך צעדמט און אַז כ'בין פון די קלעפּ געפאַלן, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט ער אַ געשריי געטון צו סטעפּאַנען:

— דערשיסן!

כ׳האָב פאַרגעסן אַן די קלעפּ, פאַרגעסן, אַז בלוט רינט מיר פון מויל, פון דער נאָז. אין מוח באַ מיר האָט זיך געעפנט אַ קעמערל און אַ ציטער האָט טראַפּנסווייז גענומען לויפן איבערן חוט השדרה, אַריין אין די קנעכלעך, אין די שפּיץ־פינגער. מיר איז געוואָרן אַזוי לופטיק, אַז דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן געשווילן. אויפן אָרט איז מיר איינגעפאַלן איבערצומאַכן דעם באָלשעוויסטישן פּולק־מאַרש און אומעטום, וואו ס׳שטייט לענין, טראָצקי, אַריינצושטעלן בולאַק באַלאַכאָוויטש. אַן אויסגעשמירטער, אַ צעבלוטיקטער, בין איך געבליבן שטיין באַם אַרויסגאַנג און זיך צעזונגען הויך, מיט אַ פולער ברוסט, אַז די שויבן האָבן געציטערט. אַזוי האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזונגען. דער „באַטקאָ", אַ נידעריקער, פּלייצעס ברייטע, זייער ברייטע, האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט די גזלנישע אויגן. כ׳האָב געזונגען העכער, דערציילט, אַז פון וואַרשע קיין מאָסקווע ציען זיך באַטקאָ באַלאַכאָוויטשעס פּולקן, דער גלאַנץ פון די טויזנטער שווערדן, טויזנטער פּיקעס מאַכן טונקל די זון. דער באַטקאָ האָט אַ דריי געטון זיינע לאַנגע וואָנסעס, וואָס האָבן דערגרייכט די גאָמבע, אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ שוואַרצע האָר און זיך צעשמייכלט:

— וואָס האָסטו געטון באַ די באָלשעוויקעס?

— אַן אַקטיאָר געווען, עקסעלענץ, פריילעך געמאַכט די זעלנער, נישט אָנגעזען קיין ביקס פאַר די אויגן... אַן קאַטיאָר, מישאַ דער אַקטיאָר...

— אַלעקסאַנדער? — האָט דער באַטקאָ אַן עפן געטון אַ זייטיקע טיר און אַריינגערופן זיין ברודער — וואָס זאָגסטו, מיר וועלן אַמאָל זיין אין מאָסקווע?

דער ברודער, אַ שמאָלער, אַ הויכער מיט אַ לענגלעך פּנים, איז נישט ענלעך געווען אויפן באַטקאָ. ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר פון אונטער די ברילן־שייבלעך, ווי אַ בייזער דאָרפישער לערער, און אַ זיכערער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— צו ווינטער־צו וועלן מיר זיין אין מאָסקווע.

— זינג, מישאַ! — האָט דער באַטקאָ מיר אָנגעגאָסן אַ האַלב גלאָז בראָנפן.

כ׳האָב אויסגעטרונקען, נישט געפילט דעם שנאַפּס, זיך צעזונ־

גען און דער באַטקאַ מיטן ברודער האָבן אָנגעקוואָלן פון זייערע אייגענע נצחונות.

פון דעמאָלט אָן בין איך געבליבן אין שטאַב. כ'האָב געווײלט די אָפיצירן, פריילעך געמאַכט דעם באַטקאַ. גאַנצע טעג געדאַרפט זינגען, ווי ער מיט זיינע פולקן מאַרשירן אריין קיין מאָסקווע.

שטענדיק, ווען מ'האָט מיך אַ רוף געטון צום באַטקאַ, האָט אַ באַ־האַלטענע שרעק, די שרעק פאַרן טויט, זיך אַ וועק געטון אין מיר. פון ערשטן טאָג אָן האָב איך געפּלאַנט צו אַנטלויפן, מורא געהאַט, דער באַט־קאָ זאָל עס נישט אַראָפּלייענען פון מיין פּנים. דאָס מאָל, ווען סטעפּאַן האָט מיך אויפגעוועקט, בין איך אין עטלעכע מינוט געווען פאַרטיק. אין אַ בלויען געפּאַסטן מונדיר בין איך געגאַנגען איבערן לאַנגן פינצטערן הויף, וואו באַם אַריינגאַנג האָבן געברענט צוויי גרויסע נאַפט־לאַמטערן. זעלנער מיט ביקסן אין די הענט האָבן זיך געדרייט הין און צוריק.

די נאַכט איז געווען אַ קילע, אַ פייכטע. דער הימל איז געהאָנגען נידעריק, אָנגעפּאַקט מיט וואָלקנס, וואָס האָבן געסטראַשעט מיט רעגן. דאָס פּויליש־יידישע שטעטל ביאַלע, וואו באַלאַכאָוויטש האָט זיך צע־לייגט מיט זיין אַרמיי, איז געווען אין טויט־שרעק, נישט געשלאָפן קיין נעכט, געוואַרט, די הריגה זאָל זיך אָנהייבן. קיין ליכט האָט זיך נישט געזען פון די אָנגעוואָרפענע הייזלעך.

בלויז אין שטאַב איז געווען ליכטיק. די בליך־לאָמפּן האָבן גע־פלאַקערט. אין גרויסן זאַל באַם טיש איז געזעסן דער באַטקאַ מיט אַ יונגער דאַמע.ביידע שכורלעך. אין אַ ווינקל, אויף אַן אָטאָמאַנע, איז געלעגן דעם באַטקאָס ברודער, אַלעקסאַנדער, געהאַלטן דעם קאָפּ אויף אַ דאַמעס שויס. ער האָט געפּאָכעט מיט דער נשמה, וואָס איז באַ אים גע־לעגן אין דעם שפּיץ פון דער לאַנגער, בלאַסער נאָז און געטענהט צו דער דאַמע זיינס:

— מיר וועלן זיי וויזן, די באָלשעוויקעס, די גאָלעדראַנצעס... מיר וועלן זיי וויזן...

גענעראַל סערעטשענקאָ האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, גע־שטאַנען איבערן בעט, וואו אַ יונגע פרוי, אַ שכורע איז, געלעגן און היי־זעריק געזונגען.

דער באַטקאָ האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן, אַ געשריי געטון, ווי ער וואָלט מושטרירט ס׳חייל:

— מישאַ, אַ רוח אין דיין... וואָס שלאָפסטו, ווען דער באַטקאָ פרייט זיך? פאַרצי ס׳אמתע ליד!

איך האָב אָנגעהויבן:

„אָט וואַרשאַווי דאָ מאָסקווי,
דאָ באָלשאָי ריעקי...
יאַרקאָ בלישטשיט אָסטראָ כלינני
באַלאַכאָווסקי שטיק...
טראַילאַ, טראַי-לאַ, טראַילאַ-לאַ!"
באַלאַכאָווסקי שטיק...

— מאָלאָדיעץ, מישאַ! נאָכאַמאָל! העכער, העכער! — האָט דער באַטקאָ זיך אַ שטעל געטון און גענומען שרייען — העי, סטעפּאַן! מיר אַלע האָבן דאַמען און מישאַ נישט, זע, קריג אים אויך אַ דאַמע, גליין!

אין מלחמה-צייט קען זיך אַ זעלנער נישט איבערנעמען מיט מענטשלעכקייט. און ס׳איז קיין חידוש נישט. יעדע רגע קען מען אַוועקלייגן דעם קאָפּ, מ׳קען אויסציען די קאָפּיטעס אויף שטענדיק, ווער דאַרף דעמאָלט די מענטשלעכקייט? שכורט טאַקע דער זעלנער, יאָגט זיך נאָך ווייבער, גלייבט נישט אין יושר, אפילו אין גאָט נישט. אָבער אַזאַ פאַרזעניש ווי דער באַטקאָ, אַזאַ חיה... אַז ס׳איז אַ חרפה צו דערציילן, אַ חרפה פאַרן מין מענטש... און ער, דער באַטקאָ, האָט דאָך געהאַט אונטער זיך עטלעכע טויזנט זעלנער, געהאַט אין זיין שטאַב גענעראַלן, פּאָלקאָווניקעס, אָפיצירן, געהאַט סאַווינקאָוון, דעם סאָציאַליסט.

ווען דעם אָבער אַן אַנדערט מאָל. יאָ, סטעפּאַן איז געקומען מיט אַ פאַרשלאָפענער גויע, אַ באַבע אין די זעכציקער. ווייזט אויס, דער שכורער סטעפּאַן האָט זי נאָר וואָס פון בעט אַרויסגעשלעפּט. די גויע האָט זיך געווישט די פאַרווייְנטע אויגן, איך האָב די באַבע אַריינגעזעצט אין אַ ווינקל, זי באַרויקט, פאַרזיכערט, אַז מ׳וועט איר גאָרנישט טון.

דער באַטקאָ האָט נישט געטרונקען דעם קאָניאַק, געגאָסן פון

פּלעשל זיך אין האַלז אַריין, געלאַכט פונם גענעראַל סערעטשענקאָ, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, אויסגעבויגן ווי קרימפּל־העלצער, זיך געשאָקלט איבערן בעט.

— העי, סערטשענקאָ, — האָט דער באַטקאָ אַ זאָג געטון, — וואָס שאָקלסטו זיך איבער דער דאַמע דיינער, ווי אַ ייד באַם דאַווענען? ווייז, וואָס דו קענסט, גענעראַל מיינער!

סערטשענקאָ האָט זיך אַ בייג געטון איבערן בעט, אַ פאַל געטון מיטן קאָפּ אויף דער דאַמע און אָפּגעווערזשעט, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך אַריינגעגאָסן, אַריינגעפּרעסן.

דער באַטקאָ איז צוגעלאָפן, אָנגעכאַפּט דעם גענעראַל באַם קאָל־נער, געעפנט די טיר און מיטן פוס אים אַרויסגעקאָפּעט אין קאָרידאָר אַריין:

— אויך אַ גענעראַל! אַ קאַשעוואַר וועסטו באַ מיר ווערן, דו שכור! ווערזשען גאָר? העי, מישאַ, דאָס אמתע ליד, אַזוי העכער, לעבע־דיקער!

דער באַטקאָ איז געבליבן זיצן מיט זיין דאַמע באַם טיש, צוגע־דרימלט. דער ברודער זיינער, אַלעקסאַנדער, דאָס פּנים ווייס, ווי באַ אַ מת, בלויז די גרויסע אויגן זיינע האָבן געפלאַמט, ווי די קעמלעך באַ אַ האָן, האָט אויפגעהויבן צוויי פינגער, געגראָזשעט אין חלל אַריין, געגאַ־ווערט:

— מיר וועלן זיי ווייזן, די באָלשעוויקעס... זיי ווייזן...

דער באַטקאָ האָט געעפנט אָן אויג, זיך געבעטן:

— מישאַ, טייערער, ס'אמתע ליד, אַזוי...

„...אָט וואַרשאַווי דאָ מאָסקווי...

טראַ־ילאַ, טראַי־לאַ־לאַ...“

1927

# אַ תּכלית

סיי זומער, סיי ווינטער כאַפּט זיך לייזער אויף באַגינען. ער נעמט זיך איבער דערמיט. דער טאָג ווערט אַזוי נאָך לענגער, און מען קאָן זי־כערער טראָגן דעם עול.

אָפּגעגאָסן די נעגל, נעמט לייזער ס׳מילך־קענדל און לויפט אַראָפּ אין שפּייז־געוועלבל. דאָרט איז ער פון די ערשטע קונים. נישטערט אין דעם קויש מיט פרישע זעמל, מיט אויסגעבאַקן ברויט און דאָס מאַכט גרינגער זיין שווער לעבן.

אין טלית און תּפילין דרייט ער זיך איבער דער קיך. די ליפּן מאַלן ס׳דאַווענען, ווייסן פון געוואוינהייט וואו צו פּאַרקוועטשן די אויגן, וואו אויסצושפּייען און די הענט אַרבעטן אַרום דעם גאַז־אויוון. ער פּרעגלט אויס אייער, בריט אויף מילך צו קאַווע, שמירט אָן זעמל מיט פּוטער און אַז ער נעמט אַראָפּ פון זיך די תּפילין, גייט ער אונטער צום זונס בעט, טאַר־קעט אים פאַרן פוס:

— ס׳וועט זיין שפּעט, בערל, הייב זיך אויף!

בערל דרייט זיך, ציט זיך, ווערט לענגער הינטער דער קאָלדרע. ער ווייסט נישט, וואָס דער פאָטער איילט זיך ס׳גאַנצע לעבן, האָט עפּעס מורא, אַז ער וועט עפּעס פאַרשפּעטיקן, פאַרלירן, וועט זיך נישט אַרויפ־אַרבעטן. ווען מען לאָזט אים. בערלען, וואָלט ער געשלאָפן אין גרויסן טאָג אַריין.

ער שפּרינגט אַרויס פון בעט, וואַרפט זיך אַריין אין די קליידער און איידער דער פאָטער הענגט אויף דעם טלית־זאַק, זיצט שוין בערל באַם טיש און קנייטשט די פרישע זעמל מיט פּוטער.

— ווען דו מעסט אָן די תּפילין, וואָלט דיר אסור געשאַדט — מוסרט בלומרשט דער פּאָטער דעם זון מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער ער אַליין דאַוונט.

בערל ענטפערט נישט, שמייכלט, וואָס דער פּאָטער רעדט שוין וועגן עפּעס אַנדערש. לייזער קייט אָן אַפּעטיט, קלאָגט זיך, אַז ס'ב־רענט אים אין מאָגן, שטעכט אים אין קרייץ און פאַרגעסט נישט אויסצוחשבונען וויפיל סענט ער ב־רענגט זיך איין אַ טאָג, וואָס ער גייט אַליין איינקויפן.

— ס'זאָל אַזוי אָנהאַלטן, טאַטע, נאָך אַ הונדערט יאָר, — צעלאַכט זיך דער זון, — וועסטו אָנזאַמלען אַ „פּאָרטשון" (אַ פאַרמעגן).

— איך וועל שוין נישט אָנזאַמלען. דו אָבער, דו, בריה איינער! — שאַרט לייזער אַוועק די טעלער, נעמט וועקן ס'ווייב און ער שטעקט איר אין האַנט אַריין אַ דאָלאַר, — שרה, פאַרמאַך די טיר, מיר גייען שוין.

ס'ווייב, אַ צעקנייטשטע, קריכט אַראָפּ אין איין העמד, שטעלט קוים די שלאָבערדיקע פיס, אויסגעבויגענע, ווי קרימפּעל־העלצער, און פאַרשלאָפענערהייט דערמאָנט זי זיך, אַז זי האָט אין דער האַנט אַ דאָלאַר:

— וואָס גיסטו מיר עפּעס אַ טאָלער?

— כ'האָב נישט מער.

— און איך האָב אים היינט געהייסן קומען נאָך דירה־געלט.

— וועט ער קומען מאָרגן!

— וועסט דאָך מאָרגן אויך נישט האָבן.

— האָבן, האָבן... היינט איז „פרידע" (אויסצאָל).

די גאַסן, ליידיקע, זעען אויס לענגער און ברייטער. דער מאָרגן, אַ יונגער, אַ פרישער, שפּרייט זיך איבער די אָפּגעקראַכענע הייזער, איבער די אויסגעביסענע שטיקער אַספאַלט־גאַס, שפּיגלט זיך אין די גריבלעך וואַסער, וואָס זענען געבליבן נאָכן נאַכטיקן רעגן, העלט אַרויס פון דעם צוגעברוינטן פערד־מיסט.

דער פּאָטער מיטן זון איילן זיך. לייזער, אין די פּערציקער, שלעפּט

שוין די פלאַכע פיס פון צופיל שטיין בא דער וועב־שטול, זעט אויס אָפּגעטראָגן. בערל האַלט זיך לייכט. די צוואַנציק יאָר שרייען אַראָפּ פון דעם פּאַרריסע:עם קאָפּ, פון די לאַכעדיקע אויגן און אין יעדן בויג זיי־נעם הערט זיך דער קנאַל פון א נייער בייטש.

ס'גאַנצע לעבן, ווי לייזער קלויבט זיך אַוועקצושטעלן א פּאָר וועב־שטולן און ע:נען אַן אייגן פאַבריקל. ער שפּאָרט, קאַרגט, וויל צונויפנע־מען אַן עק מיט אַן עק און קען אַלץ נישט מאַכן קיין קניפּל. די אָרעמ־קייט שטייט אים אין וועג. דאָ קינדלט ס'ווייב, דאָ קרענקען די קינדע־, און די יאָרן, אַכט און פערציק צעטרענצלטע יאָרן, יאָגן זיך נאָכן שטיקל גליק און קענען עס נישט כאַפּן.

בערל איז אונטערגעוואַקסן, געגאַנגען מיטן פאָטער אין שאַפּ אַריין. דער יונג האָט געהאַט גאָלדענע הענט. געשטאַנען איבער צוויי שטולן, קונציק געקניפּט די זיידענע דרימען און דאָס קרישקעלע מזל, וואָס איז געווען נישט צו דערכאַפּן, האָט ווידער אויפגעלויכטן בא לייזערן אין די אויגן. ער האָט זיך געטרייסט, אַז מיט בערלס הילף וועט ער האָבן אַן אָנלען אין לעבן, וועט זיך סוף כל סוף דערשלאָגן. ווערן א באַ־לעבאָס.

פאַרן שאַפּ דער־יאָגט לייזער דעם זון, רוימט אים איין:

— כ'האָב געהערט, בערל, מען וויל זאָלסט אַרבעטן פון דער וואָך נישט פון שטיק, זאָלסט נישט איינגיין.

— וואָס דען, כ'וועל איינגיין?

דער שמאָלער פאָטער הייבט זיך זיכערער איבער די טרעפּ, פאַר־לויפט דעם זון דעם וועג. אין שאַפּ איז דושנע פון די פאַרמאַכטע פענצטער. ס'קרעלט, ווי די שאַרפע זיידענע פעדים וואָלטן זיך געוויקלט אַרום לייב. לייזער גייט צו זיינע שטולן, פראַלט אויף איין פענצטער נאָכן צווייטן, דאָס שטיקעניש זאָל אַרויס. ער טוט זיך איבער, קריכט אַריין אין אויסגעדרייוולטע לאַכעס, אַרומגעשניטענע שיך אָן שניר־וואַדלעס.

די וועבער קומען אָן איינציקווייז — יידן, סירישע קריסטן מיט ווייבער און טעכטער. די שויבן הייבן אָן צו ציטערן פון דער עלעקטריק און די שטולן קרעכצן.

לייזערס אויסגעבויגענע פינגער קניפּן מעכאַניש די פעדים, וואָס רייסן זיך און ווין מוח הערט נישט אויף צו חשבונען. ער איז צופרידן, וואָס בערל איז געבליבן באַ שטיק־אַרבעט. אַזאַ טייוול — קען אויסאַרבעטן פאַר דרייען. דאָס געלט וועט לייזער נישט רירן, קלויבן אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר און צום יאָר גייט ער מיטן זון אין ביזנעס.

דער בלויזער געדאַנק פאַרטרייבט דאָס שטעכעניש אין קרייץ, דאָס ברענען אין מאָגן. ער איז גרייט אַ כאַפּ צו טון דאָס עשירות, וואָס דאַרף יעדע רגע אָנלויפן מיט דעם קרעכצן פון די וועבשטולן.

דער פאָרמאַן קומט אונטער מיט די שכירות, צערעדט זיך:

— איר וועט אוודאי האָבן צוויי שעה אויף מיטאָג.

— וואָס פאַר אַ יום־טוב ווידער?

— מ'דאַרף צערעכט מאַכן דעם מאָטאָר.

לייזער איז דאָס מאָל אַזוי אויפגעהייטערט, אַז ס'אַרט אים נישט, וואָס ער ווערט אָן אַ שעה אַרבעט. דאָס פעקל יאָרן איז ווי אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס און אַ יינגלשע לייכטקייט וויקלט זיך אַרום אים. ער גלייבט נישט, אַז אַ האַלבער טאָג איז שוין אַוועק.

אַ פייף שטעלט אָפּ די וועב־שטולן. אין חלל שטייט נאָך לאַנג אַ טויבקייט, וואָס פאַרלייגט די אויערן, מאַכט פרעמד דאָס אייגענע לשון.

נאָכן מיטאָג קלויבן זיך די אַרבעטער אין קרענצלעך. מען טאַפּט זיך פאַר די קעשענעס, וואו די שכירות ליגן, מען איז גוט אויפגעלייגט. איינער לאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— מיר האָבן אַ שעה צייט, אפשר מאַכן מיר אַ פּאָוקער?

— נישט קיין קרומע זאַך.

— וויפיל העלט האָבן מיר דען?

— לייזערן רעכנט נישט.

— פאַרוואָס עפּעס לייזערן נישט? — שטעלט זיך לייזער אין פּאַסאָן.

— ווייל ער שפילט קיינמאָל נישט.

— קיינמאָל נישט און הייבט, — יאָ, — וויל לייזער כאָטש איינ־מאָל זיין מיט אַלעמען גלייך, וויל אַ הוליע טון.

— שפּיל, טאַטע, שפּיל. — קוקט נישט בערל אויפן פאָטער, שמייכלט, וואָס דער אַלטער נעמט אַוועק די האַנט פון האַרץ, טראַכט נישט רייך צו ווערן.

— טאָ וויפיל זענען מיר ?

— זאַלבעזעקס.

זעקס הענט צעזעצן זיך אַרום אַ פירעקיקן טיש. מ׳טאַלירט קאָרטן און געלט קלימפּערט. עולם קלויבט זיך אַרום די שפּילערס. לייזער שוויצט. קען זיך קוים פונאַנדערקלויבן אין די קאָרטן און דאָס, וואָס די בערגלעך געלט וואַקסן באַ אים, גיט אים צו קוראַזש.

דאָס פאַררויכטן פּונם מאַטאָר פאַרציט זיך. די שפּילערס זענען צו־פרידן, וואָס מען וועט שוין הייגט נישט אַרבעטן. ס׳באַווייזט זיך אַ פלאַ־טשיק פלעשל שנאַפּס, עולם זופּט פון פלעשל, פאַרבייסט און ס׳פעשל קאָרטן גייט פון האַנט צו האַנט.

זעקס אַ זייגער קומט אונטער דער פאַרמאַן :

— פאַקט אייך, געמבלערס, כ׳גיי פאַרשליסן !

— שוין, מיר גייען שוין !

— טאַקע שוין !

דער עולם הייבט זיך, שאַרט ס׳געלט פון טיש, נעמט חשבונען, ווער עס האָט פאַרלוירן, ווער געוואונען.

— לייזער, ס׳איז עפּעס געבליבן פון דער „פּיידע״ ? (שכירות) — פרעגט אים דער פאַרמאַן.

— אַ גאַנצער טאַלער, — פּאַכעט לייזער מיט אַ פּאַפּירל און די אויגן צעשפּילן זיך באַ אים, ווי באַ אַ שכור.

דער טאַטע מיטן זון שאַרן זיך אַרויס פון שאַפּ, גייען מיט זייטי־קע גאַסן און רעדן כמעט נישט. לייזער קלויבט זיך אָפּצושטעלן דעם זון אינמיטן גאַס, וויל אים געבן צו פאַרשטיין. אַז ער האָט געמוזט היינט פאַרשפּילן די „רענט״ (דירה־געלט), זיך נישט געקענט העלפן... ער זאָגט

אָבער גאָרנישט. קאָרטשעט זיך וואָס נענטער ער קומט צום הויז און פאַר די אויגן טראָגט זיך ס'לעבן אַ גרויס, אָן אַן איינשיט.

אין פינצטערן קאָרידאָר נעמט בערל אַרויס זיינע שכירות מיטן געווינס. שטעקט עס אַריין דעם פאָטער:

— נאַ, טאַטע, נעם!

# יחוס

אַ צו גרויסער קאָפּ אויף שמאָלע, נידעריקע פּלייצעס. די געדיכטע האָר, די לאַנגע באָרד, די ברעמען — אַלץ איז ווייס פון שטויב, וואָס הענגט אין דער לופט ווי אַ נעפּל. אין דעם נעפּל שטייט מייק אַנדזשע־לאָ אויף אַ לייטער. האַלט אין דער רעכטער האַנט אַ דלאָט. אין דער לינקער — אַ האַמער, און מיט יעדן קלאַפּ שיילט זיך אַרויס פון דעם טויטן מירמלשטיין אַ שטיקל לעבן, העלט אויף אין דעם ליכט פון טאָג.

מייק אַרבעט שוין אַזוי וואָכן. האַקט אויס אַ מאָנומענט פון אַ גע־פאַלענעם גענעראַל. ער בייגט יעדע ווײַלע דעם קאָפּ אויף צוריק. די אויגן מידע, מעלאַנכאָלישע, באַטראַכטן יעדן קריץ, יעדן ריץ, חידושן זיך, וואָס אַזוי פיל לעבן שלאָפט נאָך אין דעם שטיין, וואָס מען דאַרף נאָך קלאַפּן און האַמערן.

ער באַמערקט נישט, ווי דער שותף זיינער, גראָסמאַן, קומט אונ־טער אַ פאַרזאָרגטער:

— ווייסטו כאָטש, מייק, אַז אין דריי וואָכן אַרום וועלן מיר דאַרפן צושטעלן דעם מאָנומענט? האַ, וואָס זאָגסטו, מיר וועלן פאַרטיק ווערן?

פון דער לייטער דערטראָגט זיך אַ ברום אָן ווערטער. גראָסמאַן קוקט אויפן מענטשל, דעם שותף זיינעם, באַגעגנט זיך מיט אַ פלאַטשיק פּנים, ווי בײַ אַ פאַרזעעניש, און ס'ווערט אים אומהיימלעך.

מייק וואַרפט אַ בליק אויף די שטילע בית־עלמינס, וואָס ציען זיך אונטער אים, אויף די קרומלעכע מצבות, וואָס גלאַנצן איבער די קברים. ער פאַרגעסט אָן דעם שותף און נעמט האַסטיקער קלאַפּן מיטן האַמער. שפּריצן מירמלשטיין צעפּליען זיך, צינדן פונקען, ווי דאָס האַמערן פון אַ צעגליטער שטאַבע. דער מוח בליצט, שפּרייזט איבער דורות און מיט וואָס זיך איבערצונעמען איז דאָ.

פויפסט יוליאַן דער צווייטער, אַ זקן פון איבער זיבעציק, האָט זיך פאַרקליבן אויף די רושטאָוואַניעס, וואו מייקס אַן עלטער-פעטער — מייקעל אַנדזשעלאָ — האָט געאַרבעט.

— ווען וועסטו אַמאָל ענדיקן? — האָט דער פויפסט געפרעגט.

— ווען כ'וועל פאַרטיק ווערן.

— ווי כ'זע, ווילסטו כ'זאָל דיך אַראָפוואַרפן מיט די רושטאָוואַניעס צוזאַמען אויף דער ערד! — האָט דער פויפסט אויסגעשריגן.

— ס'איז זייער אַ פּאַסיקע אַרבעט פאַר אַ הייליקן טאַטן — האָט אַנדזשעלאָ געענטפערט.

מייק האָט געשמייכלט אין דער באָרד אַריין, זיך געגרויסט מיטן פעטער. געקענט זיינע לידער אויף אויסנווייניק, און ווי ער איז נאָר געקומען צום אייגענעם שכל, האָט ער גענומען גיין אין פעטערס דרכים. מייק וואָלט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, געוואוסט, אַז אַ פרוי קאָן אים נישט ליב האָבן, אַזוי מיאוס איז ער געווען. ער האָט אָבער געוואָלט דער נאָמען אַנדזשעלאָ זאָל בלייבן, און גענומען אַן אָרעם, דאַרפיש מיידל פאַר אַ ווייב.

ס'ווייב האָט אים געבוירן אַ מיידל, נאָך אַ מיידל און אין פיר יאָר נאָך דער חתונה האָט ער געהאַט פינף טעכטער. די גרויסע משפחה האָט מייקן געטריבן צו אַ מצבה-קריצער, וואו ער האָט אַ שטומער געהאַקט מצבות, נישט אויסגערעדט מיט אַן אַרבעטער קיין וואָרט.

באַ דעם מצבה-קריצער האָט אויך גראַסמאַן געאַרבעט. ער האָט שוין געהאַט אַנגעזאַמלט אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, געוואָלט אַליין עפענען אַ מצבה-קריצעריי. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן איטאַליענער. שטייט אַ גוי אַ חוש באַ דער אַרבעט, ווי, להבדיל, אַ פרומער ייד באַם דאַווענען, זעט נישט, רעדט נישט, און די שטיינער ברענען באַ אים אונטער די הענט.

— מייק, וואָלסט געגאַנגען מיט מיר אין שותפות? — האָט גראַסמאַן אַ פרעג געטון באַם איטאַליענער.

— כ'האָב קיין געלט נישט — זענען די אויגן באַ מייקן טיפער אַריין אין דעם ברייטן שטערן, די איינציקע טייל פון פנים, וואָס איז געווען שיין.

— דאַרפסט קיין געלט נישט — איז גראָסמאַן צו אים צוגעשט־נען. — איך וועל אַריינלייגן געלט און דו די הענט דיינע.

נישט ווייט פון מאָנטעפיאָרער בית־עולם האָט גראָסמאַן אָפּגעקויפט בײַ אַ דייטש אַ מצבה־קריצעריי, אַ צווייַ שטאָקיק הויז און אַ ביסל רויע שטיינער.

די שותּפים האָבן זיך אַריבערגעקליבן. דעם ערשטן גאָרן האָט פאַרנומען גראָסמאַן, דעם צווייטן — מייק. ביידע האָבן געהאַט גרויסע משפּחות. גראָסמאַן פינף טעכטער און מייק — זעקס.

מייק איז געבליבן פּונקט אַזאַ נישט צוגעלאָזענער, ווי פריער. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן טאָג אַרבעט, איז ער אַוועק אין שטוב, זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ צימער און געקלעפּט.

איינמאָל אַ זונטיק רופט מייק אַריין דעם שותּף זיינעם, פירט אים אַריין אין אַ צימער, וואו אויף הילצערנע געשטעלן זענען געשטאַנען פיגורן, אַרומגעוויקלט מיט נאַסע שמאַטעס. ער האָט אָפּגעוויקלט פון אַ פיגור די שמאַטעס, און גראָסמאַן איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער — אַ פערד איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, זיך געריסן אין הימל אַריין. אויפן פערד איז געזעסן אַ גענעראַל מיט אַ פּנים הארט ווי שטאָל.

— איר אַלע מיינט דאָך, אַז מייק איז נישט מער ווי אַ מצבה־קריצער, אַ געשיקטער מצבה־קריצער, — האָט זיך דאָס קליינע מענטשל אַ שטעל געטון און ס׳פּנים האָט אויפגעלויכטן, באַפאַלן ערגעץ די מיאוס־קייט — קוק זיך איין אין דעם מאָדעל, גראָסמאַן, און אַז דו וועסט זיך איינקוקן, וועסטו אויך גאָרנישט זעען! ווייסט ווער מייקעל אַנדזשעלאָ איז געווען? ווייסט נישט, און אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז מייקעל אַנדזשע־לאָ איז געווען דער גרעסטער סקולפּטאָר, וואָס די וועלט האָט אַמאָל גע־האַט, אַז נאָך אים הייס איך טאַקע, אַז ער איז געווען מיינס אַן עלטער־עלטער־פעטער, וועסטו אויך נישט גלייבן! זעסט דאָס שטיקל פאַרמעט, וואָס איז איינגערעמט אויף דער וואַנט? זעסט, ווי דער הונט גריזשעט אַ ביין? דאָס איז אונזער הערב, דער הערב פון די אַנדזשעלאָס. גלייבסט נאָך אַלץ נישט, שותּף מיינער, גלייבן וועסטו אָבער, ווען דאָס פערד מיטן רייטער וועלן דיר אַריינברענגען עטלעכע טויזנטער! הער־זשע מיט קאָפּ, מענטש דו. די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ קאָנקורס אויף אַ מאָנומענט,

אויב מען וועט מיין מאָדעל אָננעמען — און כ׳בין זיכער, אַז מ׳וועט אים אָננעמען, — וועל איך דיך צונעמען פאַר אַ שותף. דו וועסט אָבער דאַרפן אַריינלייגן עטלעכע טויזנט דאָלאַר.

גראָסמאַן איז אַזוי געווען איבערראַשט, וואָס מייק האָט זיך פונאַנדערגערעדט, אַז ער האָט צו אַלעם צוגעשטימט.

די רעגירונג האָט אָנגענומען מייקס מאָדעל. גראָסמאַן האָט זיך פאַרשוילדיקט, געליען וואו ער האָט גאָר געקענט, געקויפט שווערע ברילעס מירמלשטיין. מייק איז ווידער שטום געוואָרן, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווען גראָסמאַן האָט געלעכצט צו הערן, ווי די אַרבעט גייט. ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען דערמיט, וואָס מייק שטייט פון דער פרי ביז שפּעט באַנאַכט אויף רושטאָוואַניעס, אויף לייטערס, קלאַפּט, האַמערט, זעט זיך נישט אַרויס פון דעם געפּל־שטויב.

דערפאַר האָבן די שותּפימס ווייבער זיך איינגעלעבט ווי שוועסטערן. מען האָט זיך קוים צונויפגערעדט, נישט געקענט קיין ענגליש. די ווייבער האָבן זיך אָבער אויף שטום־לשון פאַרשטאַנען, געהאַט דיזעלביקע צרות, דיזעלביקע פרייד.

ביידע זענען געווען אין די הויכע חדשים, ווען מ׳האָט זיך איבערגעצויגן אין דער נייער דירה. געלעגן געוואָרן איז מען אַ וואָך איבער אַ וואָך. די טאַטעס זענען געווען אומגליקלעך מיט די ניי־געבוירענע מיידלעך, אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיי. דאָס אומגליק האָט נאָך מער דערנענטערט די צוויי מאַמעס.

דער טאָג, ווען מ׳האָט אַראָפּגענומען פון הויף דעם מאָנומענט, איז אָוועקגעפירט שטיקערווייז אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן, זענען ביידע ווייבער מיט די ברעקלעך אין די וועגעלעך געשטאַנען און זיך צוגעקוקט.

— נישט איין מענטש וועט היינט מקנא זיין מייקן — האָט זיך אָנגערופן מיסעס גראָסמאַן.

— אים גייט אָבער קיין זאַך נישט איין — האָט די קליינע, דאַרע איטאַליענערקע זיך געקלאָגט — ס׳גייט אים אין לעבן כ׳זאָל האָבן אַ יינגל. האָט מורא, אַז די אַנדזשעלאָס זאָלן זיך נישט ענדיקן מיט אים. מייק שטאַמט פון יענע אַנדזשעלאָס...

— מיינער וויל אויך אַ יינגל — האָט מיסעס גראָסמאַן איבערגעריסן דער שכנטע און געטראַכט בשעת־מעשה, אַז באַ די ערלים איז אויך

דאָ יחוס. אַט גרויסט זי זיך גאָר מיט עפּעס אַן אַנדזשעלאָ — גראָסמאַנס פאָטער איז געווען אַ פרומער ייד, ער איז געזעסן גאַנצע טעג און אי־בערגעשריבן די ביבעל, געווען אַ סופר... גראָסמאַן וויל האָבן אַ נאָמען באַכן פאָטער און זאָגט מיר צו אַ פוטער פאַר פינף הונדערט דאָלער, אויב כ'וועל אים געבוירן אַ זון.

— נו, מיסעס גראָסמאַן ? — האָט די איטאַליענערקע געשמייכלט.

— ס'פּיצעלע איז נאָך נישט קיין דריי חדשים און איך האָב שוין ווידער פאַר,ייעט — האָט מיסעס גראָסמאַן געוויזן אויף איר בויך — אפשר וועט דאָס מאָל זיין אַ ייִנגל.

— איך אויך — האָט די קליינע, אויסגעדאַרטע איטאַליענערקע אַרומגענומען איר בויך מיט די קינדערשע הענט.

ביידע האָבן זיך געכאַפּט פאַר די הענט, געלאַכט אויפן קול און פונם געלעכטער זענען אין די אויגן געשטאַנען טרערן.

# טויזנט דאָלאַר

וואָלף פעדלער האָט איבערגעגעבן די לייצעס דעם נעגער־יינגל, וואָס איז מיט אים מיטגעפאָרן, און אַליין האָט ער זיך טיפער פאַרקליבן אין וואָגן אַריין, זיך אויסגעצויגן צווישן די געפּעק סחורה.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. די פערד האָבן געטאָפּטשעט מיט די קאָפּיטעס, געוואָלט דורכקריכן די פייכטע פינצטערניש, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט האַרט לעבן זייערע קעפּ און ס׳האָט אויסגעזען, אַז מ׳רירט זיך נישט פון אָרט.

דער וואָגן האָט זיך געטרייסלט, געקרעכצט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ און אַז אַ פּלעמל האָט אויפגעטיקט אינם חושך, געבליבן שטעקן אין די פעלדער־פאַלדן, איז הימלעכער געוואָרן.

וואָלפן האָט באַנג געטון צו וואָס ער האָט באַנאַכט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, געדאַרפט בלייבן נעכטיקן בּאַ אַ באַקאַנטן פאַרמער. ער האָט זיך אַ טאָפּ געטון בּאַ דער אינעווייניקסטער וועסטל־קעשענע, וואו קנוילן פּאַפּיר־געלט זענען געלעגן, און געפילט, ווי די זיכערקייט דערווייטערט זיך פון אים.

די גאַנצע וואָך איז געווען אַ געפּטרטע. עס האָט אים געער־גערט, וואָס ער איז אוועקגעפאָרן אַ ברוגזער פון שטוב, זיך צעווערטלט מיטן ווייב. אומזיסט־אומגישט האָט ער זיך געוואַלגערט צווישן פּאַר־מערס, געלייזט — קדחת, און איצט שלעפּט ער זיך אין מיטן נאַכט אַהיים.

די פערד זענען אַריין אין אַ זייטיק וועגל, זיך אָנגענומען מיט דער־

קילקייט פון נאַסן וואַל דאָרט זיך צעהירזשעט. די פייכטע נאַכט האָט וואָלפן דערמאָנט אָן סליחות, דער פינצטערער וואַלד — אָן טייוול, פון וועלכן דער פעדלער האָט געשפּאַסט באַטאָג, און באַנאַכט, אונטערוועגנס, זיך פאַר אים געשראָקן.

וואָלף, דער אײַנרײַסער, איז בײַ אַזעלכע מחשבות געוואָרן ווייכער, נישט געוואוסט צו וואָס ער טרייסלט פון זיך די קישקעס אַרויס, ווען ער קען רויק לעבן פון זײַנע הײַזער, פון דעם געלט, וואָס ער האָט אויף פּראָצענט. דער פעדלער האָט רחמנות געקריגן אויף די אייגענע ביינער, וואָס האָבן געשווערט און געטראַכט, אַז ס'ווײַב טרײַבט אים שוין אַ לענגערע צײַט פון זיך. זי וויל מער קיין קינדער נישט האָבן, טענהט, אַז צוויי זענען איבערגענוג. דאָס לאָזט וואָלפן נישט אײַנזיצן אין שטוב, שטערט אים צו מאַכן אַ סוף מיט דער שײַנער פּרנסה. דערצו האָט זיך לעצטנס דער שווער אָן אים אָנגעטשעפּעט, ווייל באָרגן טויזנט דאָלאַר. דאָס האָט אינגאַנצן קאַליע געמאַכט דעם שלום־בית.

איצט, אין דער פינצטער, אויפן וואָגן, האָט וואָלף עס נישט גע־האַלטן פאַר קרום. עס האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל — איז וואָס, אַז אַן אײדעם העלפט אַרויס אַ שווער מיט טויזנט דאָלאַר? ער, וואָלף, וועט נישט אָרעמער ווערן און דעם שווער קען ער שטעלן אויף די פיס.

ער האָט געזעען אין דעם אײַנפאַל אַ גליכע זאַך, געחושט, אַז אָט וועט זיך אַלץ אויספּלאָנטערן און די אויגן האָבן זיך בײַ אים צע־שמייכלט.

וואָלף האָט מער נישט געקענט אײַנליגן. ער האָט זיך אַ שאַר גע־טון איבער די געפּעק, אָפּגעשטופּט ס'נעגער־ייִנגל און אַרויסגענומען בײַ אים די לייצעס:

— בײַ אַזאַ שלעפּן זיך, וועלן מיר אָנקומען באַטאָג!

ער האָט געפּאָכעט מיט דער בײַטש איבער די פערדס קעפּ, זיך גע־דרייט אויפן געזעס און זיך צעפאָרן:

אין טאָל, וואו ס'שטעטל איז געלעגן אַ דאַך איבער אַ דאַך, האָבן געציטערט פייערלעך. איבער די דעכער האָט געשטאַרט דער שפּיץ פון קלויסטער, ווי אַ פייערדיקער פינגער, אַן אויפגעשטעלטער, וואָס טוט

אכטונג, ס'שטעטל זאָל שלאָפן. ערגעץ האָט זיך געוועקט אַ האָן מיט אַ קריי, אָנגעזאָגט, אַז ס'איז נאָך נאַכט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

וואָלף איז פאַרפאָרן צו זיך אויפן הויף, געהערט, ווי די שויבן קלימפּערן אין זיין בלינדער שטוב. דאָס האָט זיך פאַרבייגעט־אָגן אַ שנעל־צוג מיט אַ סאַפּעריי, מיט אַ זעגעריי. די אויסגעשפּאַנטע פערד האָט וואָלף אַוועקגעשיקט מיטן נעגערל אין שטאַל אַריין און אַליין, אַ שטייפער פון דער פייכטער קילקייט, האָט ער זיך אַ דריי געטון צום הויז.

זיין מוטער, אַן אויסגעדאַרטע, מיט אַ שמים־פּנימל, איז אים אַנטקעגן געקומען, געפינטלט מיט די הינערישע אויגן:

— ווערסט גוט פאַרשוואַרצט, מיין זון.

באַטאָג, באַנאַכט האָט די זקנה געהיטן דעם זונס פאַרמעגן, אכטונג געגעבן, די שנור זאָל נישט פאַרפעלן אַ ווייבערישע מצווה, און וואו אַ באַהעלטעניש, וואו אַ שפּעלטל, האָט זי, ווי אַ קלין אַהין אַריינגעשטעקט איר טרוקן נעזל.

— וואָס האָסטו זיך אויפגעכאַפּט, מאַמע? גיי שלאָפן, גיי, ס'איז דאָך נאַכט!

— די פּרינצעסין דיינע גייט נאָך אַלץ אַרום, ווי אַן אָנגעברוגזטע אינדיטשקע, — האָט די מוטער געזעדט אירס.

— וואָס אַרט עס דיך? דו דאַרפסט זיך נישט מישן, מאַמע! — האָט וואָלף מיט די הענט, מיטן פּנים געמאַכט אַ מינע, געוויזן, אַז דער גאַנצער שמועס איז אים נישט ניחא.

— ווען כ'מיש זיך נישט, וואָלט מען דיר שוין לאַנג צעשלעפּט דאָס שטיקל ווירטשאַפט, — האָט די זקנה פאַרטרויט אַ סוד — די טיר רוט נישט אַ גאַנצן טאָג. איר משפּחהלע דערשנאַפּט נאַר, אַז ביסט נישט אינדערהיים, האַלט מען שוין אין איין קומען, און אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט גייט קיינער נישט.

דווקא איצט איז וואָלף נישט געווען קיין בעלן אויסצוהערן. מיט אַ בורטשע האָט ער צוגעשטעלט דער מוטערס טענות און בעת ער איז אַריין צו זיך אין שטוב, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ווען נישט די

מאַמע, וואָלט צווישן אים מיטן ווייב קיינמאָל נישט געקומען צו די אַלע רייבענישן.

וואָלף האָט אויפגעדרייט דאָס קליינע נאַפט־לעמפל.

צווי מיידלעך, מיט העגטלעך און פיסלעך פאַרוואָרפן איינס איבערן אַנדערן, זענען געשלאָפן אין אַ בעטל. דער פאָטער האָט זיי פונאַנדערגענומען, אַרומגעדעקט און זיך געחידושט, וואָס זיי זענען נישט אויפגעקומען, ווייל אויפן קוק האָבן זיי געדרימלט ווי הינדעלעך.

וואָלף האָט געוואָלט האָבן אַ יינגל. מיט אַ זון וואָלט ער זיך אַנדערש דורכגעשמועסט. און ווי ליב ער האָט נישט געהאַט די מיידלעך, האָט ער געקוקט אויף זיי מיט ביטול, ווי אַ יינגל קוקט אויף דער ליאַלקע, מיט וועלכער ער שפּילט זיך.

אַ האַלב אויסגעטוענער האָט וואָלף זיך אַוועקגעשטעלט איבערן ווייב. זי האָט זיך איבערגעוואָרפן, זיך אָפּגעדעקט. די ווייסע הענט, דאָס נאַך ווייסערע לייב, האָבן אַן אָטעם געטון מיט אויסגעוואַרעמט געלעגער.

— שלאָפסט, רחל?

זי האָט נישט געענטפערט.

— זיך געדאַרפט טרייסלען אַ נאַכט אויפן וואָגן, זיך יאָגן אַהיים — האָט וואָלף אומבאַהאָלפן אַ שיבע־ געטון מיט די צונויפגעצויגענע פּלייצעס — אַזאַ ברוך־הבא וואָלט איך מאָרגן אויך נישט פאַרשפּעטיקט.

— פאַרט מען קריק.

— קענסט זיך עס באַ מיר דערשפּילן, — האָט וואָלף אַ צי־געטון די הויזן, — כ׳וואָלט טאַקע געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ מאַן בין איך דיר? אַזוי טרייבסטו מיך, און אַז כ׳וויל נישט געבן דעם טאַטן דיינעם קיין געלט, ווערסטו מיט מיר ברוגז? און אויב דו מיינסט, אַז ס׳גייט מיר אין די טויזנט טאַלער, האָסטו אַ טעות!

— און וואָס דען גייט עס? — האָט רחל זיך אַ הייב געטון איבערן קישן און אַ קלאָרער, אויסגעטוענער אַקסל האָט זיך אַרויסגעטיילט פונעם נאַכט־העמד.

איר שטים האָט זיך געביטן, מער נישט געווען קריגעריש. וואָלף האָט פֿון דער זייט אַ קוק געטון אויפֿן לייב, געזעען, ווי זי פּלעכט דעם צאָפּ און געגלייבט, אַז ער איז מיט איר אויף אַ דרך. דאָס האָט אים צו־געגעבן קוראַזש. די פּאָר ווערטער אָבער, וואָס זענען געלעגן אויף דער שפּיץ־צונג, זיך די גאַנצע צייט געריסן פֿון מויל אַרויס, האָבן זיך מיט אַמאָל דערווייטערט און רייד, וועגן וועלכע ער האָט אינגאַנצן נישט געטראַכט, זענען געפֿאַלן בײַ אים פֿון די ליפּן אָן אַ סדר:

— מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, כ'מיין, ס'קלויבט זיך אויפֿן הארץ איין עוולה, נאָך אָן עוולה... דו ווייסט דאָך יאָ, אַז די פּאָר טאָלער האָבן בײַ מיר קיין ווערט נישט... כ'קען אפֿילו היינט איינ־פּאַקן די שיינע פּרנסה, לעבן פֿון גרייטן אַ יאָר, צוויי, אפֿילו פֿינף... ס'דאַרף דאָך אָבער זיין אַ תּכלית, נישט אַלץ איז דאָס האָוועניש, דאָס יאָגעניש.

— וואָס האָוועניש, וואָס יאָגעניש, — האָט ס'ווייב זיך צעלאַכט, — אַז כ'ווייס נישט וואָס דו רעדסט?

— כ'רעד, דאַכט זיך, נישט פֿון וועג, — האָבן די ווערטער זיך אַ שפּאַר געטון וואָלפֿן אין גרגרת אַריין, אַז ער איז אַ ווײַלע געבליבן אָן לשון, — טאַקע דאָס האָוועניש, דאָס יאָגעניש, און אַז מען קומט שוין אין די דרייסיקער אַריין... וואָס איז זיך צו שעמען? הער, רחל, איך וויל האָבן אַ זון!

— דערצו האָסטו געדאַרפֿט אַזאַ לאַנגע הקדמה? — האָט ס'ווייב זיך געשטיקט פֿון געלעכטער, — און ביסט שוין זיכער, וואָלף, אַז ס'וועט זיין אַ יינגל?

— כ'בין זיכער.

— און טאָמער נישט?

— דאָס מאָל בין איך זיכער, אויף מיין וואָרט זיכער, — האָט ער זיך געבעטן בײַ איר.

אויפֿן הויף האָט זיך צעקרייט אַ האָן, איין מאָל, נאָכאַמאָל, וואָלף האָט אויסגעלאָשן ס'לעמפּל, אַריינגעאָטעמט די סמאָלינעס און שטייענדיק אַראָפּגעשלעפּט די שיך.

דער באַגינען האָט זיך שוין אָנגעהויבן ברעכן און דורך די פּייכטע

שויבן האָט אַרייַנגעקוקט אַ קאַשטאַן־בוים מיט פאַרזשאַווערטע בלע־טער.

רחל האָט געטראַכט וועגן פאָטער, וועגן דעם, ווי זי וועט אים נאָך היינט ברענגען די טויזנט טאָלער און אַן אויפגעהייטערטע זיך אַ רוק געטון צו דער וואַנט.

# הינטער די קוליסן

ס'איז געווען מיטוואָך נאָכמיטאָג. אין מאַנבערגס פאָלקס-טעאַטער האָט מען געשפּילט „באַרדזשיעס הויף“.

נאָכן פערטן אַקט האָט דער עולם מיט אַ פּאַטשעריי, מיט אַ קלאַפּעריי זיך אַ ריס געטון פון די פּלעצער, אַז די ווענט און פענצטער האָבן זיך צעטרייסלט. דער שווערער פאָרהאַנג האָט זיך געהויבן איבער דער בינע, וואו מאַרקיזן, גרעפינס און קאַרדינאַלן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, גראַציעז זיך געבויגן פאַרן עולם. די בינע האָט זיך געטיקט אין ליכט, געבלישטשעט מיט גאָלד, מיט זילבער, מיט פּורפּור און איבער דעם טיף-געוועלבטן טעאַטער איז געלעגן די ווייכע טונקלקייט פון אַ קאַטעדראַל.

צווישן עולם איז געזעסן קאָרן, אַ טעאַטער-קריטיקער. קאָרן האָט זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס „באַרדזשעס היף“, אַ פּיעסע, געשריבן מיט עטלעכע הונדערטס יאָר צוריק האָט מיטאַמאָל אַזוי אויסגענומען? וואָס פאַר אַ כּוח שטעקט אין דעם ספּעקטאַקל, וואָס פאַרכאַפּט דעם צוקיקער, ציט אים אַריין, ווישט אָפּ יעדע מחיצה צווישן עולם און דער בינע, אַז ס'פּובליקום נעמט אַליין מיטשפּילן? דער קריטיקער האָט דערפילט אין זיך די קראַפט, וואָס האָט מיטגעבראַכט אַזאַ פרייד, און נישט בלויז די פרייד באַם צוקוקער, נאָר אפילו באַ די אויפגעטרייסלטע ווענט פון טעאַטער.

דער רויקער קאָרן האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אַן אויפגעהייטערטער אויף די הונדערטער מענטשן, וואָס זענען נישט מיד געוואָרן צו אַפּלאָדירן די אַקטיאָרן. ער האָט געטראַכט, אַז מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַרונטעררייסן די פּאָרענטשעס פון די לאָזשעס, שוין לאַנג גע-

דאַרפֿט אָנוועקשטעלן דעם בינע־פֿאָרהאַנג אַ מוזעום — דער עולם זאָל קענען מיטשפּילן, ווי דער כאָר שפּילט מיט אין אַן אָפּערע.

דייוו, דער פֿאַרוואַלטער פֿונם טעאַטער, איז אונטערגעקומען, אָנגעשוועלט אויפֿן קריטיקער אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן זיך געשמאָלצן פֿון נחת און געפֿרעגט אויף שטום־לשון:

— וואָס זאָגט איר, מיסטער קאָרן?

— די פּיעסע וועט גיין! — האָט דער קריטיקער עטוואָס אָנגעבלאָזן די באַקן, פֿאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ האָן באַם קרייען.

— פֿון אייער מויל אין גאָטס אויערן, מיסטער קאָרן!

— בין איך נישט גערעכט, דייוו? — איז דער קריטיקער צופֿרידן געווען, וואָס דייוו קוקט אים אין מויל אַריין, — איך טענה שוין לאַנג, אַז דאָס רעאַליסטישע טעאַטער שטאַרבט אָפּ, מען קערט זיך צוריק צום ספּעקטאַקל, וואו די בינע וועט מער נישט זיין אָפּגעטיילט פֿונם עולם. דער אַקטיאָר וועט זיך געפֿינען צווישן פּובליקום. אַזוי האָט אויך גאָלדפֿאַדען פֿאַרשטאַנען טעאַטער, און מיר, יידן, דאַרפֿן צוריקגיין צו אים.

דייוו האָט זיך נישט פֿונאַנדערגעקליבן, וואָס קאָרן רעדט, געוואוסט אָבער, אַז ס'וועט זיין אַ גוטע קריטיק און סתם אַ זאָג געטון:

— מאַנבערג שפּילט אויסגעצייכנט.

— וואָס רעדט איר, דייוו? — איז קאָרן פֿון זיינע אייגענע רייד מיטגעריסן געוואָרן — כ'זיץ און שטוין. דאַכט זיך, אַז מען רעדט מיט אים איז עס אַ פּשוטער שלוש־סעודות, מאַנבערגן מיין איך, און ווי דאָס פֿאַרלויפֿט שטענדיק דעם קריטיקער דעם וועג. אָ, ער איז מער ווי אַ קינסטלער! איר זענט גאָר קיין מבין נישט, דייוו, וואָס פֿאַר אַן אויפֿפֿירונג דאָס איז געווען!

— זשעניאַל! זשעניאַל! — האָט דייוו זיך פֿאַרכליניעט פֿון נחת — ס'זאָל נאָר אָנרייסן!

— ס'האָט שוין אָנגעריסן, — האָט דער תּמיד שטילער קאָרן אויסגערופֿן, — וואָס דאַרפֿט איר מער? לאָמיר אַ פֿרעג טון דעם ערשטן בעסטן ייד, טאַקע מיין שכן, אָט דעם!

דער שכן, אַ צוואַקסענער פֿאַרשוין מיט אַן אויסגעבויגענער פּלייצע, איז געשטאַנען און געקלאַפּט מיט די הענט־פֿלאַכן, ווי מיט בלעכענע שטאַרצן. דייוו האָט אים אַ פֿרעג געטון:

— איינמאָל אַ פּיעסע, האַ?

— אַ פיין שטיק, אַ פיין, — האָט דער פּאַרשוין זיך אַזש באַלעקט — ווערט געוועזן די פּאָר סענט...

— ס'איז דאָך אָבער נישט געווען פון לעבן? — האָט קאָרן גע־לאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— מוחל, מוחל זייערע לעבנס־פּיעסן — האָט דער פּאַרשוין אָפּער־געוואָרפן אַ האַנט, ווי אַ היי־גאָפּל — זון אַז מען ווייזט אויף דער בינע אַ פּעקטאָרי, ציִ אַ שאָפּ, זיצט אַ באָס־בראָט און קוועטש מיט די פּלייצעס. כ'בין שוין צוואָנציק יאָר אַ באַל־עלאָכע, ווייס, וואָס טוט זיך אין אַ שאָפּ. דער בעסטער שרייבער דאַרף זיך קומען לערנען צו מיר... און אַז כ'קום אין טעאַטער, וויל איך פאַרגעסן, ווי דער „קלאָקמאַכער" ווערט אויסגע־ריסן...

— נו, און היינט? — האָט קאָרן אָנגעקוואָלן.

— היינט האָט מען דאָך עפּעס געזען אַ וועלט — שררות, גראַפן... אַזאַ שטיק, מיסטער, ווערט גיין!

— הערסט, דייוו? — האָט קאָרן זיך געשטופּט צו דער בינע.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי דער ייד איז גערעכט — איז דייוו נישט געוואָרן צווישן עולם.

דער קריטיקער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַריינצוכאַפּן זיך הינ־טער די קוליסן, דריקן מאַנבערגן די האַנט, אים זאָגן, אַז ס'בייע טעאַ־טער באַ יידן, שאַפט ער, מאַנבערג.

דער המון האָט זיך געוויגט, אַרויסגעשטראָמט דורך די אָפענע טירן, יעדע ווילע מיטגעשלעפּט דעם קריטיקער. קאָרן האָט זיך קוים דורכגעשטופּט צו דער בינע.

הינטער די קוליסן זענען די אַקטיאָרן אַרומגעלאָפן נישט איבערגע־כוּענע. אַנדערע האָבן שוין געהאַט אָפּגעוואַשן אַ האַלבן גרים. מען האָט זיך געטראָגן פון איין צימער אין צווייטן. די אויגן אונטערגעהאַקט, די מיילער אויסגעקרימט און די רייד האָבן געקלונגען הויל, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעקומען פון אַ ליידיקייט.

— וואָס, שוין ווידער?

— ווער רופט?

— מאַנבערג?

— ס׳ברענט נישט, כ׳וועל נאָר אַראָפּנעמען דעם גרים.

— ער האָט יאָרצייט.

— איז וואָס?

— ס׳ווערט שפּעט.

— שפּעט צו דאַווענען מנחה?

קאָרן איז געווען זיכער, אַז באַם איבערטוען זיך מאַכן די אַקטיאָרן פּראָבע. ער האָט דערזעען מאַנבערגן און זיך געלאָזט צו אים.

מאַנבערג האָט געהאַלטן די קרוין אין דער האַנט. אויפן קאָפּ האָט ער אַרויפגעצויגן אַן אַלטן קאַפּעלוש, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזעען ווי חוזק און ער האָט זיך געבעטן באַ די אַקטיאָרן:

— נו, חברה, שטעלט זיך אַוועק, ווער פעלט? גרין? דאָס ליגט ער שוין אוודאי באַ זיין פּרימאַדאָנע, אַז שרפען זאָל ער! טאָ וויפיל זענען מיר? נישט איינס, נישט צוויי... אויס וועלט, מאַנבערג זאָל נישט קענען צונויפשטעלן אַ מנין!

קאָרן איז אונטערגעגאַנגען, געכאַפּט מאַנבערגן פאַר דער האַנט:

— איר האָט זיך היינט איבערגעטראָפן, מיט אַן אמת...

— מיסטער קאָרן, איר מוזט מיך ראַטעווען... — האָט אים דער אַקטיאָר איבערגעשלאָגן, — כ׳האָב זיך געדאַרפט פאַרזאָרגן, בעטן באַ דער מאַמע מיינער, באַ דער טויטער, זי זאָל שטאַרבן, ווען אָט די לצים — האָט ער געוויזן אויף די אַקטיאָרן — דאַרפן קריגן שכירות... דעמאָלט וואָלט איך געהאַט אַ מנין... בעט איך אייך, מיסטער קאָרן, ס׳פעלט אויס איינער צו אַ מנין... כ׳האָב יאָרצייט נאָך מיין מאַמען, אַן ערלעכע נשמה געווען...

— ס׳טוט מיר לייד — איז קאָרן בלאַס געוואָרן — ס׳איז אָבער קעגן מיינע איבערצייגונגען... כ׳בין נישט קיין רעליגיעזער...

— ווער איז היינט יאָ רעליגיעז? — האָט מאַנבערג פעסט געהאַלטן דעם קריטיקער, — איך בין אויך נישט קיין צדיק! נאָר אַז אַ מאַמע שטאַרבט, אַ וואוילע נשמה געווען... טאָ וויפיל זענען מיר?

— פונקט אַ מנין!

מאַנבערג האָט זיך אַ שטעל געטון מיט די הענט צו מזרח און מיט אַ קול, וואָס קען רירן שטיינער, גענומען זאָגן „אשרי״.

די גראַפן און מאַרקיזן האָבן זיך צעשאָקלט, נאָכגעזאָגט. דער

קריטיקער איז געשטאַנען פאַרלוירן, נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט זיך.

אַ קאַרדינאַל אין אַ פורפורנער הילע מיט אַ גאָלדענעם צלם אויפן האַלז, איז אַריינגעקומען. מאַנבערג האָט אויפגעהערט דאַוונען, זיך פאַרקרימט, ווי מען וואָלט אים אַ ביס געטון, געקלאַפּט מיט אַ פוס, געשריגן:

— אַרויס מיטן צלם! אַרויס זאָגט מען דיר!

דער קאַרדינאַל האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן און אַז מאַנבערג האָט גענומען זאָגן קדיש, האָבן די פּרינצן, מאַרקיזן און גראַפן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז, נאָכגעזאָגט אויפן קול:

... „יהא שמה רבא".

# אין אַ יידיש הויז

פרייטיק נאָכמיטאָג איז דער באַנקיר קרויז געזעסן באַ זיך אין קאַבינעט און מעביר־סדרה געווען מיטן טראָפּ. ער האָט אויסגערעדט די ווערטער קלאָר, מיט אַ ניגון, פאַרטייטשט יעדעס וואָרט אין דער מחשבה. און וואָס טיפער ע״ האָט אַריינגעלערנט אין דער סדרה, אַלץ ווינציקער האָט עס אים געשטערט אָנצוגיין מיט זיינע רעיונות, גלייך ווי דער מוח וואָלט באַ אים באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע אָפּטיילונגען.

דער אויבערשטער טייל מוח האָט זיך איבערגענומען מיט יעדן טייטש, מיט יעדן קנייטשל פון אַ שווער וואָרט. דער אונטערשטער — האָט צוגעגעבן קרויזן קוראַזש, אים פאַרזיכערט, אַז צווישן זיין ס׳גאַל מענטשן, איז ער, קרויז, נישט דער איינציקער, וואָס היט אָפּ יידישקייט. אברבנל האָט געהאַט צו טון מיט מלכים, און מען דאַרף דען אַ מער אָפּגעהיטענעם ייד, ווי דער וויגער ראָטשילד איז געווען?

דאָס ליכטיקע צימער איז פול געוואָרן מיט פסוקים, מיט שטיקלעך חומש. דורכן אָפענעם פענצטער האָבן זיך געזעען קליינע נאָדלביימלעך, ווי קאַרליקלעך. אַן אַרבעטער, אין ברוין־לייוונטענע הויזן, האָט געשניטן ס׳גראָז מיט אַ מאַשינקע. פיל געמאַכט די אויגוסט־לופט מיט מאַי. דער מענטש האָט זיך געדרייט אַרום אַ קליין בערגל, עס אַזוי קורץ אַרומגעשוירן מיט דער מאַשינקע, ווי מען גאָלט אָפּ אַ שאַרבן.

די ריחות האָבן זיך געווינטלט אין דער נאָכמיטאָג־בלויקייט, זיך דערטראָגן צו קרויזן אין צימער אַריין. דאָס פינפציקיעריקע לייב האָט אויפגעציטערט, דערפילט אויף זיך דעם שפיל פון דינע, מיידלשע פינגער.

ווייסער קאַנקריט האָט געבלישטשעט צווישן די שטיקער גרינס. קרויזעס צוויי זין, געוויקסיקע, ברייט־פלייציקע, אין ווייסע העמדער, נאָך

וויסערע שיך און הויזן, האָבן געשפּילט אויף דער קאָנקריטענער פּאָדלאָגע טעניס.

גרייטיק זענען קרויזעס זין מיט אַ צוויי שעה פריער אַהיימגעקומען פון באַנק, ווי שטענדיק. פון קליינערהייט־אָן האָט דער פאָטער זיי איינגעבראָכן, אַכטונג געטון, זיי זאָלן אָפּהיטן שבת. מען האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיטן פאָטער, אַז ס׳איז שווער געווען דורכצולאָזן אַ דאַוונען, צו פאַרפעלן פרייטאָג־צו־נאַכטס דעם קידוש. זיי וואָלטן געליטן דערפון, די צוויי געבוירענע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געענדיקט האַרוואַרד, יונג חתונה געהאַט און געגאַנגען אין פאָטערס דרכים.

קרויז האָט פאַרמאַכט ס׳חומש, אַ קוק געטון דורכן פענצטער אויף די צוויי זין זיינע און זיך געלאָזט שפּרייזן איבערן קאַבינעט. ער האָט זיך געחידושט, פון וואַנען ס׳נעמט זיך בײַ די יונגע מענטשן אַזאַ רויקייט. ער, קרויז, אין זייערע יאָרן, האָט דאָך געקערט וועלטן, געפירט מלחמה מיטן יצר־הרע, און זיי האָבן אינגאַנצן קיין יצר־הרע נישט, געבוירענע צדיקים. נישטאָ קיין חשק צו פרעמדע ווייבער, צו קאָרטן; מען עפנט אפילו קיין בוך נישט אויף. צען אינדערפרי זיצט מען שוין אין באַנק, פאַרטון מיט אַלע חושים אין מסחר — די „שערס" האָבן זיך געהויבן, יענע געפאַלן, און דער מוח ווערט נישט מיד צו חשבונען, צו קאָמבינירן. אין די אָוונטן שפּילט מען אַ שעה טעניס, מען פאַרברענגט מיטן קליינוואַרג און די ווייבער קינדלעך.

קרויז איז געווען זיכער, אַז סאַל, דער ייִנגערער זון, וועט אַוועק אויף אַן אַנדערן וועג, וועט האָבן זיין אייגענעם שניט אין לעבן. ווי ער האָט נאָר געענדיקט האַרוואַרד, איז ער געקומען אין הויז אַריין מיט לאָרען. באַשטאַנען, טאַטע־מאַמע זאָלן נישט זיין דאַקעגן. ער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט דער שיקסע. אַ חודש צייט האָט דער יונג זיך אַנטקעגנגעשטעלט, געוואָלט זיינס אויספירן. קרויז האָט אים סוף כל סוף איינגעבראָכן, געזען, לאָרע זאָל זיך מגייר זיין, און נאָך דער חתונה האָט סאַל אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט די פליגל.

מיט דער איינציקער טאָכטער, מיט עליזאַבעטן, איז שוין נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט, ווי דער פאָטער האָט געוואָלט. זי איז בטבע געווען אַ צוריקגעהאַלטענע, זיך געדרייט אין שטוב ווי אַ פרעמדע, נישט געהאַט קיין יידישע פריינט, בלויז מיט גויים האָט זי זיך געחברט.

קרויז האָט פאַרמאַכט אויף אַ ווײַלע ס'לינקע אויג, באַלד עס געעפֿנט און איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער מיט פאַרלייגטע הענט, עטוואָס צעשפּרייטע פיס, ווי מען מאָלט נאַפּאָלעאָנען אויף די שלאַכטפעלדער.

די טיר האָט זיך געעפֿנט. קרויזעס ווײַב, אַ פולע מיט אַ שווערן טריט, איז אַרײַנגעקומען. זי האָט צוגערוקט אַ שטול צום אָפֿענעם פענצטער, זיך אַזוי אָוועקגעזעצט, אַז ס'וועקל און ס'געזעס פון דער שטול האָבן זיך מער נישט אַרויסגעזען.

— ווי דאָס גראָז שמעקט!

— פריש געשניטן — האָט קרויז אַרײַנגעאָטעמט פולע לונגען.

— עליזאַבעט האָט מיר נאָר־וואָס אָנגעווײַנט אַ קאָפּ — האָט מיסעס קרויז זיך אַ דריי געטון מיט דער שטול צום מאַן.

— וואָס שוין ווידער?

— זי איז פאַרליבט אין טעדין.

— דו מיינסט אין מאַגילס תכשיט?

— וויל נישט אַנדערש, ווי מיט אים חתונה האָבן.

— וועט זי מער מיין טאָכטער נישט זיין, זאָג איר — האָבן די אײַנגעפאַלענע זעקלעך בײַ קרויזן אונטער די אויגן זיך אָנגעבלאָזן, פול געוואָרן.

— ערגער זיך דערווײַל נישט, ס'האַלט נאָך נישט דערבײַ, — האָט ס'ווײַב געפּרוּווט באַרויקן דעם מאַן, — און אַז טעדי וועט זיך מגייר זיין?

— רעדט מער נישט דערפון — האָט קרויז אַ כאַפּ געטון די הענט צו די אויערן. אפילו נישט געוואָלט הערן. — דער אַלטער מאַגיל איז דאָך אַ המן, וואָלט אָ פּ ג ע ר י ד ל ט דעם פּלאַץ, וואו אַ ייד שטייט. עפּעס אַ קליינער יחסן, אַ זיידע זיינער איז געקומען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק קיין אַמעריקע. און ווען דער שייגעץ זאָל זיך אפילו מגייר זיין, וויל איך אים אויך נישט פאַר קיין איידעם, מאַלע־וואָס עליזאַבעט וויל! דאָס איז נאָך ווייניק.

— זי האָט זיך צונויפגעשלאָגן דעם קאָפּ מיט לאָרען און מען סודעט זיך גאַנצע טעג.

— בײַ לאָרען וועט עליזאַבעט אַלץ פועלן, — האָט קרויז געדרייט

אויפֿן פּוכלען פֿינגער דאָס אויסגעריבענע חופּה וקדושין פֿינגערל. — יעדן ציט זיין מין, ווײַל מן הסתם ס׳זאָל צוקומען נאָך אַ גר אין שטוב אַריין.

— ביסט אפשר גערעכט, — האָט ס׳ווייב זיך אויפגעשטעלט. — כ׳האָב דאָך צו לאָרען גאָרנישט, זי איז מיר אָבער געבליבן פרעמד, פּאָרט אַ גרטע.

— וואו איז זי, לאָרע, אין שטוב? — האָט קרויז געפרעגט.

— אין שטוב.

— זיי אַזוי גוט, שרהלע, רוף זי אַריין, כ׳וויל זיך מיט איר דורכרעדן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז לאָרע געשטאַנען אין דער טיר. אַ הויכע, אַ בלאָנדע, די האָר — צייטיקע קאָרן־זאַנגען — זענען געלעגן אויפן קאָפּ מענגעסווייז, מיט איר אַרײַנקומען איז ליכטיקער געוואָרן אין צימער.

— האַלאָ, פּאַ — האָט זי אַרײַנגעלאָזט די שוויגער, פֿאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און די אויגן, די ליפּן, דער גאַנצער געשטעל אירער, האָט געהאַט אַ מינע, — איר דאַרפט מיך?

— זיץ, לאָרע, — האָט קרויז איר אונטערגערוקט אַ שטול. — מיט מיר רעדט זי נישט, עליזאַבעט... ווייַנט פֿאַר דער מוטער, סודעט זיך מיט דיר... וואָס, זי קלייבט זיך טאַקע חתונה האָבן מיט טעדין?

— יאָ, פּאַ, — האָבן לאָרעס ליכטיקע אויגן זיך צעשמייכלט און דער שמייכל איז געווען אַ קלאָרער, ווי אַ דורכזיכטיק, רויק וואַסערל. — שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי איך רעד זי אָפּ פון דעם שידוך.

— פֿאַרוואָס עפּעס? — האָט קרויז ברייטער געעפֿנט די אויגן.

— די זאַך איז די, פּאַ, ווען אַ קריסטין האָט חתונה מיט אַ ייד, לעבט זי זיך איין אין מאַן, ווערט אַ טייל פון אים, ווי איך אַ שטייגער, — האָט אַ געלעכטער אַ שפּריץ געטון דורך לאָרעס ווייסע ציין, — און אויב טעדי זאָל אפילו ווערן אַ ייד, וועט אים אַלץ מער ציען צום פֿאָטער, צו מאַגילן, ווי צו אייך, פּאַ, איר וועט אָנווערן עליזאַבעטן. איך בין קעגן אַזאַ שידוך, און דאָס טענה איך מיט דעם נאַרישן מיידל.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי לאָרע איז געדעכט — האָט מיסעס קרויז אַרומגעגומען די שנור.

— דאָס מאָל איז זי געדעכט, די שיקסע, — האָט קרויז אָן אויפ־געלייגטער אַ גלעט געטון די שנור איבערן קאָפּ האָר און ער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אַ דין גאָלדן זייגערל. — שרהלע, צייט ליכט בענטשן.

# די=ראָסי

די זעקס יאָר נאָך דער חתונה האָבן באַ די=ראָסין זיך נישט פאַרבייגעטראָגן, ווי דער פלאַטער פון אַ פויגל. יעדן חודש פון די זעקס יאָר האָט ער געקאָנט אָנטאַפּן, געהאַט פאַר זיך אַ דאַטע פון זיין לעבן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין איינפונדעווען.

מיט זיין ווייב, מיט רחלען, איז עס געווען פונקט פאַרקערט: זי האָט געוואוסט, אַז אויב מען שפּאַנט זיך איין, מען האָט חתונה, דאַרף מען שלעפּן דעם יאָך. און אויבנאויף, פאַר מענטשן, האָט זי געשלעפּט: געבוירן די=ראָסין צוויי זין און אַ טאָכטער.

אויפן צווייטן טאָג, ווען רחל איז אַריבערגעקומען פון פוילן נאָך פילאַדעלפיע, צו איר ברודער ראַבאַי פרענק, האָט זי זיך באַקענט מיט די=ראָסין, אַ לערער פון סעמיטישע שפּראַכן אין דראַפּסי קאָלעדזש.

זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן. ער — פון דורות אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט זיך געגרויסט, אַז ער שטאַמט פון יענע די=ראָסיס, וואָס טיטוס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון ירושלים נאָך רוים. זי — אַ באַשיידענע חסידישע טאָכטער פון אַ קליין שטעטל, וואָס האָט פאַרגעטערט איר ברודער דעם ראַבאַי, און אַליין אין דער שטיל געחלומט צו קריגן אַ מאַן מיט אַ טיטול.

און טאַקע דערפאַר, וואָס זיי, האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען, איז רחל פון ערשטן בליק אים געפעלן געוואָרן. ווען זיי וואָלטן זיך צערעדט, וואָלט די=ראָסיס חלום פאַר קיין פאַל זיך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין דער מאָלער ראַם פון רחלס ווערטער.

אירע אויגן אָבער, שיינע, בלויע אויגן האָבן גאָך טיפער געמאַכט דעם שטאַמל, אָוועקגערוקט אַלע שוועריקייטן. די יונגע מענטשן האָבן זיך נישט גענייטיקט אין קיין שפּראַך, און זיי האָבן חתונה געהאַט.

רחל האָט אַרויפגעקוקט צום מאַן — דעם ייִנגסטן פּראָפעסאָר אין קאָלעדזש. די־ראָסי האָט מיט איר געלערנט העברעיִש, ענגליש. אָפּגע־מאַכט, אַז אין הויז זאָל מען רעדן נאָר העברעיִש. די ערשטע חדשים האָט דאָס העברעיִש רעדן אויסגעזען, ווי אַ שפּיל, ווייל מען האָט זיך סיי־ווי־סיי נישט גענייטיקט אין ווערטער. דערצו האָט רחל געגלייבט, אַז ס׳וועט אים סוף כּל סוף דעררעסן און ער וועט איבערגיין מיט איר אויף ענגליש. העברעיִש איז שווער אָנגעקומען, נישט געקאָנט איינבייסן. ענגליש האָט זי ווי עס איז גערעדט.

די־ראָסי איז אָבער נישט מיד געוואָרן. ער איז נישט געווען פון די, וואָס האָבן שטימונגען, בייטן זייערע מיינונגען. און אַז אַזאַ איינער טוט אַמאָל אַ שטאָך, גיט ער אָבער האָניק אויך, ווי אַ בין, וואָס טראָגט זיך פון איין בלום־בעכערל צו אַ צווייטס. די־ראָסי איז געווען אַן איינגע־שפּאַרטער, אַ פּאַרעקשנטער. געזעסן איבער זיינע ביכער, ווי אַ לאַרווע (גוסעניצע) אויף אַ הייפּטל קרויט. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס רחל שלעפּט אַ בויך, נויטיקט זיך אין גוטע רייד. נישט באַמערקט, ווי זי האָט כּמעט אויפגעהערט צו רעדן.

רחל איז געזעסן אין די פינף צימערן, געגייט און געצירעוועט פאַרן מאַן, פאַרן ייִנגעלע, וואָס זי האָט געבוירן, און גאַנץ אָפּט, ווען אַ טיפע שטילקייט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין הויז, איז זי אַליין נישט זיכער געווען, צי זי, רחל, איז די־ראָסיס ווייב, צי ס׳ייִנגעלע איז אירס.

דערפאַר איז די־ראָסי זיכער געווען, אַז ס׳ווייב, ס׳קינד, די צי־מערן — אַלץ איז זיינס. ער, די־ראָסי, איז ס׳הויז, וואו דאָס אַלץ געפינט זיך. ס׳ווייב מיטן קינד האָט ער געזען דריי מאָל אַ טאָג: אינדערפרי, אויף מיטאָג און פאַרנאַכט. די איבעריקע צייט איז ער געזעסן אין זיין קאַ־בינעט מיט ספרים.

חדשים, יאָרן האָבן זיך געצויגן ווי די גרויע זונטיקס אין פילאַ־דעלפיע. איין וואָך איז מען געגאַנגען טרינקען טיי צו אַן אַנדערן פּראָ־פעסאָר; די צווייטע וואָך איז דער אַנדערער פּראָפעסאָר געקומען צו זיי. דער שמועס האָט זיך קיינמאָל נישט געקלעפּט. באַ די ערשטע צוויי, דריי ווערטער האָבן זיך די רייד איבערגעריסן.ביידע פּראָפעסאָרן זענען גע־בליבן זיצן באַ איין עק טיש; זייערע ווייבער — באַ אַ צווייטן — צוויי

וועלטן, וואָס זענען אינערלעך זיך געבליבן פרעמד. און אַז די גרויקייט איז אַריין אין די ביינער, געטריבן פון די צימערן, האָט ס'געפּענטעטע זיך צעשריגן. דעמאָלט איז די־ראָסי געוואָרן ווייכער, צוגעלאָזענער, ווען־בישט־ווען אַ קוש געטון ס'ווייב, און קינדער זענען געבוירן געוואָרן יעדע אַנדערהאַלבן יאָר.

מיט די יאָרן האָט רחל אַזוי צעפּלאָנטערט איר לשון, אַז זי האָט אויף קיין איין שפּראַך זיך נישט געקענט דורכרעדן. זי האָט נאָך אַלץ געזוכט העברעישע ווערטער, זיי פריער געדאַרפט צונויפשטעלן אין קאָפּ איידער זי האָט זיי אַרויסגערעדט. די רייד האָט זי געשטיקט אין זיך, זיי אָוועקגעשאַרט איידער די קלאַנגען האָבן דערגרייכט דעם האַלז, און אַרויסגעקומען איז שטענדיק דאָס זעלבע.

— פּראָפעסאָר מאַרקוס האָט טעלעפאָנירט.

— כ'גיי היינט מיט די קינדער אין די „מואוויס".

— ווען וועסטו אַהיים קומען ?

די־ראָסי האָט אויסגעהערט, עפּעס געענטפערט און איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט. ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. רחל האָט נישט געקענט זיצן ליידיק. זי האָט געצירעוועט, געניית, צי גאָר אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, און טיף ערגעץ אין איר האָט פון זיך אַליין געברומט אַ היימישער, חסידישער ניגון, איר פאָטערס ניגון.

אויפן זיבעטן יאָר איז בײַ זיי געשטאָרבן ס'מיידעלע. ס'קינד האָט געקרענקט וואָכן, אויסגעגאַנגען בײַ דער מאַמען אויף די הענט. רחל האָט זיך אַליין באַשולדיקט אין דעם קינדס טויט. ס'מיידעלע איז געווען אַ שלאַבערדיקס, אַ דורכזיכטיקס, זיך געצויגן צו דער מוטער, ווי אַ דער־פרוירענע פלאַנץ צו דער זון, זיך געבעטן די מאַמע זאָל דערציילן מעשיות. די מאַמע האָט געשטאַמלט, געקאָרגט ווערטער, זיך געקריגט, און אַז זי האָט גענומען דערציילן אין יידיש, האָט ס'מיידעלע נישט פאַר־שטאַנען.

רחל האָט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען, ווי איר קינד גייט אויס פון קעלט, ס'האָט נישט די טרייסט און וואַרעמקייט פון אַ מאַ־מען.

די גרויקייט אין די פינף צימערן איז געוואָרן געדיכטער, שווערער. רחל האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן.

## 2.

פאַרנאַכט זענען די־ראָסיס 2 יינגלעך געגאַנגען שפּאַצירן מיט דער העברעישער גוווערנאַנטקע. ער איז געזעסן בײַ זיך אין קאַבינעט.

דער פאַרנאַכט האָט זיך געפּאַקט דורך דעם פענצטער, זיך גע־לייגט איבער דעם דיל, ענגער געמאַכט די צימערן. רחל האָט זיך צו־גויפגעגאָסן מיט דער גרויקייט, געהערט, ווי די שטילקייט קלאַפּט אין די ווענט. שאָטנדלעך זענען אָנגעלאָפן אַ טשאַטע נאָך אַ טשאַטע, זיך גע־וואָרפן הונגעריקע אויפן ביסל ליכט, זיך געריסן פאַר די קעפּ, נישט גע־וואָרן.

רחל האָט געקוקט אויף די שאָטנדלעך, ווי זיי טראָגן דאָס ליכט אונטערן טיש, אין די פאַלדן פון די פאָרטיערן. זי האָט געקוקט אין דער שויב פון פענצטער, וואו אַ בלאַסער שטערן האָט אויפגעבליצט און ס׳האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן:

— מיין מיידעלע...

פון די צוויי ווערטער האָבן זיך אַרויסגעשיילט דינע הענטלעך, נאָך דינערע פינגערלעך, זיך געצויגן צו רחלען:

— וואָס זיצסטו איינע אַליין, מאַמע?

— כ׳בין נישט אַליין, טאָכטער מיינע — האָט בײַ רחלען אַ מיש געטון אין קאָפּ.

זי האָט זיך אַ הייב געטון פון דער אָטאָמאַנע, געליטן פאַרן קינד, וואָס ליגט ערגעץ אין דער פייכטער ערד, קוקט אַרויף צום הימל, צו די שטערן. זי איז נישט געווען אַליין — זיך אַרומגעטראָגן מיטן גע־דאַנק, אַז מען דאַרף אָנהייבן מיט די קינדער צו רעדן יידיש.

— צי ער וויל, צי נישט — האָט רחל געוויזן אויף דער טיר, וואו דער מאַן איז געזעסן — די קינדער דאַרפן מער ליבע, דאַרפן אַ מאַמען.

איבער דער טיר איז געזעסן די־ראָסי. ער האָט אַוועקגעלייגט די פעדער, זיך אויסגעגלייכט און געקוקט אויף די אָנגעשריבענע בויגנס פּאַפּיר.

די־ראָסי האָט געגלייבט, אַז ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס ער, אַן אור־אור־אייניקל פון עזריה די־ראָסי, קלויבט זיך צו מאַכן אַן איבערקע־רעניש אין דער יידישער געשיכטע. דער עלטער־עלטער־זיידע האָט גע־לייגט דעם פונדאַמענט פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, און ער וועט לייגן דעם דאַך.

אַזוינע געדאַנקען האָבן אים קיינמאָל נישט געלאָזט איינזיצן באַם טיש, ענג געמאַכט די פיר ווענט, און ער האָט זיך געלאָזט איבערן צימער, וואו זיינע שווערע טריט האָבן זיך פאַרלוירן אין דעם האַריקן, ווייכן טעפיך.

ווייטן האָבן אויפגעבליצט, אַוועקגעטראָגן די־ראָסין. ער האָט אַרויס־גענומען אַ פאַרמעטענעם מאַנוסקריפּט, מיט איטאַליענישע לידער, וואָס באָנאַדזשוטאָ האָט געשריבן; אַרויסגענומען אַ צווייטן מאַנוסקריפּט מיט פּיוטים, וואָס זענען אַריין אין דאַוונען, און נישט געזען קיין סתירה, וואָס עזריה איז באָנאַדזשוטאָ, אַזוי דאַרף זיין. אין די צוויי בעמען ליגט דער גאַנצער זין פון לעבן. אין אים, אין די־ראָסין, האָבן זיך די צוויי בעמען ווידער צונויפגעגאָסן, ווי אין דעם עלטער־עלטער־זיידן פון פאַראַרא.

עפּעס האָט זיך אין אים געוועבט, אים געטריבן פון זיין קאַבינעט צום ווייב מיט די קינדער, געוואָלט זיי ווייזן די מאַנוסקריפּטן.

די־ראָסי האָט געעפנט די טיר. ס'ליכט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין, בלינד געמאַכט אויף אַ ווײַלע.

רחל איז געלעגן אויף דער אָטאָמאַנע, געהאַלטן די קינדער אויף זיך, זיי דערציילט אַ מעשה אין יידיש.

די יינגלעך האָבן צעדרייט די ווערטער, געלאַכט. איבערגעפּרעגט, זיך געקייקלט איבער דער מוטער. זיי האָבן דערזען דעם פאָטער און אים באַפאַלן מיט אַ פרייד:

— די מאַמע רעדט מיט אונז יידיש!

זיי האָבן גלייך פאַרגעסן אָן דער מעשה אין יידיש און אויפן אָרט גענומען רייסן באַם פאָטער די מאַנוסקריפּטן:

— וואָס איז עס, טאַטע?

די־ראָסי האָט זיך קוים אָפּגעשלאָגן פונם קליינוואַרג, געהאַלטן די

מאַנוסקריפּטן אינדערהייך, געטריבן פון זיך די יינגלעך, ווי מען טרייבט בייזע הינטלעך:

— אויב איר וועט נישט אויפהערן רייסן, לאָז איך אייך דאָ איבער און גיי צוריק אין קאַבינעט אַריין! מאַרש, חברה!

רחל האָט זיך אויפגעשטעלט. פון הינטן איז זי אונטערגעגאַנגען צום מאַן. ארויסגעכאַפּט בײַ אים די מאַנוסקריפּטן און אָנגעהויבן קנאַקן מיט די פּאַרמעטענע בלעטער.

— ווי דאָס ציטערט איבער זיינע „שמות"! — האָט זי אַ שליידער געטאָן די מאַנוסקריפּטן אָן דר'ערד און זיך צעשריגן אויף יידיש: — נאָר ביכער גיב אים, נאָר ביכער! דו מיט דיינע „שמות", מיט דיין העברעיש, האָסטו אָװעקגעהרגעט ס'קינד מיינס! באַגיי זיך כאָטש ווי אַ טאַטע מיט די איבעריקע!

די־ראָסי האָט געקוקט מיט חשד אויף דעם ווייב, עס נישט דער־וואַרט פון איר און געשטאַנען אַ געפּלעפטער.

אַ שמייכל האָט געבלאָנדזשעט אין רחלס פּאַרוויינטע אויגן, פאַר־וויכערט, אַז דער מאַן וועט בײַ איר גאָרנישט אויספירן.

# ברידער

דריי בּאַנאַכט איז דער רבּ ר׳ שלום טואווים צוריקגעקומען פון זיין קראַנקן פּאָטער דער פּאָטער האָט געדאַרפט גרויס רחמים און ער, ר׳ שלום, וואָלט געבליבן בּאַם חולה אַ גאַנצע נאַכט, ווען דער קראַנקער שטייט נישט מיטאַמאָל צו, מען זאָל שיקן נאָך זיין ייִנגערן זון, נאָך פישלען, וואָס איז שוין יאָרן אַרויס לתרבות־רעה.

פאַרן רבּ איז עס געווען אַ חידוש. מיט צען יאָר צוריק האָט דער פּאָטער פישלען דורכגעטריבן, נישט געקענט הערן זיין נאָמען און איצט, ווען פישל איז שוין צו ווייט אַוועק, קיין זאַך פאַרבינדט אים מער נישט מיט יידן, פונקט איצט, ווען דער פּאָטער דאַרף רחמים, האָט ער געשיקט נאָך אים.

דער רבּ האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיטן ברודער און איז אַהיימגעגאַנגען.

אין שטוב איז געווען נאַכט. פון די אָפענע צימערן האָט זיך געטראָגן דער שלאָף, מיטגעבראַכט ווערטער פון אַן אַנדערע וועלט.

דער רבּ איז שטיל אַריין צו זיך אין בית־דין־שטוב געבליבן זיצן בּאַם אָפענעם פענצטער. די לבנה איז ערגעץ געבליבן שטעקן הינטער די הייזער, געלאָזט נאָך זיך פאַרגליווערטע פלאַמען. אין דער גרויקייט האָבן שטערן געבּליִנצלט, זיך געלאָשן, פאַרצויגן די וועלט מיט שאָטנס.

עס זענען אָנגעפאָרן צוויי וועגעלעך מיט מילך, זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויז. די מילכלייט האָבן זיך איבערגערעדט פון איין וועגעלע אין צווייטן און אין דעם בּאַגינען האָט עס געקלונגען, ווי מאַן־ווייב כאַפּן אַ שמועס אין דער דריטער אשמורה.

די שול מיט די מירמלשטיינערנע פליטן, מיטן אייזערנעם טויער,

וואָס האָט זיך געגרויט קעגנאיבער דעם רבס פענצטער, איז געשטאַנען אַ פאַרהאַקטע, אַ טויטע.

דער רב האָט געקוקט אויף דער געביידע און געטראַכט, אַז יידישקייט גייט אין אַמעריקע אונטער — ס'גייען פאַרביי וואָכן און מען קומט נישט מיט קיין שאלה.

לאה, דעם רבס ווייב, איז אַראָפּ אַ באָרוויסע אין נאַכט-העמד. זי האָט זיך צוגעטוליעט צום מאַן, געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און אַ באַזאָרגטע זיך געפרעגט:

— וואָס מאַכט דער טאַטע, שלום? בעסער? גיי לייג זיך, ביסט דאָך לעצטע נאַכט אויך נישט געשלאָפן!

— שלעפערט מיך נישט, לאה. זעסט, ווי די שול פוסטעוועט קעגנאיבער?

— וואָס אים ליגט אין זינען? עס איז דאָך נאַכט! וואָס האָסטו געוואָלט, מענטשן זאָלן באַנאַכט אויך זיצן אין שול? געווען, אַז מתים זענען דאָרט פאַראַן.

— און ווער קומט באַטאָג אין שול אַריין? אויך מתים. גאָטס הויז פוסטעוועט, און איך, דער כהן-גדול, היט אַ ליידיקן ארון-קודש. ווייסטו כאָטש, אַז איך שלעפּ קוים צונויף אַ מנין אַלטע לייט און דאָס אויך נישט שטענדיק? און אַז מיין ברודער פישל, דער פושע-ישראל, רעדט אין מעדיסאָן סקווער, קומען אים צוואַנציק טויזנט אַרבעטער הערן. לאָזן אַלע רבנים פון ניו יאָרק פּרובירן צונויפרופן כאָטש צען טויזנט יידן... כ'מיין, די יידן זאָלן הערן תורה, תורה זאָלן זיי הערן... מ'וועט נישט קומען, לאה!

— ס'יידישקייט גייט נאָך נישט אונטער אפילו אין אַמעריקע, — האָט לאה צוגעלייגט ס'פּנים צום מאַנס באָרד — און ווער איז דאָס מחויב צו פאַרזאָרגן אַ וועלט? גלייב מיר, שלום, אַז מיר וועלן שוין ווי-עס-איז בכבוד דורכשטופן אונזערע פאַר יאָר...

באַם ערשטן קלונג פון טעלעפאָן האָט דער רב אַ כאַפּ געטון ס'טרייבל אין דער האַנט, עס געהאַלטן אַ ווייל. ער האָט מורא געהאַט עס צוצושטעקן צום אויער, און אַז ער האָט עס צוגעלייגט, האָבן די הענט זיך באַ אים גענומען וואַרפן.

— וואָס, שלום?

— נאָך אַלעמען.

די פּלייצעס באַ לאַהן האָבן זיך געקאַרטשעט הינטער דעם דינעם גאַכט-העמד. זי האָט זיך פונאַנדערגעווײנט שטיל און שפּיציק. טרערן זענען געפאַלן אויפן רבס באָרד, אויף זיינע הענט. ער האָט נישט גע-טרייסט ס׳ווייב, נישט באַרויקט, לייכט זיך אַרויסגעדרייט פון אירע הענט, גענומען דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קאָפּ און איז פאַמעלעך אַרויס פון שטוב.

הינטערן פענצטער איז דאָס געוויין געוואָרן נאָך שטילער, פאַר-שפּיצטער, געסיקעט אין דער נאַכט ווי אַ נאָדל-פאָדים, וואָס פאַרנייט אַ צעשניטן לייב.

דער רב איז געגאַנגען איבער די פינצטערע, ליידיקע גאַסן טריט באַ טריט, נישט געטראַכט, וואָס דער פאָטער איז געשטאָרבן. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פונם ברודער, וואָס זיצט אוודאי איצט באַם מת און מיט וועלכן ער, שלום, האָט זיך שוין צען יאָר נישט געזען. לעצטנס איז פישל גאָר משוגע געוואָרן. מ׳שמועסט, אַז דאָס ייִנגסטע קינד האָט ער נישט מל געווען און אָנגעטאָן אַ נאָמען צו טון ישראל נאָכן ייִדן, רופט ער עס לעניץ. די אַלע רעדערייען האָבן זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל, געהאַט ספקות. וואָס-וואָס, אַ משומד-להכעיס איז דאָך פישל נישט.

באַם רב איז לעניץ געווען טריפהנער, ווי טיטוס. טיטוס האָט אָפּ-געווישט ארץ ישראל און דער קאַצאַפּ וויל חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט. ס׳אַרומיקע לעבן האָט זיך באַם רב געטיילט אין צווייען. ער, דער רב שלום, פאַרטרעט איין העלפט און זיין ברודער פישל די צווייטע, ער וועט עס אים זאָגן נאָך היינט, שווערן באַם טאַטנס געביין, אַז ווי לאַנג פישל וועט נישט תשובה טון, קען צווישן זיי קיין שלום נישט זיין. ער איז נישט דער ערשטער רשע. מען וועט אים אויך איבערלעבן.

די מחשבות האָבן דעם רב צוגעגעבן קוראַזש. ער האָט גענומען גיין שנעלער, געשטעלט דעם שטעקן אויף אַ פריער און זיך צוגעהערט, ווי די אייזערנע סקיווקע פונם שטעקן הילכט אָפּ איבערן טראָטואַר, חזרט איבער זיינע ווערטער.

ער האָט אַליין נישט געקענט שלום מאַכן, אַז זיין ברודער פישל זאָל זיין אָט אַזאַ אַ... אויס, אַליין אויס... ער, שלום, האָט קיינמאָל נישט פרו-

בירט אַ רעד צו טון מיט פישלען... טאָמער... ווי זאָגט די גמרא, אַ ייד אַ פושע ישראל און אַ גוי אַ נביא, איז נאָך אַלץ נישט גלייך. ווער איז דער, וואָס האָט זיך געוואָלט מגייר זיין? יאָ, אונקלוס, טיטוסעס שוועסטערקינד האָט זיך געוואָלט מגייר זיין, ער האָט דורך כשוף אַרויסגערופן טיטוסן, געפרעגט באַם פעטער אַן עצה. דער פעטער האָט נישט גאָר אָפּגערעדט, נאָר ער האָט אים געהייסן רודפן יידן. בלעם, דאָס זעלבע. האָט אונקלוס אַרויסגערופן יעזוסן, יעזוס האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין בעסערע אומה ולשון, ווי די יידישע.

דער רב איז אַריין אין קאָרידאָר. אַ חלשות-ריח האָט אים אַ וויש געטון איבערן פּנים, דערמאַנט, אַז דער פאָטער איז טויט. ער איז וויי־כער געוואָרן, נאָכגיביקער. איצט האָט אים פאַרקוועטשט באַם האַרץ. די אויגן זענען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַזאַ הייסקייט, אַז ער האָט נישט געזען, וואו ער גייט.

אין שטוב האָבן זיך געדרייט פרעמדע מענטשן. צוקאָפּנס דעם מת האָבן געברענט צוויי ליכט אין פאַרטריפטע לייכטער. די פלעמלעך האָבן זיך געצויגן צום אָפענעם פענצטער. פישל איז געזעסן אויף אַן איבערגעדרייט קעסטל, געהאַלטן ס'פּנים אין די הענט און זיך קוים באַוואויגן. באַם רבס אַריינקומען האָט ער נישט אוועקגענומען די הענט פונם פּנים.

דער רב האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן. ער האָט אַ נעם געטון פון דער ספרים-פּאָליצע אַ משניות, געמישט, געבלעטערט, עס צוריק אוועקגעשטעלט און איינגעטענהט מיטן ברודער אָן ווערטער.

די הענט, ס'פּנים און דער עיקר די אויגן האָבן גערעדט, געטענהט, זיך נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון טיטוסען, וואָס האָט חרוב געמאַכט ס'בית המקדש, ירושלים. אַ לאַנד, געלאָזט אָבער אַ פאָלק. איצט, ווען ס'פאָלק איז חרוב, אויף דער ערד ליגט אַ מת, הערסט, פישל, אַ מת ליגט אויף דער ערד, וואָס דאַרפן מיר וויינען, וואָס דאַרפן מיר זאָגן „איכה"? דאָס איז שוין קיין חורבן אויך נישט!

פישל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיינע פאַרוויינטע אויגן האָבן דערזען דעם ברודער און ער האָט זיך אַ שטעל געטון:

— שלום.

דער רב האָט זיך צעפּיגטלט, אַריינגעכאַפּט די באָרד אין מויל

אריין, פאַרשטופּט ווי מיט אַ וויעבעטש. דאָס געשריי זאָל זיך נישט אַרויסרייסן און דורך די פאַרקוועטשטע ליפּן אָנגעהויבן זאָגן תהלים.

ער האָט אָנגעשפּאַרט די הענט אָן דער וואַנט, דעם קאָפּ אָן די הענט און זיך צעברומט. די פּלייצע האָט זיך אויסגעבויגן, זיך פאַרשפּיצט, געוואַקסן. די הענט האָבן פון זיך אַליין זיך אָפּגעלאָזט. די נאָז איז געוואָרן בלייך, לענגער און דער רב האָט זיך גענומען וואַקלען מיט אַ שיקל אין אויג.

פישל האָט אים דערכאַפּט, אַוועקגעזעצט אויפן בעט, געריבן די הענט, די שלייפן, און אַז דער ר׳ב איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך צעוויינט.

דורכן פענצטער האָט זיך אַרייַנגעריסן דער פרימאָרגן, זיך געשפּילט מיט די פּלעמלעך, געפּעלדלט דאָס שוואַרצע לײַלעך אַרום דעם מתס שטייפע פיס. די ברידער האָבן דערזען ווי ס׳לײַלעך רירט זיך און זיך אַ ריס געטון פון בעט. אויפן אָרט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז דער ווינט, געבליבן זיצן קעגנאַיבער, פאַרגעסן די שנאה און אין די אויגן איז געשטאַנען אַ פּחד — ער האָט דאָך נאָך געקענט לעבן דער טאַטע, ער האָט נאָך געקענט לעבן.

# מ ל כ ה ל ע

מלכּהלע האָט נישט געקענט שלאָפֿן. זי האָט זיך געדרייט אויפֿן ווייכן געלעגער, געזען דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, ווי די שטערן לעשן זיך, עס ווערט פֿינצטערער, די צעוואָרפֿענע לאַמטערנעס העלן־אויף און זיך געחידושט, וואָס זי פֿילט זיך אַזוי פֿריש.

אַ פֿרייד, וואָס לאָזט נישט שלאָפֿן אַ קינד, ווען עס דאַרף פֿאָרן צו גאַסט, האָט מלכּהלען נישט אָפּגעלאָזט אַ גאַנצע נאַכט, זי געטריבן פֿון בעט אַרויס.

אַ באַוואַקסן הינטל, וואָס איז געלעגן צופֿיסנס, האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די פֿאָדערשטע לאַפּקעס, פֿונאַנדערגעטרייסלט די ווייסע, געצוואָגענע קרייזעלעך און נאָכגעשפּרונגען דער באַלעבאָסטע.

מלכּהלע האָט אַ כאַפּ געטון דאָס הינטל אויף דער האַנט און אין אירע קאָלירטע פּאָדזשאַמעס זיך געלאָזט אין באָד־צימער. זי האָט זיך געדרייט אין שפּיגל, אויסגעגלייכט מיט די קישעלעך פֿון די פֿינגער די טיפֿע קנייטשן אַרום מויל, אויסגעגלעט די פֿעלדעלעך אונטער די אויגן, ווי זיי וואָלטן געווען דורכגענומען מיט אַ דינער נאָדל און באַשלאָסן, אַז פֿאַר אירע צוויי און פֿינפֿציק יאָר, זעט זי נאָך יונג אויס.

דער פֿאַרצויגענער נאָמען האָט איר געפּאַסט. נישט קיין הויכע, מיט שמאָלע הענט, נאָך שמעלערע פֿיס. הינטער די קנייטשן און פֿעלדעלעך פֿון דעם קליינעם פּנים איז געלעגן עפּעס קינדישס, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט צונויפֿפֿאָרן מיטן קאָפּ גרויע, צעשאָטענע לאָקן.

ס׳הינטל איז גרייט געווען צו בילן אויף די צוויי שטראָמען וואַסער, וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט אַ קלימפּער איבער דער ווייסקייט פֿון דער וואַנע. מלכּהלע האָט געדרייט דעם הינטל די אויערן, אַריינגערעדט אין אים, ווי אין אַ צעפּיעשטשעט קינד:

— מיר וועלן זיך אָפּבאָדן, נעלי, אָפּעסן אָנבייסן און אַוועקגיין צום פּעטער. עס זאָל דיר אַמאָל נישט איינפאַלן זיך צו וואַרפן אויף אים, ווי דיין באָבע, ביוטי האָט זי געהייסן, האָט געטון. דער פּעטער איז אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. איצט איז שוין זיין באָרד אוודאי גרוי. כ'וואָלט דיך אפילו נישט געדאַרפט מיטנעמען, נעלי. דער פּעטער האָט נישט ליב קיין הונט — ער איז אַ פרומער. זאָגסטו מיר צו, נעלי, אַז דו וועסט זיך אויפפירן לייטיש? זאָלסט זיך אַוועקלייגן אין אַ ווינקל, ליגן רויק און דער עיקר נישט בילען, הערסט, נישט בילען?

מלכהלע האָט געפּלאַפּלט, אַריינגעטענהט אין דעם הינטל מיט די קליינע בורשטינענע אויגן, געהאַלטן אין איין פּרובירן צי ס'וואַסער איז לעבלעך און אָנגעגרייט ליילעכער און האַנטיכער.

זי האָט געוואוינט אין דער דריי און דרייסיקסטער גאַס וועסט און דער פּעטער אויף פּיטקין עוועניו, בראַנזוויל. דאָס פאָרן אָבער צו אים, וואָס האָט געדאַרפט דויערן ווייניקער ווי אַ שעה, האָט בא איר אויסגע־וויזן, ווי אַ רייזע אין דעם פּוילישן שטעטל, פונוואַנען זי איז געקומען. ווייל פאַר די עטלעכע און צוואָנציק יאָר, וואָס דער פּעטער איז געווען אין אַמעריקע, האָט מלכהלע זיך מיט אים איינגאַנצן דריי מאָל געזען.

דעמזעלבן טאָג, ווען דער פּעטער איז אַריבערגעקומען פון איירא־פּע, האָבן זיי זיך צעקריגט. מלכהלע האָט אים אַריבערגעבראַכט. זיך גע־טרייסט, אַז מיטן פּעטער וועט זי נישט זיין אַזוי עלנט, וועט מיט דער צייט פּטור ווערן פון איר „פּרנסה" און געהאַט אויפן אויג אַ געשעפט פאַר אים.

דער פּעטער, אַ חסיד, אַן עקשן, האָט זיך אויפן אָרט געכאַפּט מיט וואָס פאַר אַ „סחורה" מלכהלע האַנדלט און ער איז צוגעשטאַנען צו איר:

— ווייסט כאַטש, מלכהלע, וואָס דו טוסט?

— אויב מיין פּרנסה געפעלט דיר נישט, פּעטער, קענען מיר זיך אָט שוין צעגיין. מאַן־ווייב גייען זיך פונאַנדער, קען מען מיט אַ פּעטער אוודאי זיין פונוויטנס.

— און אַז דיינע טאַטע־מאַמע ליגן נישט רויק אין קבר, ווייסט כאַטש?

— און מיר דאָ אויף דער ערד, פּלאָגן זיך ווייניק?

— חצופה!

מלכהלע האָט פאַרשוויגן, אפּנים געוואוינט געווען, מען זאָל זי זידלען. די פּרנסה האָט עס מיטגעבראַכט.

מער האָבן זיי נישט גערעדט צווישן זיך. דער פעטער האָט אַכאַפּ געטון זיין געפלאָכטן קוישיקל, וואָס איז נאָך געשטאַנען אַ פאַרשנורעוועטס, און זיך געלאָזט צו דער טיר מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ביוטי, נעליס באָבע, האָט זיך מיט אַ בילעריי געוואָרפן דעם פעטער צווישן די פיס.

די ערשטע צייט האָט מלכהלע דעם פעטער פון אויג נישט אָפּגעלאָזט. לאַנדסלייט האָבן איר איר איבערגעגעבן, וואו ער אַרבעט, וויפיל ער פאַרדינט. און אַז דער פעטער האָט אַראָפּגעבראַכט ס'ווייב מיט די טעכטער, האָט מלכהלע אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט צופאָרן, וועט זיך איבערבעטן מיט אים.

ווי זי האָט נאָר איבערגעטרעטן זיין שוועל, האָט דער פעטער זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, נישט געגעבן קיין געלעגנהייט זיך צו באַגריסן מיט דער מומע און זי אַרויסגעפירט הינטער דער טיר:

— הער, מלכהלע, ווי לאַנג דו וועסט אָנהאַלטן דיין פּרנסה, טאָרסטו מיין שוועל נישט איבערטרעטן! קיין תּירוצים, מלכהלע! ווילסטו כ'זאָל זיין דיינס אַ פעטער, טו תּשובה. דעמאָלט, ווען דו וועסט זיך אָפּזאָגן פון דיין „פּרנסה“, וועט מיין הויז זיין פאַר דיר אָפן!

ער האָט זי געלאָזט שטיין און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. צי פון בושה, צי פון כעס — מלכהלע האָט נישט געקענט טרעפן אין קאָרידאָר אַריין, זיך געווישט די פאַרשלאָפענע אויגן און אין דערזעלבער צייט האָט אַ שמייכל זיך ערגעץ געקניפּט בײַ איר אונטערן האַרץ, אַז דער פעטער איז אַ נאַרישער, קליינשטעטלדיקער ייִד, און אַז זי וועט אַוועק פון דער ביזנעס, איז וואָס? די גאַנצע געגנט, וואו מלכהלע וואוינט, איז דאָך פול מיט „הייזלעך“, האָט עס אַ באַטרעף צו זי, מלכהלע, וועט אַוועק, צי נישט?

זי האָט זיך נוקם געווען אָן פעטער. גענומען זיין עלטסטער טאָכטערס בילד און עס אַריינגעשטעלט אין דעם אַלבאָם צווישן די אויסגעלאַסענע מיידלעך. די געסט זענען צוגעשטאַנען צו מלכהלען, פאַרלאַנגט דאָס יונגע מיידל מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן, זי האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן און בײַ זיך געטראַכט, אַז זיי וועלן קריגן אַ פייג.

עס איז פֿאַרביי אַ יאָר, צוויי.

אומדערוואַרט איז דער פֿעטער צו איר אַריבערגעקומען מיט קולות. אַ יונגערמאַן האָט זיך נאָכגעשאַרט.

— זעסט דעם יונגנמאַן? — האָט דער פֿעטער זיך אַ בייג געטון איבער מלכּהלען — דאָס איז מיין חנהלעס חתן! דעם יונגנמאַנס אַ ברודער, וואָס קומט דאָ צו דיר אַריין, הייסט אַפּלאָזן דעם שידוך, ער טענהט, אַז ער האָט געזען חנהלעס בילד צווישן דיינע אויסגעלאָסענע מיידלעך, וויל איך, דו זאָלסט אים זאָגן אין די אויגן, צי ס'איז אמת?

— ווי נאָך האָט אייער ברודער געקענט זען מיין פֿעטערס טאָכטער, — איז מלכּהלע געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענע, — אַז איך אַליין האָב זי נאָך נישט געזען?

— כ'מיין ס'בילד אירס!

— ס'בילד האָט ער געקענט זען, אָט איז עס — האָט זי אַן עפֿן געטון אַן אַלבאָם.

דער פֿעטער האָט זיך אַ וואָרף געטון מיט ביידע הענט אויפֿן בילד, געשלעפּט נאָך זיך דעם חתן און איינגעטענהט אין אים:

— האָב איך דיר געזאָגט! האָב איך דיר געזאָגט!

מער האָט מלכּהלע דעם פֿעטער נישט געזען. וואָכן און יאָרן האָבן זיך פֿאַרבייגערוקט. דאָס הינטל ביוטי האָט געבוירן פּרינסעו, פּרינס האָט געבוירן נעלין און אַז נעלי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט מלכּהלע אויפֿגעגעבן איר פּרנסה.

דאָס אַלץ האָט מלכּהלען נישט געלאָזט שלאָפֿן. באַלד נאָכן אָנ־בייסן האָט זי אָנגעטון נעלין אַרום האַלז דאָס לאַנגע זילבערנע קייטעלע, געכאַפּט די ערשטע טעקסי און געפֿאָרן אָנזאָגן דעם פֿעטער די בשורה.

אַרום אַכט אַ זייגער איז די טעקסי אַריינגעפֿאָרן אין פּיטקין עוועניו. דאָ איז שוין געווען גרויסער טאָג. מענטשן האָבן זיך געדרייט איבער די געוועלבער, געגאַנגען פֿון איין וועגעלע צום צווייטן, וואָס זענען גע־ווען צעשטעלט פֿון ביידע זייטן גאַס. אויף די טראָטוואַרן האָט מען סאָר־טירט גרינוואַרג, אויבס און דער מאָרגן האָט געפּראַלט איבער די צוויי־שטאָקיקע הייזלעך.

מלכּהלע האָט זיך געטראָגן איבער די טונקעלע טרעפּ, געפֿירט

בעלן אויפן קייטעלע. זי האָט געזוכט די טיר, זי געפונען אַן אָפענע און איז אַריינגעגאַנגען.

אויפן דיל איז געלעגן אַ מת, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער פלאַכ־טע. צוקאָפּנס ליכט. יינגערע און עלטערע פרויען, אויסגעמאַטערטע פון וויינען, זענען געזעסן אַרום דעם מת. אַ שכנטע איז אַנטקעגנגעקומען צו מלכּהלען:

— אַזאַ טייערער, אַפּגעהיטענער ייד...

די שטוביקע האָבן זיך אַ שטעל געטון, גאַרנישט געזאָגט, בלויז די אויגן, פאַרוויייטיקטע, האָבן געקוקט אויף דער פאַרשייטער מלכּהלע, גע־קוקט אויפן הונט מיט אַזאַ רוגזה, אַז די שמאַלע מלכּהלע איז שמעלער געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעדרייט, אַ ריס געטון דעם הונט, וואָס האָט זיך פאַררוקט, און איז אַרויס פון הויז מיט אַ געוויין:

— צו שפּעט!

# נאָכן זומער

שוין אַ חודש, ווי דער זומער־עולם איז זיך צעפאָרן פון די פאַרמס, וואָס אַרום אָלדבורג. די פאַרהאַוועטע קרעמער, וואָס האָבן דריי חדשים נישט געוואוסט פון קיין טאָג, פון קיין נאַכט, זענען איצט געשלאָפן אַ שטיק אין טאָג אַריין. זיי האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך די טיפע שטילקייט, באַטראַכט די צעוואָרפענע הייזלעך און אַליין נישט געגלייבט, אַז אָט ערשט האָט זיך דאָ אַזוי געטומלט.

פון וועלדער און וועגן האָבן זיך געטראָגן שטיקער שפינוועבס, געבלישטשעט אונטער דער זון, וואָס האָט זיך געזעצט אין די שויבן, געשניטן דעכער און טראָטואַרן אין לעקעכער.

דער לערער, משה קלינאָוו, האָט אויפגעשלאָסן די שול, וואָס איז געווען פאַרמאַכט אַ גאַנצן זומער. אַ שווערע טרוקענע לופט, דורכגעזאַפּט מיט שנאַפּס און פאַפּיראָסן, האָט אים אַ שלאָג געטון אין די שלייפן. ער האָט אויפגעפּראַלט די פענצטער, וואָס זענען געגאַנגען אויף דער לאָנקע און געטראַכט, אַז די באַלעבאַטים האָבן דורכן זומער זיך אַריבערגעכאַפּט אין דער שול שפּילן אַ קערטל.

דער זוניקער פאַרנאַכט, וואָס האָט זיך אַריבערגעפּעקלט נאָך מערב, האָט נאָך פאַרטשעפּעט אַ שטיק פענצטער פון דער שול און עס אַריבערגעטראָגן אויף דער גרויער וואַנט.

קלינאָוו האָט אָפּגעשטויבט מיט אַ שמאַטע די בענקלעך, דעם טיש, ער האָט אָנגעוואָרפן די צעריסענע לער־ביכלעך אין אַ שטויס, גענומען אויסגלייכן מענדעלען, פּרצן, שלום־עליכמען, וואָס האָבן זיך אויסגעבויגן אויף די ווענט און געווען זיכער, אַז די תּלמידים האָבן פאַר די זומער־חדשים אַלץ פאַרגעסן.

אַ באַלייבטער, מיט אַ קאָפּ קאַשטאַן־האָר, מיט אַ ווייך, ווייבעריש

פּנים, האָט קלינאָוו געשפּרייזט איבערן צימער, געטריבן מיט די הענט, מיט די אָנגעבלאָזענע ליפּן דעם שטויב, די פאַרדומפּטע ריחות און זיך געערגערט. ער האָט נאָך פּאַר אַ יאָרן אָפּגעמאַכט נישט צו בלייבן מער אין אָלדבוירג, וואו אַכט חדשים אין יאָר איז ער געווען לערער. און אויב ער האָט עפּעס אָפּגעשפּאָרט, האָט ער עס נישט נאָר אויפגעגעסן דורכן זומער, — ער האָט זיך נאָך פאַרשולדיקט.

ווילדע געגנז האָבן זיך געטראָגן הויך איבער דער לאָנקע, גע־פלויגן מיט אַ גודעריי, אָנגעזאָגט, אַז עס איז נאָכן זומער. קלינאָוו האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער, נאָכגעקוקט די געגנז און אַ רחמנות אויף די יאָרן זיינע, אויף די צעטרענצלטע יאָרן, האָט זיך געוועקט אין אים.

זיין חבר אין ניו־יאָרק איז פּאַר דער צייט געוואָרן אויפזעער אי־בער אַ גרויסער שול, חתונה געהאַט און ער, קלינאָוו, האַלט אַלץ באַם אָנהייב. מיט דריי יאָר צוריק, ווען ער איז אָנגעקומען נאָך אָלדבוירג, איינגעפּעדעמט די אַרבעט, איז ער זיכער געווען, אַז ער וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. היינט האָפט ער שוין מער נישט. די נאַקעטע ווענט, וואו באַלעבאַטים כאַפּן זיך בגנבה אַריין אויף אַ קערטל, אויף אַ גלעזל שנאַפּס, זאָגן גאָרנישט צו. אפילו די קלאַסיקער שטייען אויסגעבויגענע, ווילן זיך נישט אויסגלייכן אויף די טאָוולען. עס ציט קלינאָוון נאָך ניו־יאָרק, צווישן חברים, וואו מ'הערט אַ יידיש וואָרט.

זומער, ווען ער האָט געגעסן פון גרייטן, זענען אַזעלכע פינצטערע מחשבות נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. באַטאָג איז ער געשלאָפן און באַנאַכט שפּאַצירט מיט רבקהן, שלמה קצבס טאָכטער. קיין זאָרג, קיין דאגה. דער מוח איז געווען לופטיק, ווי אַ בלויער, טיפער הימל. אויף אַ ווייל? זיך נישט פאַרטראַכט צי ער וועט קענען מפרנס זיין אַ ווייב, ווייל נישט געווען קיין ספקות. נישט בלויז אַ ווייב, נאָר קינדער, אָן אַ שיעור קינדער, וואָס רבקה וועט אים געבוירן — פאַר אַלע וועט ער אַרבעטן. אַזוי נאַכט נאָך נאַכט. מ'האָט זיך געשאַרט איבער דער לאָנקע, פאַרקראָכן אין וועלדל, וואו טויזנטער באַשעפעניש זענען וואַך געווען פּונקט ווי ער. קיין זאַך איז נישט געווען צו שווער, נישט געשראָקן. דער איינציקער תכלית — רבקה זאָל וואָס פריער אין אָוונט אַרויס פון שטוב, בלייבן מיט קלינאָוון וואָס לענגער.

מיטן זומער איז אויך אוועק די זיכערקייט, די גבורה. קלינאָוו איז געשטאַנען אין פענצטער, געקוקט ווי קאַלירן בייטן זיך, האָבן ערגעץ פאַרשלעפּט די זון און די קילע גרויקייט האָט געאָטעמט מיט רעגן און שניי. און דווקא איצט, ווען ער האָט געקריגן פינף און דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך, איז אים באַפאַלן אַ פּחד, געטענהט צו זיך, אַז ער טאָר נישט חתונה האָבן, האָט קיין רעכט נישט צו פאַרדרייען אַ מיידל אַ קאָפּ. דערצו האָט זיך אַרום דער שול אָנגעהויבן רייסערייען. די קרעמער פון שטעטל האָבן זיך געטיילט אויף „לינקע", „רעכטע" און סתם יידן.

קלינאָוו מיטן גרויסן קאָפּ האָר האָט זיך אַליין נישט געקענט פוי-באַנדערקלייבן אין דעם סכסוך, נישט געוואוסט צו וועלכן צד מען דאַרף צושטיין. ער האָט זיך באַשולדיקט, געטענהט, אַז אַלצדינג האָט אים טעמפּ געמאַכט און זיך אַלץ אינאיינעם געקליבן קיין ניו-יאָרק. ער וועט זיך דורכרעדן מיט די וויכטיקסטע שול-טוערס, זיך איינקויפן אַ ביסל לי-טעראַטור וועגן דעם ענין און אַז ס'וועט באַ אַ מיטינג אויסברעכן אַ קריגעריי, וועט ערביידע צדדים אָפּשטעלן:

— רבותי, וואָס דאַרף מען זיך קריגן, צעברעקלען אונזערע אַזוי אויך שוואַכע כוחות?... לאָמיר זיך בעסער דורכרעדן! ווי זאָגט מאַרקס...

וואָס מאַרקס זאָגט, האָט קלינאָוו נישט געוואוסט. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ישראל בעקער, וואָס פאַרמאָגט הייזער און לאָסט-אויטאָמאָבילן, איז אַ „לינקער", און רבקהס טאַטע, שלמה קצב — אַ רעכטער. קלינאָוו האָט אָבער יאָ געוואוסט, אַז דער קצב האָט אַ שווע-רע האַנט. טוט ער אַ פּאַטש — שאָקלען זיך די ציין אין מויל. שלמה האָט שוין דעם לערער געגעבן אָנצוהערן, אַז אַרומשלעפּן זיך מיט אַ מיידל איז קיין תּכלית נישט. אַ יונגערמאַן פאַרדינט פינף און דרייסיק דאָל. אַ וואָך, דאַרף ער חתונה האָבן. ער, שלמה, האָט צו דער חתונה פאַרדינט צען דאָלאַר אַ וואָך און נישט צו פאַרזינדיקן, האָט אַן אייגן הויז און פאַרקויפט אין די זומער-חדשים ביז הונדערט „קופּ" עופות אַ וואָך.

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען דוואָרקין, דער אַפּטייקער פון שטעטל:

— חבר קלינאָוו, די „רעכטע" ציען זיך צוריק פון דער שול...

מיט אייך האָט עס אָבער גאָרנישט וואָס צו טון... אייערע שכירות וועט איר באַקומען ווי פריער. זיי גייען זיך אַראָפּבּרענגען אַ לערער. אַל־ראַיט! איין זאַך פאַרלאַנגען מיר פון אייך, חבר קלינאָוו, — האָט דער אַפּטייקער אַרויפגעלייגט בײדע הענט אויפן לערערס אַקסלען — איר זאָלט איבעררייסן מיט די רעכטע, נישט האָבן מיט זיי קיין מגע ומשא.

— כ׳מיין, חבר דוואָרקין, איר ווייסט דאָך, אַז כ׳גיי מיט רבקהן — האָט דער לערער נאַריש זיך צעשמייכלט און ווייט ערגעץ האָט אויפגעטיקט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון דעם מיידל.

— איז טאַקע נישט גוט — האָט דוואָרקין געעפּנט ס׳מויל ווי אַ פויגל און די ציין האָבן געבלישטשעט מיט גאָלדענע לאַטעס — איר פאָטער איז אונזערס אַ שונא. ער האָט זיך גאַר־וואָס געוואָרפן שלאָגן, דער בוטשער!

— אויף אייך?

— אויף מיר וועט ער זיך נישט וואַרפן, אויף ישראלן — דעם בעקער.

דן, דער גראָסערימאַן, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל האָט אַריינגעשטופּט אַ דערוואַקסן בחורל און אַליין זיך נאָכגעשאַרט אויף פלאַכע פיס. ער האָט דערזעען דעם אַפּטייקער און געוואָרן אויפגעהייטערט:

— ווי באַ אונז אין פּעטרושין, מיסטער דוואָרקין, ס׳זאָל פעלן אַ האָר. מען איז געגאַנגען קלייבן אַ רב, אַ חזן, אַ שוחט, שטענדיק צוויי צדדים, ס׳איז געקומען צו פּעטש. און באַ אייך, להבדיל, איז רעכטע און לינקע. און שלמהקע, מיסטער דוואָרקין, קאָן אַ פלאַם טון, האַ, האַ! נאָר וואָס מיר רעכטע, וואָס מיר לינקע, כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז מיין פיליפ — האָט ער געוויזן אויפן בחורל, וואָס איז נישט אויפגעשטאַנען, שוין געהאַט איבערגעוואָרפן אַלע לער־ביכלעך אויפן טיש, — ווערט אין דריי חדשים אַרום בר־מצווה, און דאָס קען קיין שייטל עברי נישט.

— דינגט אים אָן באַ מאָטל שוחט, וועט ער אים אויסלערנען — האָט דער אַפּטייקער אָן עצה געגעבן — חבר קלינאָוו גיט זיך נישט אָפּ מיט בר־מצווהס.

— איז דאָך מיינע גערעכט געווען, אַז ס׳איז אַן עבירה די פינפּערלעך — האָט זיך דער גראָסערימאַן געהיצט — וואָס האָט ער אויסגעערנט פאַר די צוויי יאָר? מוחל ס׳לידל, מוחל דעם „סאָנג“, געלעכטערס

אָבער אָן אַ זייט, וויפיל וועט עס מיך קאָסטן, דאָס צוגרייטן, מיין איך... כ׳מיין נישט אומזיסט... לאָז ער כאָטש וויסן, ווי מען טוט אָן אַ פּאָר תּפילין...

— כ׳זאָל אפילו וועלן, קען איך נישט דעם ניגון פון מפטיר — האָט דער לערער נאַריש געשמייכלט.

— מיט וואָס מען נעמט זיך איבער אין אַמעריקע ? ! — האָט דער גראָסערימאַן פעסטער פאַרצויגן ס׳פּאַרטוך און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַ רויט, קיילעכדיק פּנים מיט גרויסע שוואַרצע אויגן איז אויסגע־וואַקסן אין אָפענעם פענצטער. דאָס איז געווען רבקה. זי האָט דערזעען פרעמדע מענטשן, נישט געקאָנט צוריקכאַפּן דעם קאָפּ און זיך פאַרלוירן :

— מיסטער קליינאָוו, דער טאַטע האָט געבעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און אַריבערקומען.

— מיך ? — איז דער לערער רויט געוואָרן.

— צו דעם טויג ער זיך אויס — האָט דער גראָסערימאַן אַ וואונק געטון צום אַפּטייקער.

— געדענקט, וואָס כ׳האָב מיט אייך גערעדט — האָט דער אַפּ־טייקער איינגערוימט דעם לערער.

— איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

קליינאָוו האָט פאַרשלאָסן די שול, זיך פאַרקעמט די האָר און אַ נעם געטון רבקהן אונטערן אָרעם :

— צוואָס דאַרף מיך דער טאַטע ?

— דו ווייסט — האָט רבקה מיט איר יונג, שטייף לייב זיך אָנ־געשפּאַרט אָן אים.

— ער וויל טאַקע עפענען אַ רעכטע שול ?

— נאָר די שול ליגט אים אין קאָפּ ! — האָט זי כּלומרשט אַ ברוגזע אָפּגעוואָרפן פון זיך זיין האַנט.

— צו וואָס דען דאַרף ער מיך ?

— ער וויל אָפּשטעלן אַ חתונה — האָט זי זיך אַ שטעל געטון מיט די הענט אין די קעשענעס פון קלייד און ווילעריש פאַרריסן דעם קאָפּ — וואָס שווייגסטו ?

— ווילסט דווקא כ׳זאָל מאַכן געוואַלטן ? — האָט דער לערער גע־עפנט אַ פּאָר אויגן און עפּעס דערזאָגט מיט די הענט.

— קיינער צווינגט דיך נישט! — איז רבקה געגאַנגען מיט אַ נאָז.

דער קצב מיטן ווייב האָבן דעם לערער באַזעצט אויבנאָן. מען האָט גענומען צו פּירטל גלאָז שנאַפּס, וואָס איז געווען איבערגעקאָכט מיט פּאָמעראַנצן־שאָלעכץ, פאַרביסן מיט היימישן וואורשט. מען האָט זיך צערעדט וועגן דער אַלטער היים, וועגן אַלדבוירג, ווידער אויסגעטרונקען, און אַז עולם פון „רעכטע״ האָט זיך גענומען קלייבן, איז דער קאָפּ באַ קלינאָוון מער נישט איינגעזעסן אויף די אַקסלען, זיך געהויבן ווי אויף רעסאָרן. אַ וואַרימקייט איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע גלידער, פאַרטריבן די מורא חתונה צו האָבן, און די זיכערקייט, אַז ער וועט קאָנען שפּייזן אַ ווייב מיט קינדער, איז פעסט אין אים געזעסן. ער האָט אַ נעם געטון רבקהן פאַר דער טאַליע און זיך צעזונגען:

— לאָמיר אַלע אינאיינעם, אַל—לע אינ—איי—נעם...

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט:

— חתן־כלה מקבל פּנים זיין! חתן־כלה מקבל פּנים זיי—יין!...

# אָפּגענאַרט זיך

מלכּהלע, אַ קליינשטעטלדיקע גבירטע, איז שוין דעם דריטן טאָג געווען אין וואַרשע. זי איז געקומען קויפן דער בת־יחידה אירער אַ פוטער.

אַ ווייטע קרובה, אַ וואַרשעווערין, האָט געפירט מלכּהלען מיט דער טאָכטער אויף מעדען־גאַס. זיך אָפּגעשטעלט פאַר יעדן פוטער־געשעפט, באַטראַכט די אויסגעאַרבעטע פעל, וואָס זענען געלעגן אין די פענצטער, באַטראַכט די פעלצן, וואָס זענען געהאַנגען אויף וואַקסענע פיגורן און נישט איינמאָל איינגערוימט דער גבירטע:

— הלוואי, מלכּהלע, קענסטו עס געבן דער טאָכטער דיינער נדן, וויפל דאָס ביסל פוטערוואַרג איז ווערט.

— וויפל אַ שטייגער קאָן באַטרעפן אַזאַ וויסטאַווע?

— אין די טויזנטער דאָלאַר, מלכּהלע קרוין! — האָט ס׳פּנים בײַ דער וואַרשעווערין געלויכטן, ווי די דאָלאַרס וואָלטן באַלאַנגט צו איר.

— אַמעריקאַנער?

— אַמעריקאַנער, ווי דען?

די ווייטע קרובה, די וואַרשעווערין, אַ שטיקל שדכנטע, אַ שטיקל מעקלערין, האָט געוואוסט יעדן סוחרס יחוס, געוואוסט וויפל יעדער פאַרמאָגט, צי דער סוחר איז אַ חסיד, צי אַ „דייטש“, וויפל נדן ער גיט אַ קינד, מיט וועמען ער האָט זיך משדך געווען און דער עיקר איז זי קלאָר געווען אין די פרעמדע געלטער און חובות. בײַ דעם גאַנצן וויסן איז זי געגאַנגען אין אויסגעדרייטע שיך און צוויי, דריי טעג אַ וואָך צוגעהונגערט מיט די קינדער.

אויף עק מעדען־גאַס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, פאַרהאַלטן מיט איין האַנט מלכּהלען, מיט דער צווייטער — די טאָכטער.

אין אַ פענצטער, גרויס ווי אַ האַלבע וואַנט, זענען געווען אויסגע־שטעלט טיף־האָריקע פוקסן, ביבערן באַשטויבט מיט זילבער, וועווערקעס זענען געווען אָנגעשאָטן אין צוויי בערג און די ווייכע גרויקייט, דורכ־געוואָרפן מיט טונקל־געלבלעכע פלעקן, האָט געגלעט דאָס אויג מיט אַן אָנגענעמער וואַרעמקייט.

— אָט אָ דאָ, מלכהלע, וועלן מיר אַריינגיין, — האָט די קרובה געוויזן אויפן פענצטער — אין אַזאַ געשעפט ביסטו זיכער, אַז מ'וועט דיך נישט אָפּנאַרן, ס'איז רעיעל.

ס'האַרץ האָט מלכהלען געזאָגט, אַז דאָס געשעפט איז צו רייך. די מעשענע האַנטאַבעס אויף די מאַסיווע טירן, האָבן געפינקלט. דער אַריינ־גאַנג האָט מער אויסגעזעען פון אַ באַנק, ווי פון אַ פוטער־געשעפט. אַרום איז געווען שטיל, מ'האָט נישט געזען דורכן פענצטער, דורך די שויבן־טירן קיין לעבעדיקן מענטש.

— טאָ לאָמיר אַריינגיין — האָט מלכהלע געזאָגט מיט אַ האַלב קול.

דאָס פוטער־געשעפט, וואו איבער דער ברייט פון פענצטער איז געווען אויסגעדריקט מיט גאָלדענע אותיות: „גאָלדמאַן און זין", האָט פאַרנומען דעם גאַנצן אונטערשטן גאָרן. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן נישט געקענט צעטרייבן די טונקלייט, וואָס האָט געהאָנגען איבערן געשעפט, אַרויסגע־קוקט פון די ווינקלען. שורותווייז זענען געשטאַנען מיידלעך מיט פאַררי־סענע קעפּ, צונויפגעצויגענע ליפּן, ווי זיי וואָלטן פאַרגליווערט געוואָרן. טייל אָנגעטון אין שוואַרצע פינקלדיקע פעלצן, אַנדערע אין האָריקע טכוירן, אין סויבלען, אין זשאַקעטן פון וועווערקעס. פון די ווינקלען האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ פון פוקסן. אַ וואָלף, מיטן עק צווישן די פיס, איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, די ציין אויסגעשטשירעט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַ שפּרונג טון אויף עמעצן.

מלכהלע מיט דער טאָכטער האָבן זיך פאַרלוירן, געבליבן שטיין בײַ דער טיר, געוואָרפן מיט אויגן אויף די שטיקער פוטער, אויפן אייגע־נעם הילוך און די פראָווינצער גבירטעס האָבן זיך דערפילט אָרעם.

בלויז די קרובה, די וואַרשעווערין, איז געווען דרייסט. זי האָט זיך געהאַלטן, ווי אַ היימישער מענטש, באַטאַפּט די פעלצן און נישט גע־

וואָרן הינטערן טאָנבאַנק. באַלד איז זי אַרויסגעקומען מיט דעם אייגנטי־מער, נאָך גאָר אַ יונגן.

— פאַניע גאָלדשטיין, — איז די וואַרשעווערין נישט אייגעשטאַ־נען — איר האָט דאָך אוודאי געהערט פון די קאַהאַנעס?

— די פּלינסקער?

— יאָ. דאָס איז מאַדאַם קאַהאַנע און דאָס איז איר טאָכטער, — האָט די וואַרשעווערין זיי פאָרגעשטעלט — ס'איז מיינע אייגענע און כ'וויל איר זאָלט זיי גוט באַהאַנדלען.

— מיר באַהאַנדלען יעדן קונד רעיעל, — האָט דער אייגנ־טימער זיך העפלעך פאַרנייגט — וואָס פאַר אַ פוטער ווינטשט זיך אייער טאָכטער?

— כ'וואָלט געוואָלט וועווערקע געפּוצט מיט טכויר, — האָט די טאָכטער אַ זאָג געטון און אירע רויטלעכע באַקן האָבן זיך פאַר־פלאַמט.

— איר ווילט דאָך נישט קיין אימיטאַציע? — האָט דער אייגנ־טימער געשמייכלט.

— אָפּגעהיט, — האָט מלכהלע געמאַכט אַ מינע, ווי מ'וואָלט זי געוואָלט באַליידיקן.

דער סוחר האָט אַראָפּגענומען אַ פוטער, עס קונציק אָנגעטון דעם מיידל. ער האָט זי אַריינגעשטעלט צווישן צוויי שפּיגלען, זי זאָל זיך זעען פון פאָרנט און פון הינטן.

דאָס צו־רייכע געשעפט, די אָנגענעמע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונם יונגן סוחר, די ווייכקייט פון פוטער, אַלץ האָט אַזוי צעטומלט דאָס מיידל, אַז זי האָט נישט געהערט, וואָס די מוטער רוימט איר איין אין איין אויער און וואָס די קרובה אין צווייטן.

— וויפיל קאָסט ס'פוטער? — האָט מלכהלע זיך געפרעגט.

— צוויי הונדערט דאָלאַר.

— דאָלאַרן גאָר? — האָט מלכהלע געעפנט אַ פּאָר אויגן — אין וואַרשע האַנדלט מען שוין אויף דאָלאַרן?

איר זאָלט טאַקע וויסן, מאַדאַם קאַהאַנע, אַז מיר צאָלן אויך מיט דאָלאַרן.

— יאָ, מלכהלע, — האָט די וואַרשעווערין צוגעהאָלפן — באַ

אונז האָבן די פּוילישע גילדן גאָר קיין ווערט נישט, דער גאַנצער מסחר גייט אויף דאָלאַרן.

— באַ מיר, פּאַניע גאָלדמאַן, זענען גילדן גאָר קיין בבל נישט — האָט מלכהלע מיט די רייד צוגעקריגן קוראַזש — כ׳וואָלט נאָר געהאַט אַזוי פיל טויזנטער גילדן, וויפיל פוטערס איך וואָלט געקריגן געקויפט טאַקע באַ אייך. איז, הייסט עס, וויפיל ווער זיין דער לעצטער פּרייז?

— טו אויס, טאָכטער, צו טייער, — האָט מלכהלע צונויפגעשנירלט די ליפּן און געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין.

די טאָכטער, אַ פאַרליוירענע, האָט געקוקט אויף דער מוטער, גע־קוקט אין שפּיגל, וואו זי האָט זיך געזען אין פוטער מיט אַזוי פיל שיק, מורא געהאַט, דער אייגנטימער זאָל זי נישט אָנזידלען און זיך גע־רויטלט. די מוטער האָט איר געהאָלפן אויסטון ס׳פוטער, זיך פאַרענט־פערט:

— אַנטשולדיקט, וואָס כ׳האָב באַ אייך צוגענומען צייט... צו טייער פאַר מיר...

— דאָס איז גאָרנישט, — האָט דער אייגנטימער געשמייכלט און זי מער נישט פאַרהאַלטן.

— מאַדאַם קאַהאַנע, איר קאָנט טאַקע נישט צוקלייבן פאַר אייער טאָכטער קיין פוטער באַ מיר? — האָט אַ גרויער ייד אָפּגעשטעלט מלכהלען באַ דער טיר — ווייסט איר כאָטש, אַז מיר זענען ווייטע מחותנים?

— מיט אייך? — איז מלכהלע געוואָרן איבערראַשט.

— געוויס, — האָט די וואַרשעווערין אַ כאַפּ געטון מלכהלען פאַר די הענט — און איך נאָר האָב זיך אַליין נישט געכאַפּט! די מומעשי, שרהלעס טאָכטער, האָט דאָך גאָלדמאַנס זון פאַר אַ מאַן! יאָ, אוודאי מחותנים.

— דאָס זאָג איך דאָך!

— איר האָט נישט געקענט משווה ווערן מיט מיין זון — האָט דער אַלטער גאָלדמאַן אַ נעם געטון ס׳פוטער און גערעדט מיט אַ ברייטער אויס־שפּראַך — וועט איר משווה ווערן מיט מיר. לאָז זי נאָר אָנמעסטן... פאַרן אָנמעסטן וועט איר מיר נישט באַצאָלן... ס׳ליגט דאָך, ווי אויסגע־גאָסן... וויפיל האָט מיין זון אייך געזאָגט?

— צוויי הונדערט דאָלאַר.

— צי איר וועט יאָ קויפן, מאַדאַם קאַהאַנע, צי נישט — האָט מען געקענט ציילן גאָלדמאַנס גבירישע רייד און דאָס אויסגעקלערטע פּנים האָט געלויכטן — איז מיר אַלץ איינס... מיר רעדן קיין קונה נישט איין... באַם איצטיקן יקרות איז עס אַ מציאה, אַלאַ, וואָס דען? אַז איר זענט אַ קאַהאַנע און מיר זענען מחותנים, וועל איך שוין זען איר זאָלט קויפן אייער טאָכטער ס׳פּוטערל. איר דאַרפט נישט ציען דעם קאָלנער, דאָס איז גאָרנישט! וואָס זאָגט איר? ס׳בעט זיך מ׳זאָל אַ הייב טון דעם אַקסל? ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן! קנעפּלט צו. אָט אַזוי, נו, נו, וואָס פעלט דאָ? דער מענטש באַקומט אַן אַנדער אויסזען... עפּעס פּריצישס, נישט אמת? אַ שיינע טאָכטער באַ אייך, מאַדאַם קאַהאַנע... ווען כ׳קריג פאַר מיין יינגסטן זון אַזאַ מיידל...

— אויב שוין יאָ מחותנים, פּאַניע גאָלדמאַן, — האָט די וואַרשע־וועריין זיך געדרייט, ווי אַ פיש אין וואַסער — לאָמיר טאַקע ווערן אמתע!

— פירט טאַקע דורך, לאַהלע, וועט איר פאַרדינען מער, וויפיל ס׳פּו־טער איז ווערט — האָט דער אַלטער געקוקט אויף מלכהלען און סתּם זיך געשמאָלצן פון נחת.

— פאַרלאָזט אייך אויף מיר, פּאַניע גאָלדמאַן.

מלכהלע האָט זיך פאַרלוירן, די טאָכטער האָט זיך געררויטלט. מאַ־מע־טאָכטער האָבן נישט געקאָנט קוקן דעם אַלטן סוחר אין די אויגן, נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. די קליין־שטעטלדיקע גבירטע האָט געטראַכט, אַז ס׳איז דאָ אַ געלעגנהייט זיך איינצוקויפן אין יחוס, זיך אַרויסרייסן פון דער פּראָווינץ. די קרובה, די טאָכטער, ביידע זענען צו־געשטאַנען, מלכהלע זאָל קויפן ס׳פּוטערל. און צו דער טאָכטער האָבן גע־שמייכלט אַזוי פיל מיידלעך אין פינקלדיקע פעלצן, אין ברויגלען־גאָלדע־נע, אין טיף־האַריקע טכוירן. די אַלע פעלצן וועלן זיין אירע. זי וועט יעדן טאָג קאָנען אָנטון אַן אַנדערן. און דער וואָלף שאַרפט די ציין, רייסט זיך פון דער פעל, די שפּיגלען בלענדן. אַלע רעדן מיטאַמאָל. מ׳דרייט זי פון איין שפּיגל אין צווייטן, מ׳באַגלייט זי צו דער טיר.

אויף דער גאַס האָט די פרייד ביסלעכוויז גענומען פאַרשווינדן. די קרובה האָט זיך אַלץ געטומלט, מלכהלע האָט געהאַלטן, אַז זי האָט אי־

בּערגעצאָלט, אַז דער וואַרשעווער שאַכער האָט איר פאַררעדט די ציין, אַז די קרובה האָט צוגעהאָלפן, און אַז אַ טראַמוואַי איז אָנגעקומען, האָט זי אַ שלעפּ געטון די טאָכטער, אויסגעלאָזט צו איר דעם כּעס:

— וואָס לויפסטו אונטער די רעדער, בּהמהטשיסקע! אַ שמחה, אָוועקגעגעבּן דעם וואַרשעווער „פלאָדער“ צוויי הונדערט דאָלאַר.

# שכנטעס

מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק איז גאַרדען סטריט געווען די אַריסטאָקראַטישסטע גאַס אין די בראָנקס. קליינע פּריוואַט־הייזלעך האָבן גערוט הינטער צעצווייגטע קאַשטאַן־ביימער, זיך געוויקלט דורכן זומער אין פלאַנצן, וואָס האָבן געקלעטערט איבער די ווענט.

עלטערע דייטשן אין שטעק־שיך זענען זומער און ווינטער אַרומגעגאַנגען באַ די הייזער, ווי אַרום לעבעדיקע באַשעפענישן. מען האָט אויפגעקליבן אַ שטיינדל, אַ שטיקל פּאַפּיר, געוואַשן ס׳געהילץ פון די הייזער, געשוירן און באַוואַסערט ס׳גראָז. אין די אָוונטן האָט מען גערוט אויף די וועראַנדעס אין געפלאָכטענע, באַקוועמע וויג־שטולן, געצויגן די פּיפּקעס און נישט מיד געוואָרן איבערצודערציילן פאַר די אַמעריקאַנער אייניקלעך די גבורות פון דייטשלאַנד, ווי מען האָט אין די זיבעציקער פאַרנומען פּאַריז.

אַ דייטש פון גאַרדען סטריט, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט, איז געשטאָרבן. ווייטע קרובים האָבן פאַרקויפט ס׳הויז. אין דער שטילער גאַס מיט ווייסע שטיבער, וואו בלאָנדע דייטשן האָבן אָפּגעלעבט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָט זיך אַריינגעריסן אַן אָפּגעברענטער איטאַליענער מיט שוואַרצע וואָנסעס ווי סמאָלע.

די שכנישע דייטשן האָבן מער קיין רו נישט געהאַט. דער איטאַליענער מיט זיינע אַכט קינדער זענען ביז שפּעט אין דער נאַכט געלעגן אויף דער וועראַנדע, גערעדט אַזוי הויך, ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט.

די איטאַליענערלעך האָבן געקלעטערט אויף די ביימער, געריסן קאַשטאַנעס, געבראָכן צווייגן און אַזוי דערגאַנגען די אַלטע לייט די יאָרן,

אַז מען האָט זיך איינציקווייז גענומען איבערקלייבן, געזוכט אַ מקום-מנוחה ערגעץ ווייט הינטער בראָנקס.

פאַר די צוואַנציק יאָר האָט מען גאַרדען סטריט מער נישט גע-קענט דערקענען. די איבערגעבליבענע פּריוואַט-שטיבלעך האָבן אויסגע-זעען ווי חורבות. פון ביידע זייטן גאַס האָבן זיך געצויגן שמאָלע, פיר-שטאָקיקע הייזער. די נאַקעטע ציגל פאַררויכערט, אַרומגעביסן און ווען נישט די ביליקע דזשעראַניום-בלומען אין טייל פענצטער, וואָלט מען די געביידעס אָנגענומען פאַר פאַבריקן, נישט פאַר הייזער, וואו מענטשן וואוינען.

די גאַס האָט געשוויבלט מיט קליינוואַרג. אַרום די הייזער איז מען געשטאַנען, געזעסן משפחותווייז. געלעבט מער אין דרויסן, ווי אין שטוב.

פון די צעוויגטע קאַשטאַן-ביימער איז קיין זכר נישט געבליבן און די, וואָס מען האָט נישט אויסגעהאַקט, האָבן געגלאָצט טרוקענע, אָן בלעטער, ווי מען וואָלט זיי איבערגעדרייט מיט די צעקרימטע וואָרצ-לען אַרויף.

אין איינעם פון די אָפּגעקראָכענע הייזער האָט געוואוינט אַדאָלף בליץ, אַ טעאַטער-פּאַטריאָט. האָט אַן אַקטיאָר געדאַרפט אַ העמד, צי אַ שניפּס, אַדאָלף האָט געבראַכט, איבערגעלאָזט אויף אויסצוצאָלן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ביי-זאַך און גערעדט האָט ער וועגן נייע פּיעסן, וועגן הינטערקוליסן-פּאָליטיק.

ער אַליין, אַ גע-אויסיקער, מיט אַ קאָפּ האָר, וואָס וואָלטן גענוג געווען פאַר צוויי טעאַטער-„שטערן״, האָט זיך געדרייט צווישן די אַק-טריסעס, פאַרנאַכלעסיקט ס'ווייב אינדערהיים.

אַז בעסי, אַדאָלפס ווייב, איז צוריקגעקומען פון שטאָטישן שפּיטאָל, וואו זי איז געלעגן געוואָרן מיטן דריטן קינד, האָט דער מאַן איר אי-בערגעלאָזט דרייסיק סענט, אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. פאַר די דריי-סיק סענט האָט זי מיט די דריי קינדער געדאַרפט לעבן אַ גאַנצן טאָג.

בעסי, אַן אַמעריקאַנער מיידל, כמעט אַליין נאָך אַ קינד, האָט נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן באַם קינד-לען, אַז זי האָט זיך קוים אַרומגעשלעפּט אויף די פיס. זי האָט מורא געהאַט פאַרן שפּיגל, אַזוי פאַרחושכט האָט זי אויסגעזעען, אַלץ אָנגענו-מען פאַר ליב, אַבי אַדאָלף זאָל זיין מיט איר.

אַ יונגע איטאַליענערין מיט אַן אָפן, אויסגעקנעטן פּנים האָט אָנ־געקלאַפּט און געעפנט די טיר. ס׳איז געווען אַ שכנה. די צוויי ווייבלעך האָבן זיך האַרציק ליב געהאַט, כאָטש איינע האָט די צווייטע נישט פאַר־שטאַנען.

בעסי האָט מקנא געווען די איטאַליענערין, וואָס זי האָט אַ מאַן אַ שטוב־זיצער. ווי ער קומט נאָר פון דער אַרבעט, עסט אָפּ, גייען זיי אַראָפּ אויפן הויף, צעלייגן זיך אויפן גראָז און מען האָט זיך ליב פאַר אַלעמען אין די אויגן.

די שכנה האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט בעסין. די גרויסע אויגן האָבן אַרויסגעבלישטשעט פון אונטער די שוואַרצע ברעמען און ס׳מויל האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

„בייבי, בייבי... נייס בייבי?"

בעסי האָט זי אַריינגעפירט אין צווייטן צימער, געוויזן ס׳נפשל, וואָס איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ בלינד קעצל.

די איטאַליענערין האָט פון גרויס פרייד געגלעט בעסין. זי האָט גערעדט אָפּגעהאַקט, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, ווי אַ קינד, געליטן, וואָס ס׳פעלן איר אויס ווערטער, זיך צעגודערט אויף איטאַליעניש, באַלד זיך געכאַפּט, אַז בעסי פאַרשטייט נישט, זיך צעלאַכט מיט אַ קלימפּער און אַריינגע־רעדט אינם נפשל:

„וועט קומען באַבע, וועט קומען זיידע, פעטערס, מומעס... וועלן ברענגען מתנות דער בייבי, אַ שיינע בייבי, אַ שיינע.."

ס׳קינד האָט זיך צעפּישטשעט. די מוטער האָט עס טרוקן געמאַכט, געוויקלט אין אַן אויסגעריבן ווינדעלע, וואָס איר אַנדערהאַלבן־יעריק יינגל האָט נאָך געטראָגן.

די איטאַליענערין האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ דלות איז געלעגן אין די אָפּגעלאָזטע צימערלעך. צוויי יינגלעך אויסגעשמירטע, אָפּגעריסענע, האָבן אויסגעשטעלט די טעפּ אין מיטן עס־צימער, געפּויקט מיט בלעכע־נע לעפל. דאָס גרילצעריי האָט געלעכערט די אויערן. דאָס שפּיל איז זיי אפנים דערעסן געוואָרן און דאָס עלטערע יינגל, אַ דריי־יעריקער, האָט זיך צעשריגן:

„מאַ, עסן!"

דאָס יינגעלע מיטן ווינדל איבער די נאַקעטע פיס האָט מיטגע־

האַלדז. די איטאַליענערין איז אַריין אין קיך, געזוכט אין ברויט־קעסטל, אין אייז־שענקל, נישט געפונען קיין פוטער און פאַרשטופט ביידע קינדער די מיילער מיט האַלבע זעמל.

דער שכנה האָט ווי געטון פאַר בעסין. פאַר די קינדער, געליטן, וואָס אין שטוב איז אַזאַ אָרעמקייט, וואָס מיסטער בליך גייט קיינמאָל נישט מיטן ווייב שפּאַצירן, איז זעלטן אינדערהיים און געווען זיכער, אַז ער מוז ערגעץ האָבן אַנדערע ווייבער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן בעסין אויפן בעט, און געגלעט די האָר, די הענט, אַ נישט דרייסטע געעפנט דאָס בייטעלע און גע־פרעגט:

„מיסעס בליך, בין איך אייער שכנטע?"

„יאָ".

„און איך וויל זיין אַ גוטע שכנטע", האָט די איטאַליענערין אַרומ־גענומען בעסין. „כ'וויל אייך באָרגן אַ פּאָר דאָלער, נעמט, כ'בעט אייך, נעמט, ס'איז מיין געלט... מיין מאַן ווייסט נישט דערפון... איך אָנ־געזאַמלט... ר'וועט מיר אָפּגעבן, ווען כ'וועל דאַרפן... נעמט, כ'בעט אייך, נעמט, אויב איר ווילט כ'זאָל בלייבן אייער שכנטע".

בעסי האָט גענומען. און אַז ס'זענען פאַרביי עטלעכע טעג און די שכנה האָט געזען, אַז צום ניי־געבוירענעם קינד קומט קיינער נישט, נישט קיין באָבע, נישט קיין מומע, מען עפנט גאַנצע טעג נישט די טיר בײַ מיסעס בליך, האָט די איטאַליענערין אַליין אויסגעשטאָפּט אַ ליאַלקע. זי האָט די ליאַלקע אויסגעפּוצט אין קליידלעך, פאַרשלייפט מיט קאָלירטע בענדלעך און מיט פּאַראַד אַן עפן געטון בײַ בעסין די טיר, זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין:

„איך אַ מומע... פאַר דער בייבי אַ מתנה, וועט זיך אַ שפּיל טון... אַ קליין מתנהלע... אַ זינד צו באַליידיקן אַזאַ פּיצעלע נפשל... נישט אמת, מיסעס בליך? ס'קינדעלע שלאָפט?" האָט די איטאַליענערין צונויפגעצויגן די ליפּן אין אַ שרייפעלע. „אַ שטיל קינד, אַ גאָלדן קינד... לו־לו־לו..."

די צוויי ווייבלעך האָבן זיך געזעצט נישט ווייט פונם קינדס בעטל, זיך געקוקט אין די אויגן און פאַרשטאַנען איינע די צווייטע.

די איטאַליענערין האָט געגלעט בעסיס קליינע הענט, איר געוואָלט

געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ מאַן דאַרף מען נישט פּיעשטשען, מען טאָר־
נישט צופּיל נאָכגעבן. זי האָט גענומען עס איבערגעבן אויף איר שטייגער,
אויף איר ענגליש און יעדעס גליד פון פּנים האָט גערעדט, איבערגעגאַנ־
גען אין גרימאַסן, מינעס, האַוואַיעס:
„דיין מאַן הויך, שיין... דו, נישט עסט, נישט טרינקסט, אויסגע־
דאַרט... נאָר בייבּיס, נאָר בייבּיס... מענער האָבן ליב פעטע ווייבער...
מיסטער בליץ אויך... עס, טרינק, טו זיך אָן שיין, פלירטעווע מיט פרעמ־
דע מענער, וועט מיסטער בליץ אַהיימקומען... און אויב אַ פרעמדע ליי־
די פאַרדרייט אים דעם קאָפּ", האָט די שכנה געזוכט ווערטער ווי צו
פאַרענדיקן און איבערגעגאַנגען אין אַ גודערייַ.
בעסי האָט זיך צעוויינט. די שכנה האָט זי אַרומגענומען, געטרייסט
און די צוויי טיילן וועלט, אַמעריקע און אייראָפּע, האָבן זיך פאַרשטאַ־
נען, מער נישט גערעדט אויף פרעמדע שפּראַכן.

# אין שטרייק

וואָס לענגער דער שניידער־שטרייק האָט אָנגעהאַלטן, אַלץ גרע־סער איז געוואָרן די צאָל פאַרמאַכטע שעפּער. אין די יידישע גאַסן און געסלעך פון דער איסט־סייד איז מען אַרומגעגאַנגען ליידיק, זיך געקליבן פאַר די הייזער, זיך געדרייט איבער די טראָטואַרן שלינג און שלאַנג און נישט אַרויס פון די זונטיקדיקע מלבושים.

און אַז דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן און עס האָט זיך נישט געזעען, ער זאָל זיך אַמאָל ענדיקן, זענען אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויפעסן די אָנגעקליבענע פאַר דאָלאַר, איינציקווייז אַרויסגעפאַלן פונם פאַך. מען האָט געעפנט שפּייז־געוועלבלעך, סאָדע־וואַסער שטעלן, אַרויס אין גאַס מיט וועגעלעך סחורה. געטון האָט מען עס שטילערהייט, זיך געשעמט פאַר די שאַפּ־חברים, פאַר די שכנים שטרייקערס און צו־מיינסטן אַוועק פון דער געגנט, וואו מען האָט געוואוינט.

די מערסטע אָבער האָבן געשטרייקט, אָנגעפירט בלוטיקע געשלעגן מיט שטרייק־ברעכער און צוגעהונגערט. גאַנצע טעג האָט מען זיך גע־קהלט, מיטגעשלעפּט ווייבער מיט קינדער אויף די מיטינגען, געלעבט אין גאַס, און דער דלות איז געוואַקסן.

פאַרנאַכט איז אויף הענרי סטריט נישט געווען דורכצוגיין. מען איז געשטאַנען קופּעסווייז, געלייענט צייטונגען און זיך געקאָכט. א גע־וויקסיקער פאַרשוין האָט אַריינגערעדט אין אַ רעדל אַרבעטער:

— דער שטרייק זאָל אָנהאַלטן לענגער גייט דער גאַנצער „טרייד" (פאַך) אין דער ערד אַריין. אינם הויז, וואו כ'וואוין, האָבן מיר גע־האַט צוואַנציק שטרייקערס, און היינט האָבן מיר קיין צען נישט. דער עולם צעלויפט זיך, האָט קיין כוח נישט מער. טרייב איך איבער, בערל?

— און אַז ס'איז אמת, וועלן מיר דען אויפגעבן דעם שטרייק? — האָט בערל מיט ביטול אַ שאַר געטון פון וועג דעם פאַרשוין און איז אַריין אין אַ טונקעלן קאָרידאָר פון אַן אַלט טענעמענט־הויז.

ער האָט נישט קיין צייט געהאַט צו פאַרמאַכן נאָך זיך די טיר, ווי ס'ווייב האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן איר בויך אין די גאָר הויכע חדשים:

— זעסט, בערל, אַז גאָט פאַרלאָזט נישט... זיי האָבן זיך געגווג אָנגעפלאָגט די דרינעקע...

— וואָס משהקע איז שוין אויך געוואָרן אַ קאַפּיטאַליסט? — האָט בערל אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק מיטן קאַפּעליוש און די פעסט־צונויפגעקלאַפּטע פּלייצעס האָבן זיך אַ וויג געטון אויף זיין צו־ברייטן געזעס.

— די קרובים און יאַנקערס האָבן אים געעפנט אַ „גראָסערי" (שפייז־געוועלב) — זענען דעם ווייבס דינע הענט געבליבן ליגן אויפן בויך, ווי אויף אַ פויק.

— אויך מיר אַ שטרייקער, משהקע, — האָט בערל אַ רוק געטון אַ שטול, זיך אַזוי אַוועקגעזעצט, ווי דער טיש וואָלט פאַר אים געווען גרייט, — לאָזן זיי גיין, די מקווה־יידן, וועט זיין וויניקער „סקעבס" (שטרייק־ברעכערס).

— כ'זע נישט דיינע גליקן, מיין געטרייער יוניאָן־מאַן... דער שטרייק איז סיי־ווי־סיי אַ פאַרשפּילטער!

— נו, לאַה, מיר וועלן זיך שוין שפּעטער אויסטענהן. גיב מיר בעסער עפּעס עסן. כ'בין איצט הונגעריק!

— באַ אַזאַ „ביזי" האָסטו געמעגט אַהיימקומען אין דער צייט, נישט איך זאָל שטיין אויף מיינע געשוואָלענע פיס אַ גאַנצן טאָג און היטן ס'טעפּל...

— אַנדערע ווייבער העלפן אַרויס די מענער — האָט בערל זיך אַ דריי געטון מיט דער שטול צום ווייב. — לייזער האָט מיר דערציילט, אַז זיין ווייב נעמט אַריין צו נייען, און דאָ „אָפּצושמערגלען" דאָס שטיקל מיטאָג איז דיר אויך צו שווער!

ס'האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר און באַלד האָט אַ קאָפּ זיך אַריינגערוקט:

— מען קאָן אַרייַנגיין?

משהקעס ווייַב, אַ קליינע, רירעוודיקע, מיט אויגן וואָס לאַכן שטענדיק, איז אַ פּאָל אַריין געטון ווי אַ פּילקע.

בערל האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין אָנגעכמורעט פּנים האָט זיך געביטן. די טיפע קנייטשן אַרום די באַקן, הינטער די אויגן, האָבן זיך פאַרצויגן, באַהאַלטן דעם פאַרדראָס, וואָס האָט זיך געבלעזלט אין אים.

— ווערט מען אייך אָן, מיסעס ראָזען.

— קיין גרעסערן שאָדן זאָלט איר קיינמאָל נישט האָבן.

— זאָגט עס נישט — האָט לאה פּרובירט אַ שמייכל טון.

— ווען, ווען, לאה, אייער מאַן וועל איך זיכער נישט אויס־פעלן.

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער? — איז בערל געוואָרן יונגער.

— ווייל כ׳וואוין שוין מיט אייך אין שכנות איבער דריי יאָר, און איר האָט מיר נאָך קיין איין קאָמפּלימענט נישט געמאַכט!

— אַז איר ווילט, קאָן איך אייך שוין מאַכן.

— צו שפּעט — איז דאָס צימער פול געוואָרן מיטן קליינעם ווייבל, וואָס האָט זיך געזעגנט, זיך געקושט מיט לאהן, איבערגעלאָזט בערלען דעם אַדרעס.

די פרייד, וואָס די שכנטע האָט מיטגעבראַכט, האָט זי מיט זיך מיטגענומען, דער פאַרדראָס איז צוריק אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, זיך ווידער צעלייגט איבער ביידנס פּנימער. די שטילקייט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

לאה האָט געוואַרעמט פאַרן מאַן ס׳טעפּל, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס:

— ביסט דאָך נאַר־וואָס געווען אַזוי רעדעוודיק? נו, ווען פאָרסטו צו איר, צו דער מישערין?

בערל האָט געוואָלט פאַרשווייגן, געוואוסט, אַז ער דאַרף נאָר ענט־פערן אַ וואָרט און עס וועט זיך אָנהייבן אַ חתונה. ער האָט אָבער נישט געקענט. אָן אַ שיעור עוולות האָבן זיך אָנגעקליבן דורכן טאָג. אין דער יוניאָן האָט מען געשניטן „שטרייק בענעפיט”. ס׳איז שוין דער צוואָנ־ציקסטער און ער האָט נאָך נישט באַצאָלט קיין דירה־געלט און דאָ ריכט זיך ס׳ווייב אין קימפּעט, דערגייט אים די יאָרן. ער האָט נישט געקענט

קוקן אויף איר צעפּאָרענעם געשטעל, אויף דעם אָנגעלאָפּענעם פּנים, זיך געחידושט, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַמאָל ליב געהאַט, און דעם ווייב אויף צעפּלאַצעניש זיך געקליבן זאָגן, אַז די שכנטע געפּעלט אים און ווי ער האָט אַן עפּן געטון ס׳מויל, האָט זיך באַ אים עפּעס איבערגעריסן און ער האָט סתם אַ זאָג געטון אין דער וועלט אַריין:

— ווי לאַנג ס׳איז געווען אַרבעט האָב איך פאַרדינט, איצט גיי דו פאַרדינען!

— מיט אַזאַ פּעקל? — האָט לאה געוויזן אויפן בויך — אַז כ׳וואָלט מיט אַזאַ אוממענטש, ווי דו, ביסטו געוועכט!

— קיינער האַלט דיך נישט.

— לאָמיך נאָר בשלום איבערקומען, וועל איך מיט דיר שלאָגן כּפּרות — האָבן די אָנגעלאָפּענע ליפּן באַ איר אָנגעהויבן ציטערן און זי האָט זיך צעוויינט.

בערל האָט אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער אין די אויערן, זיך געבעטן:

— הער אויף וויינען, הער אויף וויינען.

צוויי אויסגעשמירטע מיידלעך, אייגע קלענער פון דער צווייטער, זענען אָנגעלאָפן פון גאַס מיט אַ מעקען:

— מאַ, עסן!

— אין קיך אַריין, צו אַלדע יאָר! — האָט בערל אויסגעלאָזט דעם כּעס צו די קינדער.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. די קינדער האָבן זיך באַהאַלטן הינטער דער מוטער מיט אַ געוויין. בערל האָט אַ כאַפּ געטון דעם ראָק מיטן קאַפּעליוש און איז אַרויס פון שטוב.

ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס עס רעגנט. ער האָט געשפּרייזט פון איין גאַס אויף דער צווייטער און אַז דער רעגן האָט שטאַרק גענומען גיסן, האָט ער זיך פאַרקליבן אונטער אַ דעכל פון אַן אַפּטייק. ער האָט געקוקט ווי מענטשן טוליען זיך אונטער שירעמס, שפּריצן מיט די פיס, איילן זיך און עס האָט אים באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב.

שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַהיימגעגאַנגען, מורא געהאַט, אַז ער וועט לאַנג דאַרפן קלאַפּן. די טיר איז געווען אָפן. אין צווייטן האַלבן

בעט זענען געלעגן ס׳ווייב מיט די קינדער. געלאָזט פלאַץ פאַר אים, ער האָט זיך געבעט אין קיך אויף בענקלעך, זיך געדרייט, נישט געקענט איינשלאָפן.

פאַרטאָג איז בערל שוין געשטאַנען אָן אָנגעטאָענער, געזוכט באַם ווייב אין בייטל אַ פאָר סענט. ס׳גאַנצע פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון צוויי קוואָדערס. ס׳האַרץ האָט אים נישט געלאָזט נעמען און ער האָט אָוועקגעלייגט דעם בייטל. ס׳ווייב האָט זיך אַראָפּגעקאַטשעט אַ האַלב אָנגעטוענע, זיך געפּאָרעט באַם טיש, זיך געדרייט און מיט אַ קרעכץ צוריק אַוועק אין בעט אַריין.

בערל איז געגאַנגען מיט דעלענסי סטריט. די געשעפטן זענען נאָך געווען פאַרמאַכט. פון בעקערייען און רעסטאָראַנען האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פריש געבעקס. עס האָט אים אָנגעהויבן נאָגן אונטערן לעפעלע און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז פון נעכטן מיטאָג האָט ער גאָרנישט געהאַט אין מויל. פון געוואוינהייט האָט ער אַ שטעק אַריין געטון די הענט אין די קעשענעס. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קוואָדער (פינף און צוואָנציק סענט). ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט לאה זיך מיט אים געטיילט — געלאָזט זיך מיט די קינדער אַ קוואָדער און דעם צווייטן אַריינגעלייגט אים אין דער קעשענע. ס׳האַרץ באַ אים האָט אַ קאָרטשע געטון, געהייסן צוריקטראָגן דעם ווייב מיט די קינדער דעם קוואָדער, זיי זענען בילכער. דאָס פרישע געבעקס איז געשטאַנען אין וועג. ער איז אַריין אין בעקעריי, גענומען אַ קאַווע מיט זעמל.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאָג ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי מיט דריי חדשים צוריק — „פּיקעטן", מיטינגען, אַרעסטן. בערל האָט געאַרבעט פאַר דריי, נישט געדענקט ס׳זאָל האָבן געווען מיטאָג, ווי די שעהן וואָלטן זיך דורכגעגנבעט. ער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ ביסל געלט, געקויפט פאַר די קינדער הייסע „סוויט פּאָטייטאָס" (זיסע קאַרטאָפל) און זיך געאיילט אַהיים, באַשלאָסן זיך איבערצובעטן.

בשעת ער האָט זיך געהויבן איבער די פינצטערע טרעפּ, האָבן זיך געעפנט טירן, שכנות האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ און געזאָגט:

— לאה האָט געבוירן אַ ייִנגל, ס׳זאָל זיין מיט מזל!

— מען זאָל שוין פון היינט אָן האָבן בעסערע צייטן!

— אַז דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט דער יונג שוין געוואָלדעוועט!

אין קיך האָבן זיך שכנות געפּאָרעט באַם אויוון. ס'האָט געשמעקט מיט הינער־יויך, מיט געקעכץ. די צוויי מיידלעך זענען באַפּאַלן דעם פּאָטער, געגעסן די „סוויט פּאָטייטאָס" און געשריגן:

— פּאַ, אַ ברידערל, אַזאַ פּיצעלע ברידערל!

— איר מעגט אַ קוק טון אַ בחור, — האָט אַ שכנטע וואוילעריש אַ שטופּ געטון בערלען מיט אַן עלנבויגן — געראָטן אין טאַטן, ער שטרייקט שוין, אוי געוואַלדעוועט ער!

און איידער ער האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָבן די טעכטער אים געשלעפּט פאַר בייז'ע הענט, אָנגעזאָגט אויף פריער:

— מאַ, דער טאַטע איז דאָ!

# שטרייקער

צווישן די איבערגעגעבענע יוניאָנסלייט, וואָס זענען געגאַנגען אַרונטערנעמען באַ די ברידער עפשטיין די אַרבעטער פון שאַפּ, איז אויך געווען שלמה פרעסער. עס איז געקומען צו אַ געשלעג. מען האָט שלמהן אַזוי צעהרגעט, אַז מען האָט אים געמוזט אָפּשיקן אין אַ טעקסי אַ היים. ער איז אָפּגעלעגן איבער צוויי וואָכן אין בעט און איז אויפגעשטאַנען מיט אַ מישונג אין קאָפּ. אַלץ האָט אים וויי געטון.

שלמה האָט זיך גענומען דאָקטערן, פאַרקרענקט ויין געלט, דאָס געלט, וואָס די יוניאָן האָט אַרויסגעהאָלפן, וואָס קרובים און פריינט האָבן געבאָרגט. און אַז עס איז שוין נישט געווען וואו צו נעמען, איז דער פאָטער, אַן אַרבעטער, וואָס איז אַליין געווען אין שטרייק, אַרי־בערגעקומען:

— וואָס וועסטו זיצן, שלמה, אין די בראָנקס, זיך דאַרן דעם קאָפּ אויף דירה־געלט, ווען דו ברויכסט יעדן סענט פאַר זיך אַליין? נעם די משפּחה און קום אַריבער צו אונז. מיר וועלן זיך שוין וויַ־עס־איז אַן עצה געבן. פאָרט אַן אייגענער דאַך איבערן קאָפּ!

שלמה האָט אַריינגעגעבן דאָס מעבל אין „סטאָריידזש", גענומען דאָס ווייב מיט די צוויי קינדער און זיך אַריבערגעקליבן צום פאָטער נאָך בראָנזוויל.

דער פאָטער האָט געהאַט אַ האַלב הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי צימערלעך מיט אַ קיך. דאָס צווייטע האַלבע הויז האָט באַלאַנגט צו שלמהס עלטסטן ברודער, אויך אַ פרעסער. אין שטוב זענען געווען פיר נישט אויסגעגעבענע קינדער — דריי זין און אַן עלטער מיידל. אַ חוץ דעם מיידל, אויף וועמעס שכירות די משפּחה האָט געלעבט, האָט קיינער אין הויז נישט געאַרבעט.

שלמה מיט זיין משפחה זענען אָנגעקומען צו אָונטבריט. טאַטע־מאַמע, ברידער־שוועסטער האָבן זיי באַגעגנט מיט שמחה, געטראָגן דאָס קליינוואַרג, פון פיר און זעקס יאָר, פון האַנט צו האַנט.

דער פאָטער האָט פונאַנדערגערוקט דעם טיש, אַריינגעשטעלט נאָך אַ ברעט, געזען עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַלעמען.

די משפחה האָט זיך אויסגעזעצט. דעם געמאַכטן הערינג מיט ציבעלע האָט מען צעכאַפּט, נישט געלאָזט קיין שטיקל פאַר דער מוטער. די מוטער, אַן אַלטיטשקע, האָט מוחל געווען איר חלק, בלויז דערמאַנט מען זאָל איר לאָזן אַ שניצל ברויט פאַר דעם קרופּניק. דאָס געבייטלטע ברייטל האָט געהאַלטן אין איין קלענער ווערן. די אָנגעשניטענע רייפטלעך, פּרישע, האָבן געקנאַקט צווישן די ציין, פאַרשטאַרקט דעם אַפּעטיט.

דער שמועס איז געווען אַן אויפגעהייטערטער, ווי שלמה וואָלט געקומען נישט פון די בראָנקס, נאָר פון גאַנץ ווייט. יעדעס וואָרט פון די קינדער איז געווען אַ חכמה, וואָס מען איז נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן.

דער פאָטער האָט געטענהט, אַז מען טאָר נישט צו לאַנג פאַרציען דעם שטרייק: דער אַרבעטער איז אויסגעמאַטערט, אויסגעהונגערט, שוין די צענטע וואָך... מען דאַרף נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט, װעלן די באַלעבאַטים אויך נאָכגעבן און עס וועט נעמען אַ סוף. די זין האָבן נישט איינגעשטימט מיטן פאָטער, און אפילו דער קראַנקער שלמה האָט זיך פאַרהוסט:

— אויב מיר ווילן עפּעס געווינען, טאַטע, דאַרפן מיר שטיין פעסט, נישט נאָכגעבן. זאָל זיך נאָר דער סעזאָן אָנהייבן, וועלן זיי ווייכער ווערן!

די מוטער האָט געדזשאַמדזשעט אַ שטיקל ברויט, געקוקט יעדן איינעם אין מויל אַריין און נישט איבעריק זיך פונאַנדערגעקליבן וועגן וואָס מען אַמפּערט זיך. זי האָט געוואוסט, אַז דעם גאַנצן עול טראָגט די טאָכטער, חנה. זי האָט אויך געוואוסט, אַז וואו נאָר אַ קניפּל, מוז זי, מיט אירע אויסגעדרייטע פינגער, מאַכן אַ שלייף, באַהאַלטן דעם דלות פאַר לייטן. באַפרייען זיך אָבער אויף אַ רגע פון די חובות, איז געווען אוממעגלעך; שטענדיק געדענקט וויפיל זי איז שולדיק פאַר פלייש, וויפיל פאַר ברויט און מילך, זיך געערגערט, וואָס מען קוקט אויף איר קרום,

און מען איז נישט גערן מער צו באַרגן... חנהס פּאַרדינסטן קלעקן קוים אויף ברויט מיט מילך, און דאָ זענען צוגעקומען נאָך פיר מײַלער, קיין עין־הרע...

גאָכן עסן האָבן די פּנימער באַם עולם זיך נישט אויסגעלײַטערט. מען האָט זיך געשאָרט איבער די צימערלעך נישט־צופרידענע, נישט געוואָלט צוגעבן, אַז די הוילקייט אַרום די הערצער קומט פון נישט־דערעסן.

שלמהס ווײַב, בעסי, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט איר ענגלישן אַקצענט, האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ פאַרטוך און זיך געשטעלט וואַשן דאָס געפעס.

— ווערסט עס אסור טון — האָבן בײדע, די שוויגער און די שוועגרין, געטריבן זי פון סינק און אַליין גענומען וואַשן די כּלים.

נאָכן עסן איז אַרײַנגעקומען דער עלטסטער זון מיט ווײַב און קינדער. דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט טומל. מען האָט גערייכערט, געשוויצט איבער גלעזער טיי, נישט אויפגעהערט רעדן וועגן שטרייק און געהאַלטן אין איין פונאַנדערנעמען דאָס קליינוואַרג, וואָס האָבן איבערגעקערט די שטוב, זיך געריסן פאַר די נעזער. און אַז עס איז פאַרבײַ אַ שעה, צוויי, — אויפהייבן זיך צו דער אַרבעט האָט קיינער פון די מאַנסבילן נישט געדאַרפט, — האָט עמעצער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

מיר וועלן אפשר מאַכן אַ פּאָוקער?

פון לאַנגווײַליקייט האָט דער פאָטער מיט די פינף זין זיך צעזעצט אַרום טיש, צעשפּיליעט די קנעפּלעך אויף די שטײַפע, מיט טיי אָנגעגאָסענע, בײַכער און געטריבן פון זיך דאָס קליינוואַרג:

— צײַט שלאָפן, חברה!

— בעסי — האָט שלמה אַ נישט דרייסטער אָפּגעשטעלט דאָס ווײַב — האָסט אפשר אַ פּאָר סענט?

זי האָט געזוכט אין איר בײַטעלע, אויסגעקראַצט צוועלף אײנציקע פּענים:

— דאָס אַלץ, וואָס איך האָב.

— פּאַק זיי שלאָפן, פּעני — האָט דער עלטסטער זון אַ זאָג געטון צו דעם ווײַב און בשעת מעשה פאַרקאַשערט די אַרבל פון העמד, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָפּטון אַ שווער שטיקל אַרבעט.

— אַבי ער זאָל קאָנען שפּילן, וועט ער די קינדער אָוועקפּאַקן

שלאָפן אין מיטן טאָג — האָט דאָס ווייב אַן אַנגעדראָדלטע אויסגעלאָזט דעם כּעס צו אירע דריי קינדער, זיי גענומען טרייבן ווי עופות:

— שלאָפן, שלאָפן!

בעסי האָט אַ וואונק געטון צו אירע צוויי ייִנגלעך. ווי דרעסירטע חיהלעך זענען זיי אונטערגעקומען, זיך צעקושט מיט דער באָבען, מיטן זיידן, פּעני, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אירע מזיקים, האָט מיט ביטול אָפּגעמאָסטן די בראָנסקער שוועגערין:

— אַ קושעניש, ס'פּאַסט פאַר מיידלעך!

— ס'וועט זיי אסור שאַטן — האָט די באָבע געשעפּט נחת פון די אייניקלעך.

ווען די ווייבער מיטן קליינוואַרג זענען אַוועק, האָבן די מאַנסבילן אָפּגעעטעמט און גענומען שפּילן אַ סענט אַ קאָן.

דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן אין ווינטער אַריין, אַנגעהאַלטן וואָכן, חדשים. מען האָט אַלץ געהאָפט, ער זאָל זיך היינט-מאָרגן ענ-דיקן. די האָפנונג איז אַלץ שוואַכער געוואָרן, זיך געפּאַטשקעט ווי אַ מכּה. דער פאָטער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאָז, זיך געהאַלטן אין איין טאַפּן די הויזן, וואָס זענען געוואָרן צו לויז אַרום בויך, זיך געקריגט מיט די זין, אַז דער שטרייק איז פאַרלוירן, און געוואָלט זיי זאָלן זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש.

מען האָט דעם אַלטן נישט געהערט, „געפּיקעט" ווי פריער, אָפּ-געזעסן שעהן אויף מיטינגען און אויסגעמיטן די שטוב, וואו דער דלות האָט נישט אָפּגעטראָטן. מען איז נאָר אַהיימגעקומען שלאָפן.

דער קראַנקער שלמה האָט זיך דערפילט איבעריק, זיך אַרומגע-דרייט ווי אַ שאָטן און, דאַכט זיך, יעדן געוועזן אין וועג.

אָן אַ וואָרט, פון זיך אַליין, האָבן זיך דיביידע משפּחות פונאַנ-דערגעטיילט. דאָס ערשטע מאָל, ווען שלמה מיט ווייב און קינדער האָבן אויסגעפּעלט באַם נאַכט-מאָלצייט, האָט די גערוימקייט אַרום טיש געשראָקן און פאַרשעמט יעדן איינעם. דער פאָטער, די ברידער, האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, געפרעגט אין חלל אַריין:

— וואו איז שלמה? ער האָט שוין געגעסן? און בעסי? און די קינדער?

מען האָט עפּעס געענטפערט, וואָס קיינער האָט נישט געהערט,

אָנגענומען דעם תּירוץ, וואו מען וואָלט געוואַרט אויף אים. שפּעטער איז מען צוגעוואוינט געוואָרן. יעדער האָט זיך געהאַט זיין ברויט, זיין טעפּל געקעכץ.

בלויז די מוטער האָט אין דער שטיל אונטערגעטראָגן דער שניר אַ פּאָר סענט, געקאָכט, קיינער זאָל נישט וויסן, פאַרן קראַנקן זון יאיכלעך.

פון שוואַכקייט און פון נישט האָבן וואָס צו טון האָט שלמה צו־געדרימלט באַטאָג. באַנאַכט אָבער, ווען די צימערלעך זענען פול געווען מיט כראָפּען און מיט רעדן פון שלאָף, איז ער געלעגן מיט וואַכיקע אויגן, געקוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס האָט געשטיקט, און געטראַכט וועגן טויט. ס׳קראַנקע האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט. ס׳האָט אים ווי געטון פאַר זיך, פאַר דעם ווייב מיט קינדער, וואָס זענען געווען צע־לייגט אַרום, אים.

אין איינע פון די פינצטערע נעכט, ווען אַ רעגן האָט געגאָסן פון דער פרי אָן, געפּאַטשט איבער די שויבן, נישט אויפגעהערט אויף אַ רגע, ווי ער וואָלט זיך פאַרגומען אַלץ אָפּצושווענקן פון דער ערד, איז שלמהן מיט אַמאָל באַפאַלן אַ פּחד. ער האָט זייער נישט געוואָלט שטאַרבן אין אַזאַ נאַכט. פון בלויזן געדאַנק האָט דער שטערן באַ אים אָן אָטעם גע־טון מיט קעלט און ער האָט גענומען וועקן ס׳ווייב:

— שלאָפסט, בעסי ?

— וואָס איז ? — האָט זי געעפנט אַ פּאָר אויגן, נישט דערקענט, אַפּנים, אין דער ערשטער רגע דעם מאַן און געהאַט אַ מינע פון איינעם, וואָס טרעפט זיך אין אַ ווינקל אויג־אויף־אויג מיט אַ גזלן.

— כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל שוין לאַנג נישט אָנטרייבן, בעסי.

— וואָס דיר פאַלט אַלץ איין — האָט זי זיך אַ רוק געטון צו אים, צוגעפלייגט איר וואַרעמע האַנט צו זיין קאַלטן שטערן, און זי האָט אויפגעציטערט.

— אַז אַ מענטש קאָן נישט עסן, קאָן נישט שלאָפן און דאָ גיסט פון דער פרי אָן, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. . .

— מאַכן דיר אפשר אַ הייס גלאָז טיי ?

ער האָט נישט געענטפערט, געקוקט ווי ס׳ווייב איז אַראָפּ מיט אַ קרעכץ פון בעט, זיך געפּאָרעט אין קיך און איבערגעלאָזט נאָך זיך אין דער פינצטערניש די ווייסקייט פון איר נאַכט־העמד.

— ווער איז דאָרט ? — האָט דער פאָטער זיך איבערגעוואָרפן — אפילו באַנאַכט שלעפּט מען זיך אַרום, ווי נישט גוטע !

— האַ, ווער דרייט זיך דאָרט אין קיך ? — האָט אַ צווייטער זיך איבערגעוואָרפן — בעסי ?

— איך, איך — האָט בעסי זיך פאַרענטפערט, וואָס זי לאָזט נישט שלאָפן — שלמה פילט עפּעס נישט. . .

שלמה האָט געוואַרט דער ברודער זאָל עפּעס זאָגן, באַדויערן. ס'איז געווען שטיל. דער מאַטראַץ האָט בלויז געסקריפּעט, באַלד נישט געוואָרן אין דעם שווערן שלאָף, אין דעם כראָפּען, וואָס האָט זיך געהויבן צו דער סטעליע.

טרערן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט באַ שלמהן אין די אויגן, וואָס ער גייט קיינעם נישט אָן און נישט אויפגעהערט צו בעטן באַ דער געדיכטער פינצטערניש :

— נאָר נישט אין אַזאַ נאַכט.

# אַ בריליאַנט

שמאָלע וועגלעך, נאָך שמעלערע סטעזשקעס, האָבן זיך געקײַטלט צווישן ביימער, זיך איבערגעריסן אַרום די שטייגנדע בערג, זיך ווידער פֿאַרקניפּט, געשנורעוועט דעם פּאַרק פֿון אַלע זייטן מיט וואָרצל־אָדערן.

טרוקענע בלעטער, עטלעכע צאָל די דיק, זענען געלעגן אונטער די פֿיס און איבערן קאָפּ איז נידריק געהאָנגען אַ קילער, פֿאַרגליוווער־טער הימל.

פֿאַרלעך האָבן זיך געאײַלט אַהיים, געוואָלט אויסמײַדן דעם רעגן, וואָס האָט געהאָנגען אין דער לופֿט. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אומ־קוקן זיך, געווען זיכער, אַז פֿון אַלע זייטן טראָגן זיך מענטשן. דאָס האָבן פֿאַרדאַרטע בלעטער זיך געהויבן מיט אַ קלימפּער, זיך געדרייט איבערן אַספֿאַלט־וועג ווי פֿייגל.

רחלע מיט דייוון האָבן זיך געטראָגן באַרג־אַראָפּ, אַרײַן אין טאָל, וווּ די בלעטער זענען טיפֿער, די ביימער געדיכטער. אַלטע איבערגע־דרייטע צווייגן האָבן זיך געפּלאָנטערט, זיך געפּלאָכטן איבערן טאָל ווי אַ דעכל.

— דאָ וועט דער רעגן נישט צוקומען! — האָט רחלע אַ שלעפּ געטון ס׳געפּאַסטע היטל פֿון קאָפּ און אַ רויטער שויבער האָר איז איר אַ פֿאַל געטון אין די אויגן אַרײַן.

— ס׳וועגדט זיך וואָס פֿאַר אַ רעגן ס׳וועט זײַן — האָט דייוו אַ שטעק געטון ס׳פּנים צום הימל און דערפֿילט אַ קאַלטן טראָפּן — ס׳רעגנט שוין!

זיי האָבן זיך צוגעשאַרט צו אַן אַלטן, אויסגעהוילטן שטאַם, גע־קרישלט מיט די פֿינגער די ביילן, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אויף אים און

געוואַרט, אַז די טראַפּנס, וואָס זענען געפאַלן מיט אַ פּויקעריי צווישן די בלעטער, זאָלן זיך אַהער אויך פאַרקלויבן.

צו דרייצען יאָר איז רחלע, אַ ליכטיקע, מיט רויטע, פייערדיקע האָר, שוין נישט איינגעזעסן אין שטוב. זי האָט געשנירלט מיטן פּיסקל, פּאַרדרייט יינגלעך די קעפּ, פאַרווישט מיט אירע דינע, בויגיקע פיס די אייגענע טריט, ווי אַ פוקס פאַרווישט מיטן האָריקן עק יעדן סימן נאָך זיך. און יעדעס מאָל, ווען צו דער עלטערער שוועסטער האָט געדאַרפט קומען אַ חתן, האָבן טאַטע־מאַמע אַוועקגעפּאַקט רחלען שלאָפן, מורא געהאַט, אַז אַזוי שנעל, ווי דער יונג וועט זי דערזען, וועט שוין מיט דער עלטערער קיין שידוך נישט ווערן.

צו פינפצען יאָר, ווען די עלטערע שוועסטער האָט חתונה געהאַט, האָט רחלע זיך געבראַכט אין שטוב אַריין דייוון, געזאָגט, אַז דאָס איז איר חתן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך נישט אַנטקייגנגעשטעלט, געווען זיכער, אַז רחלע וועט נאָך נישט איינעם בייטן, און געהאַלטן אין איין שפּאַסן, אַז אויב שוין יאָ אַזוי יונג חתונה האָבן, פאַרוואָס נישט פאַר אַ רייכן.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען רחלע איז צוריקגעקומען פון גאַס, אין דער פינצטער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער און אַריין אונטער דער קאָלדרע, פלעגט אויסוואַקסן די מוטער. זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן פאָרענטש פון בעט, געקעמט מיט די מאַמע־פינגער דער טאָכטערס צע־פּאַטלטע האָר און דערציילט, וואָסערע גליקן ס'איז איר באַשערט. גאָלדין, זייער לאַנדסמאַן, איז איין און איינציקער באַ זיינע עלטערן, האָבן נישט ווייט פון ניו־יאָרק אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, אייגענע אויטאָמאָבילן... און דווקא גאָלדין? שוואַרץ לאָזט נישט אָפּ. זיין שאַפּ פון זיידענע קליידער פאַרנעמט אַ גאַנצן שטאָק... זי וועט יעדן טאָג קענען בייטן אַן אַנדער קלייד... רחלע דאַרף אָבער נישט זיין ווילד, נישט פאַרקריכן אין צו־ווייטע דרכים מיט דייוון, ער איז דאָך נאָך אַ יינגל.

רחלע האָט נישט געוואָלט הערן. פאַרשטאָפּט די אויערן מיט די פינגער, זיך געפּיעשטשעט:

— אַרויסגעוואָרפענע רייד, מאַמע!

אין תוך אָבער האָט עס איר הנאה געטון. דאָס יונגע לייב האָט זיך געצויגן אונטער דער קאָלדרע, פאַרמאַכט פון מידקייט די אויגן, פאַרווישט און אָפּגעמעקט יעדן חוב, וואָס זי איז שולדיק געווען דייוון.

רחלע האָט געפּלאַנט, אַז זי, דאָס אָרעמע מיידל, וואָס וואוינט מיט די עלטערן אין צוויי צימערלעך, וועט מאָרגן, איבערמאָרגן אויפשטיין אַ רייכע דאַמע.

דעם חלום האָט זי געהאַלטן פאַר זיך, קיינמאָל איבער די ליפּן נישט געבראַכט. בלויז ווען זי האָט זיך צעווערטלט מיט דייוון, זיך דערפילט אַן אויסגעליידיקטע, האָבן די שדוכים, וועגן וועלכע די מוטער האָט אַזוי פיל גערעדט אין די פינצטערע נעכט, אָנגעהויבן אַפּערצושווימען.

איצט, ווען ביידע זענען געשטאַנען צוגעטוליעט צום אַלטן, אויסגעקרומטן שטאַם, געהערט ווי דער רעגן קלאַפּט אַלץ שטאַרקער, ווי ער וואָלט נישט געפאַלן איבער בלעטער, נאָר איבער בלעכענע דעכער, וועט אַהער זיך באַלד אויך פאַרקלויבן, האָט רחלע אַן אָנגעברוגזטע זיך אָנגערופן:

— מיר האָבן נישט געדאַרפט בלייבן אין פאַרק! דער רעגן וועט אַזוי געשווינדט נישט אויפהערן!

— מען קען נאָך איצט גיין! — האָט דייוו אַ שטעל אויף געטון דעם קאָלנער פון רעקל, געווען פיקס און פאַרטיק.

— אויף אַזאַ גאָס!

אַ טראָפּן איז אַ פאַל געטון רחלען אין קאַרק אַריין, אָנגעצונדן דאָס וואַרעמע לייב, באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער. זי איז מער נישט איינגעשטאַנען, אַ ריס געטון דייוון:

— קום!

זיי זענען געלאָפן. דער רעגן האָט געפּאַטשט אין פּנים, זיך פאַרקליבן הינטער דעם קאָלנער, אונטער די פאָלעס. די הויפּנס בלעטער האָבן געשפּריצט מיט אַ קוויטש, געווייקט די שיך, די זיידענע זאָקן.

זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט צום ערשטן הויז. וואַסער איז גערונען פון די קעפּ, פון די נעז, פון די אויגן, צוגענומען דאָס וואוילױונגערישקייט און צעדרייטע, איינגעקאָרטשעטע, האָבן ביידע אויסגעזעען ווי אונטערגעטוקטע הענער.

אַלע פאַרדראָסן האָט רחלע אויסגעלאָזט צו דייוון, געוואַרמט און געקעכלט הינטער די נאַסע קליידער, אַז ס'איז מער נישט געווען ווי אַן

איינרעדעניש, דייוו איז איר דערווידער. זי האָט געציטערט, געבענקט נאָך אַ וואַרעמער, ליכטיקער שטוב, נאָך אַ הייס גלאָז טיי.

— מיר וועלן אפשר אַריינגיין זעען אַ „מואווי״? — האָט דייוו זיך אָפּגעשאָקלט ווי אַ הונט, וואָס שפּרינגט אַרויס פון וואַסער.

— כ׳מוז זיך איבערטון, כ׳בין פיטש נאַס!

— ביסט נישט נאַסער ווי איך?

— ווילסט אפשר, כ׳זאָל זיך אויסטון פאַר דיר אַ נאַקעטע? — האָבן די אויסגעווישטע אויגן אַ בלישטש געטון ווי קלינגלעך.

— כ׳זע נישט, פאַרוואָס דו ביסט בייז?

זי האָט נישט געענטפערט. דאָס, וואָס דייוו איז אַ שיינער, האָט בא איר איצט קיין ווערט נישט געהאַט. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס ס׳פאַלט אים נישט איין צו נעמען אַ טעקסי און צופירן אַהיים. זי וועט בא אים קיינמאָל גאָרנישט האָבן, וועט לעבן ווי איר מאַמע אין צוויי צימערלעך, פאַרשוואַרצט ווערן. די נכפּה איז אין איר גע-וואַקסן, זיך פאַרקליבן אין האַלז אַריין, קוים געלאָזט אַרויס-רעדן:

— כ׳גיי אַהיים!

— גיי!

זי איז אַרויס אויפן רעגן. דייוו האָט זיך געערגערט פאַרוואָס ער גייט איר נאָך און געשוויגן. באַם הויז האָט רחלע זיך אויף אַ רגע אָפּ-געשטעלט, געזעען, אַז דייוו שטייט מיט אַ טעמפּ פּנים, קלויבט זיך נישט רעדן, האָט זי זיך גענומען הייבן איבער די טרעפּ.

צי דער רעגן, צי דאָס ערגערניש, דייוו האָט זיך מער נישט גע-קענט אַנטקעגנשטעלן. אַ דורכגעווייקטער, אַ צעקראַכענער האָט ער זיך געשלעפּט איבער די טרעפּ, איבערגעציילט עטלעכע זיבעציק. הינטער דער טיר האָט ער דערהערט ווי טאַטע-מאַמע רעדן אויפן קול, קריגן זיך און מיט שטילע טריט גענומען גיין צוריק.

אַ צעפלאַכטענע האָט די מוטער באַגעגנט די טאָכטער, פון גרויס פרייד נישט באַמערקט, אַז זי איז דורכגעווייקט:

— רחלשי קרוין, מיסטער שוואַרץ קען זיך נישט דערוואַרטן אויף דיר, ער האָט דיר געבראַכט אַ בריליאַנט, קאָסט ער פינף הונדערט דאָ-לאַר! ער האָט איינזעעניש, קינד מיינס, אויף טאַטע-מאַמע... אָפּגע-

פ׳נצטערט אַ לעבן און איצט. אַז ס׳מזל וויל אַ שיין טון אויך פאַר אונז, זאָלסטו נישט שטערן...

— כ׳גיי שוין אַרויס פון שטוב! — האָט רחלע זיך אַ שליידער געטון, אָנגעצונדן די טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן געשטעקט אין די פייער־דיקע האָר.

— מאַכסטו אונז אומגליקלעך!

— כ׳קען נישט אַריינגיין ווי אַ נאַסע קאַץ — האָט זי געגומען שפּאַנען מיט די דינע, בויגיקע פיס — וואו וועל איך זיך איבערטון?

— כ׳ברענג דיר שוין אַריין זיך איבערצוטון... וואָס פאַר אַ קלייד, ס׳שוואַרצע?

רחלע האָט נישט געענטפערט. זי האָט אַוועקגעשטעלט די מוטער באַם אויוון, ווי אַ שפּאַנישע וואַנט, אַנגעזאָגט, קיינעם נישט אַריינצולאָזן אין קיך און אַז זי האָט זיך איבערגעטון, איבערגעקעמט, האָט אַ שוואַר־צע גבורה אַרויסגעקוקט פון יעדן בייג אירן.

מיסטער שוואַרץ, אַ הויכער, מיט גלאַט־פאַרקעמטע האָר, וואו איני־דערמיט קאָפּ איז געלאָפן אַ ווייס שנירעלע, האָט זיך פאַרנייגט באַ רחלס אַריינקומען:

— און איך האָב מורא געהאַט, אַז כ׳וועל זיך היינט אויף אייך נישט דערוואַרטן!

— איר דאַרפט דאַנקען דעם רעגן! — האָט רחל אַ שנירל געטון.

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, רחלע — האָט מיסטער שוואַרץ זיך געפילט היימיש — כ׳בין עלטער פון אייך און כ׳האָב זיך אייך ליב אַרומצושלעפּן אויף אַ רעגן!

— מיסטער שוואַרץ מיינט אוודאי אין אַן אויטאָמאָביל, — האָט די מוטער אַרויסגעהאָלפן שוואַרצן, זיך איבערגעקוקט מיטן מאַן און ביידע האָבן געשעפּט נחת.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן, — האָט שוואַרץ זיך געשפּילט מיט אַ גאָלדן רינגל, עס געדרייט אויפן קליינעם פינגער און דער בריליאַנט, גרויס ווי אַ צוקער־אַרבעס, האָט געשפּריצט מיט גרין, רויט און פּאָנס — שטייט מיין אויטאָמאָביל אין גאַראַדזש, כ׳נעם אים זעלטן אַרויס!

ס׳גלעקל אין קיך האָט אַ כריפּע געטון. איינציקווייז האָבן טאַטע־מאַמע זיך אַרויסגעשאַרט, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

— ווער איז ? — האָט די מוטער געגרעגט.

— איך, דייוו.

— רחלע שלאָפט שוין, געקומען א דורכגעווייקטע. . . אנטשולדיק, דייוו, וואָס כ'עפן נישט, כ'בין שוין אויך אויסגעטון. . .

און אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך איינגעהערט ווי דייוו שפרייזט איבער די טרעפ, האָבן ביידע פאַרוואָרפן די הענט צו דער טיר, אויסגעבייטלט :

— פטור, אַבי געגאַנגען !

רחלע האָט געוואוסט, אַז מיט איר פאָטערס פאַרמעגן קען זי נישט אויסנעמען, אויך נישט מיט די צוויי צימערלעך, וואו דער דלות איז געווען פאַרדעקט מיט טישטעכלעך, מיט אויסגעהאָפטענע קישעלעך. געפעלן דאַרף זי, רחלע. האָט זיך ס'פּיסקל נישט אויפגעהערט שנירלען, דער רויטער שויבער פלעמלען און די דינע פיס זענען נישט איינגעשטאַנען, פאַרשאַ־ס, פאַרווישט איר גאַנץ לעבן ביז צו זעכצן יאָר.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען רחלע איז געלעגן אין בעט, שוין געשלאָפן, איז די מאַמע נאָך געזעסן צוקאָפנס. לייכט געקעמט מיט די פינגער דער טאָכטערס האָר, געהאַט גרויס פרייד, וואָס דער בריליאַנט פינקלט אַראָפ פון רחלס הייסער האַנט, צינדט זיך אין גרין, רויט און פאַנס.

# א האַנט

מיט בערלס אָנקומען איז אויף דער פאַרוואָרפענער פאַרם לעבעדיקער געוואָרן. ער האָט פאַריאָגט דעם אומעט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די גרויע לאָנקעס, פון די זייטיקע, זאַמדיקע וועגלעך, וואו זעלטן אַ מענטש איז דורכגעפאָרן און די נאַכט איז מער נישט געקומען אויף דער פאַרם מיטן אָוונט...

בערל איז אָנגעפאָרן אַ שעה פאַר מיטאָג, און באַם עסן האָט ער שוין אַלעמען גערופן באַ די נעמען, געשפאַסט מיטן עולם, ווי מיט אַלטע באַקאַנטע.

נאָכן מיטאָג האָט בערל זיך געשאַרט ווי אַ געשפאָרעטער האָן פון אַ קרענצל ווייבלעך צו אַ קרענצל מיידלעך. מיט זיין וואוקס און לשון האָט ער אָפגעשטופט און באַזייטיקט די יונגעלייט, וואָס האָבן פרובירט אים זיך אַוועקשטעלן אין וועג.

קיין רייד האָבן אים כלל נישט אויסגעפעלט. ער האָט געהאַט צו יעדער צייט און פאַר יעדער איינער אַ פאַסיק וואָרט, און אַז ער האָט גערעדט מיט אַ מיידל, צי מיט אַ ווייבל, האָט ער זיי אַזוי קונציק אַריינגעצויגן אין געשפרעך, אַז יעדע איינע האָט זיך דערפילט געהויבענער, געוואָרן אַ שותף צו בערלס רייד.

איין רחל איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן עולם. אויף די פריערדיקע יונגעלייט האָט זי זיך אפילו נישט אומגעקוקט, נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט „וויסטע אַרבעטער". זי האָט געהאַלטן אין איין איבערנעמען זיך, געטענהט, אַז אויב שוין יאָ חתונה האָבן פאַר אַ באַלמעלאָכע, קען זי פאַר צוויי מיטאָמאָל. דען זי, רחל, פאַרדינט צוויי מאָל אַזוי פיל וויפיל אַן אַרבעטער. זי האָט געזוכט אַ „פּראָפעשאָנעל", געווען זיכער. אַז

הײנט, מאָרגן װעט זיך איר אונטערדרוקן אַ דענטיסט צי גאָר אַ דאָקטאָר, װאָס האַלט באַם ענדיקן.

איצט, װען ס'איז פון דער ערשטער מינוט געװאָרן אַזאַ גראַטשקע אויף דער פאַרם מיט בערלען, האָט עס רחלען פאַרדראָסן.

— װאָס זאָגט איר נישט צו אונזער ביסל װײַבער? — האָט רחל זיך אַרײַנגעדרײט אין אַ פּאַסמע מײדלעך. — מען איז צוגעפאַלן צום יונג, װי צו אַ הײס ברױט! װאָס אמת, הײבט ער מיר נישט אָן צו גע־פעלן!

— מיר אויך נישט — האָט אַ מײדל מיט אַ שטיקל הויקער זיך אָנגערופן.

— גאָלדענע רײד, אסתּר — האָט אַ יונג אַרומגענומען ס'הויקערל — װאָס, שײן איז ער? פּונקט װי איך. נאָר גײ װײס, אַז ער געפעלט פּאָרט װײַבער.

די אַרומיקע האָבן זיך צעלאַכט. רחל האָט אַ קוק געטון אויפן הויקערל און מיטגעלאַכט.

בערל איז באַלד נאָכן עסן פאַרשװוּנדן. ער האָט אויסגעפונען, אַז עטלעכע מײל פון דער פאַרם איז פאַרהאַן אַ רײט־אַקאַדעמיע. בערל האָט זיך דורכשפּאַצירט אַהין, גענומען אויף צװײ שעה אַ פערד און איז צוגעריטן צום פאַרם.

אויפן פערד האָט ער נאָך אויסגעזעען װאױליונגערישער. אַ הױ־כער, אַ גלײַכער, מיט אַ ליכטיקן שױבער האָר אין די אויגן. ער איז, דאַכט זיך, נישט געזעסן, געשטאַנען אויף די זאָטל־טרעטערס, װי ער װאָלט אויסגעװאַקסן פונם פערד, װאָס איז נישט אײַנגעשטאַנען, זיך גע־דרײט פאַר דער װעראַנדע, זיך געהאַנדלט מיט די פאָדערשטע קאָפּי־טעס.

די װײַבער האָבן זיך צעשטעלט אויף די טרעפּלעך, געקריגן די נכפה פאַרן יונג. בערל האָט פאַרװאָרפן אַ פוס, װאױלעריש אַראָפּ פון פערד.

— װער פון אײַך װיל זיך לערנען רײַטן? — האָט ער געגלעט דאָס פערד איבערן בויך, געװאָלט אײַנשטילן דאָס האַסטיקע פרײַכן.

— איך — איז אַ מײדל אַראָפּ פון די טרעפּלעך, זיך באַגעגנט מיטן פערדס אויג און איז אָפּגעשפּרונגען — כ'האָב מורא!

— אַזאַ הויך פערד — האָט אַ צווייטע זיך אַ שאַר געטון אויף צוריק, ווי אַן איבערגעשראָקן שעפּסל.

— לערנט מיך — האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ מיידל אין אַ פּאָר ניקערס.

בערל האָט איר געהאָלפן אַרייַנזעצן זיך אין זאָטל און גענומען פירן ס'פערד פאַרן ציימל. ס'איז געווען אַ רחמנות אויפן מיידל. זי איז געזעסן אַ פאַרלוירענע, אַ געבויגענע, אויסגעזעצן, אַז זי וועט זיך באַלד צעשרייַען.

רחלען האָט פאַרדראָסן, וואָס בערל קוקט זיך אפילו נישט אום אויף איר. איצט ערשט האָט זי זיך אַרומגעזעען, אַז אַזאַ געוויקסיקן יונג זעט מען זעלטן צווישן יידן. בערל איז איר געפעלן.

— און איר, מיס — —

רחל האָט זיך גלייך נישט געכאַפּט, אַז בערל רעדט צו איר, שלאָגט איר פאָר ס'פערד צום רייַטן. ס'איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, דאָס זי האָט קיין צייט נישט געהאַט אָפּצומאַכן באַ זיך, צי זי זאָל אַרויף אויפן פערד, צי נישט. זי האָט זיך אַ לאָז געטון צו בערלען, ווי זי וואָלט אייַנגעשטימט, און אַז זי איז שוין געשטאַנען לעבן פערד, עס אַ גלעט געטון, האָט זי זיך אָנגערופן

— ניין, אַ דאַנק.

— איר דאַרפט נישט מורא האָבן, ס'איז אַ שטיל פערד — האָט בערל אַ נעם געטון רחלען פאַר דער טאַליע, און איידער וואָס־ווען איז זי שוין געזעסן אין זאָטל.

זי האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך געהאַלטן מיט אַלע צען פינגער נישט נאָר פאַרן ציימל, נאָר אויך פאַר דער גריווע. זי האָט נישט געפילט אונטער זיך ס'פערד, זיך געהויבן ווי אויף שטאָלצן, פון וועלכע זי האָט יעדע רגע געקענט אַראָפּפאַלן און זיך געבעטן:

— כ'פאַל.

ווי מיט אַן אייַזערנער שטאַבע האָט בערלס האַנט זי אַרומגענו־מען פאַר דער טאַליע, צוגעהאַמערט צום זאָטל און די פרייד און זיכער־קייט פון רייַטן האָט אַרויסגעשריגן פון יעדן ביינדל. דעם גאַנצן נאָכמי־טאָג האָט זיך רחל נישט געקענט באַפרייַען פון בערלס האַנט, וואָס האָט

שטייפער געמאַכט ס'לייב, אַזוי האָט נאָך קיין איין מאָנסביל זי נישט אַרומגענומען.

ס'איז נאָך געווען גרויסער טאָג, ווען דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון נאָכן עסן אויף דער לאָנקע. בערל איז אויסגעוואַקסן לעבן רחלען. פאַרלעכווייז האָט מען זיך צעשאָטן איבערן פעלד, פאַרקראָכן אין וועלדל. מען האָט זיך פאַרלוירן ווער הינטער אַ בוים, ווער הינטער אַן אויסגעגראָבענעם קאָרטש.

בערל האָט דערציילט רחלען וועגן זיך, ווי ער איז דורכגעפאָרן „מידעל־וועסט" אין אַ קליין שיפל, אַ שיפל מיט שאַכבערעטלעך. ווען ער האָט עמעצן מיט זיך, וואָלט ער איצט ווידער געמאַכט אַזאַ רייזע. פאַרסט טעג און אַ חוץ אָפענע בערלינקעס מיט משא באַגעגנסטו נישט.

די רייד פון די צעוואָרפענע פּאָרלעך זענען געוואָרן אַלץ שטילער, זעלטענער, ביז מען האָט זיי אינגאַנצן מער נישט געהערט צווישן דעם איינטאָניקן זשומען און שושקען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די ביימער, פון די בושעס, פון טיפן גראָז.

נישט בערל, נישט רחל האָבן באַמערקט, ווי ס'איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן. ביידע האָבן זיך נישט געקענט דערמאָנען צי ס'איז געווען אָוונט, צי די זון האָט זיך געזעצט. ס'האָט אויסגעזעען, ווי דער טאָג וואָלט אַריבערגעשפּרונגען דעם פאַרנאַכט און ס'איז נאַכט געוואָרן.

בערל האָט זיך אַ צי געטון, מיטגעשלעפּט רחלען אויף דער פּאָכיקער ערד און מיט אַ פאַרמאַכט מויל זיך צעברומט:

טווידעלדי, טווידעלדי, טוואום
קעטש ע ניגער ביי דהי טהום.

די ריפּן האָבן זיך באַ רחלען אָנגעצויגן, ווי רייפן אַרום אַן אָנגעקוואָלן פאַס וואַסער. די ביינער האָבן געקנאַקט, דאַכט זיך, איבערגערוקט זיך. ס'האָט זי נאָך קיינער אַזוי נישט אַרומגענומען, נישט געוויגט אויף אַזעלכע זיכערע הענט, געהויבן צום שטערן, וואָס האָט געבלינצלט איבער איר.

טווידעלדי, טווידעלדי, טוואום
קעטש ע ניגער ביי דהי טהום.

מיטן וועקן זיך פון די בהמות האָט בערל אַ הייב געטון רחלען און זי אויפגעשטעלט. די נאַכט האָט זיי דורכגעגנימען ווי מיט מאָן-געטראַנק. זיי האָבן זיך לאַנג געזעגנט, זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין צימער און איבערגעכאַפּט אַ געזונטן דרימל, גלייך זיי וואָלטן דורכגעשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

פרישע האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט, זיך מער נישט געשיידט באַם עסן. אויף דער צווייטער נאַכט האָבן זיי אָפּגעשטעלט אַ חתונה, געווען דאָס גליקלעכסטע פּאָרל אויף דער וועלט.

— ווייסט בערל, קיינער קען נישט אַזוי אַרומנעמען ווי דו ? — האָט רחלע זיך באַקוועם אָנגעשפּאַרט אָן אים.

— ווי נעמט דען אַן אַנדערער אַרום ? — האָט בערל געשמייכלט.

— אַן אַנדערער... אַן אַנדערער — האָט זיך רחל פּלומרשט געברוגזט — ס'דאַרף דען זיין אַן אַנדערער ? אַז דו אָבער נעמסט אַרום, קנאַקט יעדעס ביינדל...

— אַזוי מיינסטו ? — האָט בערל זי אַ כאַפּ אַרום געטון, ווי מיט אַ צוואַנג.

— וועסט מיר צעברעכן אַ ריפּ, בערל — איז זי געבליבן אַ פּאַרחלשטע אין זיינע הענט — כ'קען דעם אָטעם נישט כאַפּן... גענוג, גענוג, ניטע...

— ווייסט, פאַרוואָס כ'קען אַזוי אַרומנעמען ?

— ווייל ביסט שטאַרק.

— ווייסט נישט.

— פאַרוואָס דען ? — איז רחל געוואָרן נייגעריק.

— ווייל כ'האָב אַ הילצערנע האַנט.

— לאַכסט...

— כ'לאַך נישט... אסור...

— גיי, שפּאַסט...

— ווילסט זעען ?

— יאָ.

ער האָט אַ דריי געטון די האַנט ווי אַ שרויף, אַראָפּגענומען אַ שטיק האַנט ביז צום עלנבויגן און זי איר אונטערגעטראָגן. זי האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט און זיך אָפּגערוקט, אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש:

— נעם עס צו!
בערל האָט געוויגט די אָפּגעשרויפטע האַנט, געקוקט אין דער נאַכט אַריין און צוגעפייפט מיט די ליפּן:

טווידעלדי, טווידעלדי, טוואום,
קעטש ע ניגער ביי דהי טהום.

# אין אַ קאַלטער נאַכט

אין שלאָף האָט בינשטאָק געהערט, ווי דער ווינט שראַגט זיך איבער די ליידיקע באַנגעלעס, פּלאָנטערט זיך אין די געדראָטעוועטע טירן, ווי אין גרויסע פּירעקיקע זיפּן, רייסט זיך מיט אַ פּייף. ער האָט געעפנט די אויגן. באַם טרעפּל איז געשטאַנען די באַלעבאָסטע, געפּויקט מיט צוויי פינגער איבער די געשוואָלענע דראָטן, ווי איבער אַ גיטאַרע:

— אַ פּאָפּעניש. . .

— שוין, שוין, כ׳עפן גלייך.

בינשטאָק האָט אַ כאַפּ געטון אויף זיך אַ פּאָר הויזן, אַ סוועטער. ער איז אַריין אַ באָרוויסער אין די האַלבע שיך, וואָס זענען אַמאָל געל געווען און איצט געהאַט דעם קאָליר פון בראָט-יויך, און איילעניש האָט בינשטאָק פאַרדעקט מיט דער קאָלדרע דאָס בעטל און מיט אַלע צען פינגער גענומען אַרויפקעמען די שוואַרצע פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן געפינקלט ווי געפּוצטע שטיבלעטן.

שוין אַ חודש ווי בינשטאָק האָט געוואַרט אויף דעם וויזיט, געוואוסט פון בעסין, אַז די מאַמע אירע וויל זיך מיט אים דורכשמועסן. ער האָט זיך אָבער נישט געריכט, אַז זי וועט אַריינפאַלן באַלד אינדערפרי, ווען אין צימער איז אַזאַ „הליכה”.

די באַלעבאָסטע, מיסעס גרעגנט, אַ הויכע, אַ פליישיקע, מיט אַ פּאַרריסענעם האַלז ווי באַ אַן אָנגעקראַצטער קו, איז געווען אָנגעטון ווי איזעקצופאָרן. זי האָט געהאַלטן אין צרענדע עטלעכע באַנגעלעך באַם ים, אַריינגעלאָזט אין זיי באָרדערס, וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

ווען דער עולם איז זיך צעפאָרן, איז מיסעס גרענט פאַרבליבן מיט זיי קינדער — פינף מיידלעך. בעסי איז געווען די עלטסטע. איצט, ווען זיי נעכט האָבן אָנגעהויבן צו ווערן קעלטער, דער ים שטורעמדיקער, האָט מיסעס גרענט זיך געקליבן אין שטאָט אַריין, געפאָרן דינגען אַ דירה.

זי האָט מיט ביטול באַטראַכט די פּאָר נישט פאַרענדיקטע בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ברעטערנע ווענט. די זעקעלעך אונטער די אויגן האָבן קלענער געמאַכט די שוואַרצאַפּלען, וואָס זענען געזעסן זיכער, קלוג, געטעגהט, אַז מיט אַזעלכע „מאַלעוואַנקעס" איז זיך נישטאָ וואָס איבערצונעמען, און מפּרנס זיין אַ ווייב קען מען אוודאי נישט.

— טאָ ווי בלייבט עס? — האָט מיסעס גרענט אָנגעהויבן, ווען זי האָט פאַרענדיקט מיט דער טאָכטער. — זאָל איך נעמען אַ גרע־סערע דירה? בעסי האָט מיר געזאָגט, אַז איר קלויבט זיך חתונה האָבן.

און ס׳גאַנצע פּנים אירס האָט געהאַט צו זאָגן: „אַז דו האָסט זיך געקענט אַרומשלעפּן מיט דער מויד אַ גאַנצן זומער, קענסטו חתונה האָבן".

— און אַ לעבן, מיסעס גרענט, דאַרף מען מאַכן? — האָט בינ־שטאָק אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ האָ״, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע ווערטער, און אויסגעזעען לעקעשעוואַטע.

— ווי מען נעמט זיך אונטער, אַזוי העלפט גאָט — האָט די באַ־לעבאָסטע גערעדט אירס. — איר וועט מאַכן אַ לעבן.

— ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי.

— איך בין דערפאַר, איר זאָלט איצט חתונה האָבן.

— כ׳קען נישט, מיסעס גרענט — האָט בינשטאָק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אויב איר קענט טאַקע נישט — האָט מיסעס גרענט זיך אַ שטעל געטון אין איר גאַנצער גרייס — באַצאָלט וואָס ס׳קומט מיר און טראָגט אייך אויף אַלע פיר זייטן! אַבי אַ סוף! נאָך היינט, איר הערט?

זי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, געשליידערט, וואָס ס׳איז אַ־ר

געקימען אונטער דער האַנט, און פון אַ שכניש באַנגעלע האָט זיך גע־טראָגן איר קול:

— כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט דיר גישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַזאַ שלעפער! ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט ברעכן רוק־און־לענד, דאָס קעסט־קינד!

אַז די געשרייען האָבן אויפגעהערט, איז בינשטאָק אַרויס אויף דער ווערענדע, געקוקט מיט פרעמדע אויגן און זיך געחידושט, וואָס די באַנ־געלעס, אויף הינערשע פיסלעך מיט די אָפּגעריסענע דראָטן אַרום די פענצטער, זענען פאַרקלאַפּט.

אַ פאַרשוימטער איז דער ים אַנגעלאָפן אויפן ברעג, אָפּגעווישט דאָס זאַמד ווי מיט אַ צונג און אויסגעשפּיגן אַ ווייבערישן צעווייקטן שוך.

בינשטאָק האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש, געקוקט אויפן ים, אויפן ווייבעריש שוך און געטראַכט, אַז דער שוך איז אַמאָל געזעסן אויף אַ פיסל, דאָס פיסל האָט געהאַט אַ געליבטן, האָט דער געליבטער נישט געוואָלט חתונה האָבן און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, ביז דער ים האָט אויסגעשפּיגן דעם שוך.

די לופט אַרום ברעג איז פול געווען מיט אַ דראָבנע רעגנדל, נאַס געמאַכט דעם פּאַרענטש. בינשטאָק האָט זיך גערוקט צום פענצטער, וואו דער צעטרענצלטער זומער איז געהאַנגען אויף די הילצערנע לייוונטן, זיך געלייגט איבער די פלייצעס. און פאַר די אויגן האָט זיך געקייקלט דער ים, גרייט געווען אָפּצושווענקען די געפּטרטע זומערס, געבויט אָן אַ שיעור שוימיקע שלעסער.

בעסי, אין אַ קורץ קלייד, וואָס האָט צוגענומען בּאַ איר אַ פּאָר יאָר, איז אַרויס אויף דער ווערענדע. זי האָט אַריבערגעוואָרפן דעם לאַנגן, קאַשטאַנעוואַטן צאָפּ פון פּאָרנט, ווייל אַזוי האָט זי אויסגעזען נאָך יינגער און אַליין נישט געוואוסט, צי זאָל זי זיין אָנגעברוגזט, צי נישט.

— איצט, אַז דו האָסט זיך צעקריגט מיט דער מאַמען, ביסטו צו־פרידן?

בינשטאָק האָט נישט געענטפערט, גלייך ווי מען וואָלט צו אים נישט גערעדט, און פאַרעקשנט געקוקט אויפן ים.

— מען רעדט דאָך צו דיר! — האָט בעסי אַריינגעלאָזט אירע פינגער אין זיינע פּאַסמעס האָר.

ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער אירע הענט, געבליבן שטיין אין אַ ווינקל:

— וואָס האָט איר זיך היינט אָנגעזעצט איבער מיר?

בעסי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער האַנט, די האַנט אָן פּאַרענטש און זיך פונאַנדערגעוויינט.

בינשטאָק האָט נישט געקאָנט הערן ס'געוויין. ער האָט זי אָנגע־בוזען פאַר דער גאָמבע:

— וואָס וויינסטו?

— לאָז מיך אָפּ, כ'האָב דיך פיינט!

— דו ווייסט דאָך, אַז כ'קאָן איצט נישט חתונה האָבן.

— פאַרוואָס?

— אַז כ'וועל איצט חתונה האָבן, דאַרף איך מאָרגן זיך אַוועק־שטעלן מאָלן שילדן, זיך אַרויסשלאָגן דאָס מאָלעריי פון קאָפּ! וואָס טוט בען? ער שמירט ווענט, סופּיטן, רעדט נישט מער וועגן פאָרן קיין פּאַריז.

— דו וועסט יאָ פאָרן! — האָבן בעסיס פאַרוויינטע אויגן אַ בלישטש געטון — איך וועל גיין אַרבעטן און דו וועסט פאָרן.

— האָסט שוין אויף דיין לעבן אַ סך געאַרבעט.

— כ'האָב נישט געדאַרפט, האָב איך נישט געאַרבעט, איצט וועל איך אַרבעטן.

— פוסטע רייד — האָט בינשטאָק אַריינגעמאַכט די הענט אין די קעשענעס.

בעסי האָט אַריבערגעוואָרפן דעם צאָפּ, געשטאַנען מיט אָנגעדראָ־לעוועטע באַקן, מיט קישעלעך אונטער די אויגן, געוווען ענלעך צו דער מוטער, די אויגן האָבן זיך געקווענקלט, זיך געשוובט צו זיי זאָלן איינ־שטעלן די לעצטע סטאַוקע. ס'האָט אָנגעהאַלטן אַ מינוט. די מאַמע האָט פון איר אַרויסגערעדט:

— נעם די זאַכן דיינע און גיי! כ'וויל דיך מער נישט קע־בען!

זי האָט אַן עפן געטון די טיר. אַ שוועסטערל פון אַ יאָר זעקס־זיבן איז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ צעקרימט פּנימל:

— ס'הונגערט מיך.

זי האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט, געקוקט אויף בינשטאָקן מיט אַ צעפּלאָסן פּייערל, און די נאָזפליגל האָבן זיך געררייכערט:

— די מאַמע האָט מיר אָבער געזאָגט!

בינשטאָק האָט זיך געלאָזט צו בעסין, געוואָלט איר עפּעס זאָגן, האָט זי אים אונטער דער נאָז פאַרקלאַפּט די טיר. ער האָט איר געוואָלט נאָכלויפן און גענומען שפּרייזן איבער דער וועראַנדע. די נכפה האָט אים געגעסן, געוואַקסן מיטן אייגענעם שפּאַנען, מיטן קייקלען זיך פון די כוואַליעס. ער האָט אַריינגעמאַכט די הענט אין די אַרבל פונם סוועטער, אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און זיך געלאָזט מיטן ברעג.

שפּעט אין דער נאַכט איז בינשטאָק אַהיימגעקומען.

אַ קאַלטער ווינט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, אָנגעקומען פון ים מיט פאַרשטיקטע קולות, גלייך אין דער פינצטערניש וואָלטן זיך געראַנגלט מענטשן מיט די קאַלטע כוואַליעס, גערופן צו הילף.

אַ דורכגעפרוירענער, אַ נאַסער, האָט בינשטאָק זיך געדרייט צווישן די באַנגעלעך, עטלעכע מאָל אַריין צו זיך אין צימערל, נישט געקענט איינזיצן. דער ווינט האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די ווענט, איבער דער סטעליע, איבער דער פּאָדלאָגע, אַרויסגעטריבן אינדרויסן. בינשטאָק האָט זיך אונטערגעגנבעט צום פענצטער, וואו בעסיס בעטל איז געשטאַנען, און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבן. ער האָט אויפגעכאַפּט, ווי זי דרייט זיך אויפן געלעגער, זיפצט, פאַרגעסן, אַז ער איז מיט איר ברוגז און אָנגעקלאַפּט אין אַ שויב. אַ פּנים מיט צעלאָזטע האָר האָט זיך אַ הייב געטון, זיך איינגעקוקט אין דער שויב, דערזעען בינשטאָקן און זיך באַהאַלטן.

— בעסי, בעסי!

— וואָס שוין ווידער?

— די מאַמע איז צוריקגעקומען פון שטאָט?

— און אַז נישט געקומען, וואָס גייט עס דיך אָן?

בינשטאָק האָט חרטה געהאַט אויפן ברוגז, גרייט געווען אַלץ צו־

צוזאָגן, אפילו מאָרגן אַ חופּה שטעלן, אַבי בעסי זאָל אים אַריינלאָזן. די ציין האָבן זיך באַ אים געטרייסלט פון קעלט, און די שטייפע קני־ האָבן זיך געהויבן איבער די טרעפּלעך, געשטופּט די צוגעקייטלטע־ טיר:

— בעסי, בעסי, אוצר מיינער...

# אַ טעות

העניעטע קיסלינג האָט זיך באַגעגנט מיט איר פאָטער אויף די טרעפּ. זי איז רויט געוואָרן, די רויטקייט האָט זיך אָבער נישט אָנגעזעען, געבליבן ערגעץ אין דער טיפעניש פון די באַקן. די ברוינע, גלאַטיקע הויט איז פרישער געוואָרן און די שוואַרצע אויגן האָבן געפלעמלט.

— וואו גייסטו, העניעטע? — האָט דער פאָטער געוואָלט אַרומנעמען די טאָכטער, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עס קיינמאָל נישט געטון, און באַהאַלטן אין זיך די פרייד.

— כ'גיי אין טעמפּל, — האָט זי געזאָגט אַ ליגנט, און דאָס יונגע בלוט האָט זיך אַ הייב געטון אין פּנים אַריין.

— אָ, היינט איז פרייטיק, — האָט דער פאָטער זי צוגעפירט צו דער טיר פון פעדערהויז, איינגעהאַלטן אין זיך די וואַרעמקייט נישט אַזוי צו דער טאָכטער, ווי צום געדאַנק, אַז זי גייט אין זיינע דרכים און לייכט זיך גענומען הייבן איבער די טרעפּ, געגאַנגען אין שטוב אַריין.

העניעטע האָט אים נאָכגעקוקט, אַ טיר האָט זיך געעפנט, אַ ווייסע ליכטיקער געמאַכט דעם חלל, באַלד צוריק איינגעלאָפן און אַ פינצטערער שטח האָט אָפּגעטיילט די טאָכטער פונם פאָטער.

העניעטע איז געבליבן שטיין אויפן טרעפּל, געבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער דער שטילער גאַס. די היץ פון די באַקן איז מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן און זי האָט אויפגעציטערט, כאָטש דער פאַרנאַכט איז געווען אַ וואַרעמער.

אירע ניינצען יאָר האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן — גרויע, קילע, ווי דער טעמפּל, וואוהין זי גייט יעדן פרייטיק־צו־נאַכט. אַלע אין שטוב לעבן

מיטן פאָטער. מיט זײַנע פּלענער, וואָס קײנער פאַרשטײט נישט און וואָס גײען קײנעם נישט אָן.

זי האָט אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ האַר, אַ פּלאַטער מיט די דורכזיכטיקע קלײדלעך, ווי זי וואָלט דערמיט אָפּגעשאָקלט יעדע זאָרג און זיך געלאָזט מיט דער גאַס.

העגריעטע איז מיט אַן אמת געווען געראָטן אין פאָטער. אין זײַנע דרכים אָבער איז זי נישט געגאַנגען. אַ שטילע, אַ פאַרשלאָסענע, האָט זי אויסגעפּאָלגט אַלץ, וואָס מען האָט איר געהײסן און נאָכגעקוקט דעם פאָטער מיט יענער קנאה, וואָס מענטשן מיט אַן אײגענעם ווילן האָבן.

דער פאָטער האָט בײַ יעדער געלעגנהײט געלאָזט וויסן, דאָס ער האָט אויף זײַן לעבן נישט דורכגעלײענט קײן אײן ראָמאַן. אינגאַנצן אמת איז עס נישט געווען. פון די עטלעכע ראָמאַנען, וואָס ער האָט דורכגעלײענט פאַר זײַנע פופציק יאָר, האָט ער אַ טײל פאַרגעסן און אַ טײל פאַרלײקנט. אין תוך האָט ער זיך שטענדיק געחידושט, ווי באָך מען קען פטרן צײַט אויף מעשה־ביכלעך. באַקאַנטע האָבן זיך בײַ אים געטײלט אין מענטשן, וואָס לײענען ראָמאַנען. פון די האָט ער ווײניק געהאַלטן, זיך קײנמאָל נישט פאַרלאָזט אויף זײ. זיך האָט קיסלינג צוגערעכנט צו די וויסנשאַפטסלײַט, געגלײבט, אַז אויף זײ שטײט די וועלט.

פון אַ ייִנגל, אַ צײכנער, איז קיסלינג געוואָרן אַן אינזשעניער, וואָס האָט זיך באַטײליקט אין די באַרימטסטע הענג־בריקן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די שטאַטן.

דאָס, וואָס קיסלינגס אַ בריק האָט שטענדיק געשטימט מיט זײַן אויסרעכענונג, קײנמאָל נישט אָפּגעטון קײן שפּיצל, נישט אײַנגעפאַלן, האָט אים צוגעגעבן די האַרטקײט און גלויבן אין זיך.

וואָס קיסלינג האָט נישט אונטערגענומען, האָט ער דורכגעפירט. און אויב די גאַס האָט געקוקט אויף אים מיט שטאָלץ און קנאה, האָט ס'ווײַב אים פאַרגעטערט. ס'גאַנצע הויז האָט געלעבט מיט אים, צוליב אים.

ס'איז קיסלינגען נישט אָנגעגאַנגען, וואָס צײַטונגען שרײַבן וועגן אים. געווען אָבער זיכער, אַז ס'ווײַב שנײַדט אויס יעדעס אַרטיקל,

יעדע נאַטיץ, קלעפּט עס איין, און אויף די בייכיקע רוקנס פון די בי־כער איז געשטאַנען אָנגעשריבן מיט איר כתב: — וועגן אינזשיניער קיסלינג.

הענריעטע, די איינאונאיינציקע טאָכטער, האָט זיך אַרומגעדרייט אין הויז. מיט דער מוטער האָט זי נאָך אַמאָל אַ שפּאַס געטון. אין קעגנוואַרט אָבער פון פאָטער האָט זי נישט קיין וואָרט אויסגע־רעדט.

ווען העגריעטע איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט דער פאָטער אויס־געאַרבעט אַ פּראָגראַם און לויט דעם פּראָגראַם האָט מען ס'קינד אויפגע־בראַכט. קיסלינג האָט נישט געהאַלטן פון פאָלקס־שולן, פון מיטל־שולן, געטענהט, אַז מען גיט צופיל צייט אָפּ פאַר באָבע־מעשיות, מען פאַרזעט די וויסנשאַפט.

העגריעטע האָט געלערנט אין שטוב. כמעט נישט אָנגעזעען קיין קינדער און געוואַקסן אַ שווייגנדיקע, אַ שטומע שיינקייט. ווען־נישט־ווען האָט דער פאָטער געוואָרפן אַ בליק אויף דער טאָכטער, פון דער זייט, ווי ער וואָלט גאַרנישט אויסן געווען. דער בליק אָבער איז פול געווען מיט יענער מבינות פון אַ מענטש, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט דורכ־געפאַלן.

קיסלינג האָט שטיל נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר. ער האָט אין קאָ־רידאָר אויסגעטון דעם ראָק מיטן קאַפּעליוש און איז אַריין אין באָד־צי־מער וואַשן די הענט.

ער האָט זיך געזעצט באַם געגרייטן טיש, צעלייגט איבער די קני אַ ווייסע סערוועטקע. אין אַ ווינקל אויף אַ דרייפיסיק טישל האָבן גע־ברענט צוויי שבת־ליכט אין אַלטע זילבערנע לייכטער.

קיסלינגס אויגן האָבן זיך געשאַרט צווישן די צעשטעלטע מאכלים. ער האָט זיך צוגערוקט אַ שטיק געפילטע פיש, נישט געקוקט אויפן ווייב און אין זיינע ווערטער איז געווען די זיכערקייט, אַז מען הערט זיך אין זיי גוט איין:

— הילדהיים לאָזט מיך נישט אָפּ, וויל זיך דווקא משדך זיין מיט אונז. אַ שיינע משפחה...

— כ'האָב דעם זיידן זייערן געקענט, געווען רב אין פראַנקפורט — האָט ס'ווייב, אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ גלות־פּנים, וואָס וואָלט געגוג

געווען פאר דריי דיינטעס, זיך אָנגערופן — מען דאַרף אַ רעד טון מיט העברייעטען.

— מיט העברייעטען? — האָט קיסלינג אַ הייב געטון די אויגן, זיי צוריק אראָפּגעלאָזט צווישן די מאכלים און אין די קנייטשן אויפן פנים איז געווען קענטיק, אַז ער האָט שוין אַלץ איבערגעטראַכט און ס'איז בלויז געבליבן דורכצופירן, וואָס ער האָט פאַר גלייך — ווייסט זי כאָטש, העבריעטע, אַז די נייע בריק איבערן האָדסאָן איז דעם יונגן הילד־היימס?

ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער, געהאַט זיין אייגענעם וועג, געוואוסט, אַז ס'נעמט טויזנטער אינזשיניערן ס'זאָל אַרויסקומען אַ הילדהיימס. ווער ווייסט עס בעסער אַזוי ווי קיסלינג.

נאָכן עסן איז ער אַרייַן אין זיין קאַבינעט, וואו אַזוי פיל פלענער זענען פאַרטראַכט און דורכגעפירט געוואָרן. דאָס צימער איז געווען פול מיט ביכער־שענק. די ווענט באַהאָנגען מיט פלענער, מיט בריקן.

קיסלינג האָט פאַרדרייכערט אַ ציגאַר און זיך אַריינגעזעצט אין דער ווייכער שטול, וואָס איז געשטאַנען בײַם שרייב־טיש, ס'איז איז געפאַלן אויף אַ קאָנווערט, אַדרעסירט צו אים.

— דאַכט זיך העבריעטעס האַנטשריפט.

ער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט, אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט זיין אייגענער פירמע און גענומען לייענען. די אָפענע אויגן זענען ברייטער געוואָרן, עטלעכע מאָל זיך איינגעקוקט אין דער טאָכטערס אונטערשריפט צי ער האָט נישט קיין טעות.

די טאָכטער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט בעניָן, אַ ווייטן קרוב, וואָס שרייבט צו־גוטע דראַמעס מען זאָל זיי קענען שפּילן.

קיסלינג האָט זיך אויפגעשטעלט. דער בריוו איז געבליבן הענגען צווישן זיינע צוויי פינגער און אַ מינוט האָט ער געהאַט, אַז אויב דער בריוו וועט אַרויספאַלן, דרייט זיך אַלץ איבער מיט די פיס אַרויף.

ער האָט אַ רוף געטון:

— גערטרודע!

ס'ווייב איז אַריינגעקומען מיט דרך־ארץ, אויף די שפּיץ נעגל.
זי האָט מיט ביידע הענט אַ נעם געטון דאָס שטיקל פּאַפּיר, און אַז זי
האָט אָנגעהויבן לייענען, האָט קיסלינג אָפּגעזיפצט:
— נישט גוט אויסגערעכנט, נישט גוט!

# אין אַ קעלער־שטוב

שבת נאָכן שלאָף. אין קעלער־שטוב, אויף העברי־סטריט איז שטע־דיק טונקל. די פענצטער־ראַמען, וואָס שטייען אַ פוס פונם טראָטואַר, זע־נען דורכגעגעסן פון רעגן־וואַסער. די שויבן גלאָזן „פּאַרמאַזשעטע", לאָזן נישט דורך קיין ליכט.

שרה איז אין די הויכע זעכציקער. די הויט אויפן פּנים פעלדלט זיך, איז לויזער געוואָרן, גלאַנצט אויף די קנאָכיקע הענט פון צופיל וועש וואַשן. זי וועקט דעם מאַן:

— לייזער, לייזער! מיר האָבן אַ גאַסט!

מיט אַ שבתדיקן קרעכץ גליטשט זיך לייזער אַראָפּ פון בעט, וואָס געשווילט איבער אים מיט קישנס און פערינעס און בלייבט זיצן אויפן פּאָרענטש. די דאַרע פיס וויגן זיך, פאַלן אַרויס פון פאַרצירעוועטע שקאַר־פּעטקעס, וואָס זענען אַ מייל צו גרויס.

— וואָס פאַר אַ גאַסט? — ציט דער זקן אַרויף אַ פּאָר צעוירענע שיך, גיסט זיך אָפּ די נעגל און גיט שלום דעם ברודערס זון — ווען ביסטו אָנגעקומען, דו?

— לעצטע וואָך.

דער אַלטער, אַ הויכער, אַ פאַרכמורעטער. ס'געדיכטע בערדל איז נישט גרויס, ס'האָט סתּם קיין קאָליר נישט, ווי דער מאָך, וואָס מען נעמט אַרויס סוף ווינטער פון טאָפּלטע פענצטער. ער באַוואַרפט דעם גאַסט מיט שאלות, וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און די אויגן אונטער די פינצטערע ברעמען שמייכלען, ווערן פון קיין זאַך נישט נתפּעל. ער טוט זיך אַ דריי צום ווייב:

— וואו איז דער כיבוד, שרה?
— אָט גיב איך.

דער פּלימעניק, אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט לענגלעכע אויגן, וואָס שטייען נישט איין, וויגן זיך פון פעטער צו מומע, ווי אַן אומרו פון אַ וואַנט־זייגער, טראַכט, אַז דאָס פאַרפאַלק האָט זיך שטאַרק געעלטערט. די מומע וואָלט ער איינגאַנצן נישט דערקענט. פון די רויטע באַקן קיין זכר. ס'פּנים צעקנייטשט, פול מיט זעקעלעך, קישעלעך. צווישן די הויט־פעלדלעך קלויבט זיך בלאָטע, ווי אין די שפּאַלטן פון אַן אַלטער געביידע. נישט די זעלבע מומע, געקריגן אין אַמעריקע אַן אַנדער פּנים, אַ שטילס, אַ פרומס. אינדערהיים האָט ס'גאַנצע שטעטל געציטערט פאַר שרהן. אַ מויל האָט דאָס געהאַט — פעך און שוועבל. פינגער קלעפּי־קע — וואו זי האָט זיך אַ קער געטון, אין אַ געוועלבל, אין אַ יאַטקע, באַ א שטעל — ס'איז באַלד געוואָרן אַ גערודער, אַז ס'פעלן פון אונטער דער האַנט אַ לעבער, אַ העכט, אַ פּאָר איילן סחורה.

שרה האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַס מיט איר מענה־לשון. די באַקן פלאַמען, די אויגן בליצן, די קאַלירטע פאַטשיילע רוקט זיך פון קאָפּ אויף די אַקסלען, צעבלאָזט זיך ווי אַ פלאַכטע. פאַסמעס האָר, גלייכע, שוואַרצע, ווי באַ אַ ציגאַנקע, פאַלן איבערן שטערן, אין די אויגן, און דאָס מויל בלעזלט זיך, גייט אויף רעדלעך, שפּרייט טויטע קללות, טרייבט דעם נייגיריקן עולם הינטער פאַרהאַקטע טירן.

די קינדער, פינף רויטע מיידן, ווי איבערגעוואַקסענע בוראַקעס, קומען איר אַנטקעגן, נעמען צו די פּעקלעך, די אָנגעבראַפּטע קאָשן, גו־דערן מיט די הענט, מיט די אויגן און אַלע אינאיינעם.

דער פעטער מיט דער „גאָלדענער" האַנטשריפט, וואָס גייט איבער די הייזער, לערנט דינסטמיידלעך, לערנט קינדער פון געמיינע לייט אַ שורה־גריס, דער פעטער ווייסט, אַז זיין שרה האָט שוין ווידער עפּעס אונטערגעשלאָגן און באַגעגנט זי מיט אַ ירגזון:

— שוין ווידער?
— וואָס ווידער? — איז זי גרייט אים דורס צו זיין, — אַז וועדן זאָלסטו אַ ווידרע, רבונו של עולם!
— כ'קען זיך דאָך אויף דער גאַס נישט ווייזן, — שפּרינגט ליי־

זער דעם ווייב אין די אויגן אַריין, — אַ שלאַק אין דיינע גנבישע פינגער!

— ליגט מען אין צרות אין שטוב!

— וועסט עס נישט דערלעבן!

— אַז גאָט האָט מיך אויסגעהערט און ס׳אונטערלייב קריכט דיר שוין אַרויס, וועל איך דאָס אויך דערלעבן.

— חצופה!

פעטער־מומע פליען זיך אין די פנימער אַריין, „גראַטשען״ מיט די נעגל, מיט די ציין, שרייען. די מיידן אין די קורצע באַרכענע אונטער־קליידער, די „אייטערס״ אינדרויסן, געוואַלדעווען, ווילן פונאַנדעררייסן טאַטע־מאַמע און איינציקווייז נאָרען זיך פנימער אין האָר, נעגל אין באַקן און איבער דער פאַדלאָגע קנוילן זיך הענט און פיס.

קוקנדיק אויפן פעטער מיט דער מומע, דערמאַנט זיך דער גאַסט אַן די געשלעגן אין שטעטל און טוט אַ פרעג:

— וואו איז הינדע, לאה,ביילקע. . .

— אַלע, גאָט צו דאַנק, חתונה געמאַכט — לייכטן באַ דער אַלטיטשקער אויף די אויגן — אַראָפּ אַ קאָלטון פון קאָפּ, געבליבן בלויז ס׳מיזיניקל, בעסין מיין איך. דו קענסט זי נישט, דן? בעסי איז די אַמעריקאַנערין, דאָ געבוירן געוואָרן. . . אַ שיין מיידל. . .

— דערפאַר שטייגט זי אין רשעות איבער אַלע פינף — וואַרפט דער פעטער פון דער זייט אַריין.

— וואָס האָסטו געוואָלט, זי זאָל זיצן אין שטוב און זאָגן „ברכי נפשי״? — נעמט די מוטער זיך אָן — אַן אַמעריקאַנער מיידל, איז זי אין סטריט מיט די חברטעס.

— זאָג שוין דעם גאַנצן אמת: מיט יונגען איז זי, מיט „באָמס״ — האָט דער אַלטער אָנגעטון דעם שבתדיקן שוואַרצן ראָק מיטן שפּאַלט — נישט דערלעבט נאָך אויפצוּוואַקסן, אַזאַ כּפּרה, אינגאַנצן פינפצען יאָר אַלט און דאָס לויפט באַטאָג און באַנאַכט אַרום מיט יונגען!

— דן קען טאַקע מיינען כ׳ווייס וואָס — שטעלט די מומע אַ סאַפּאָן וואַסער, אַ טעלער אויבסט — נעם עפּעס, דן, און הער זיך נישט צו, וואָס ער רעדט!

— זענט איר, הייסט עס, בלויז דריי, — וויל דן אַ דריי שוין דעם שמועס, די אַלטע לייט זאָלן זיך נישט קריגן — און איר, פעטער, אַרבעט?

— אָפּגעהיטן זאָל איך ווערן אָנצוקומען צו מיינע טעכטער — גיסט דער אַלטער זיך אָן אַ ביסל סעלטצער — איך אַרבעט בײַ שמאַטעס, פֿאַרדין אַכטצען דאָלאַר אַ וואָך.

— און איך, — נעמט די מומע זיך איבער — פֿאַרדין אויך... כ'וואַש וועש, בין אַ וואַרטס־פֿרוי בײַ קימפּעטאָרינס... נישט צו פֿאַרזינדיקן... גאָט זאָל נאָר געבן כּוחות...

אין דער טיר וואַקסט אויס בעסי. יונג, בויגיק, נאָך אַ קינד. די אויגן אָבער זענען שוין הונגעריק. די באַקן געפּודערט, די ליפּן שרייען, די לעקעלעך פֿאַלן ווי איבער די אַקסלען, וויגן זיך ווי שפּרינג־פּעדערס.

— בעסי, זעסט גאָרנישט, אַז מיר האָבן אַ גאַסט? — רעדט די מוטער ווייך — ס'איז דאָך דן, דעם פעטער לייזערס עלטסטער זון.

בעסי שטעלט אָן אירע שוואַרצע אויגן, ווי עקבערס, זעט עס איז אַ „גרינגהאָרן", און זאָגט עפּעס אין ענגליש, וואָס דן פֿאַרשטייט נישט.

— מוידטשיסקע, — צעבייזערט זיך דער פעטער — ביסט חולה צו רעדן יידיש?

בעסי ענטפֿערט נישט, פּודערט זיך אין שפּיגל, שנירלט איין די ליפּעלעך ווי אַ קאַרש, דריידלט אָן די לאָקן, ציט אָפּ ס'קורצע קליידל, כאַפּט פֿון טיש אָן עפּל און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג.

— וואו לויפסטו שוין ווידער? — פרעגט דער פאָטער.

— אין סטריט.

— ביסט דאָך איצט אַריינגעקומען, — ווערט דער פאָטער אַנגעכמורעט.

— בעסעלע, ס'איז דאָך אַ גאַסט, — וויל די מוטער פֿאַרגלעטן — פֿאַרוואָס פרעגסטו נישט, וואָס די מומע מאַכט?

— וואָס מאַכט די מומע? — רעדט בעסי אַרויס די ווערטער ווי אַ גוי און פֿון די ווייסע ציין שפּריצט מיט געלעכטער.

זי לאָזט זיך צו דער טיר.

— וועסט נישט גיין! — טוט זיך דער פאָטער א הייב.

— כ׳וועל יאָ גיין, — ענטפערט ס׳טעכטערל.

— וועסט נישט, — כאַפּט דער פאָטער אראָפּ דעם פּאַסעק.

די מוטער שטייט שוין אויך, די אַלטקייט אַנטקומט, די קנייטשן אויפן פּנים גלייכן זיך אויס און די שוואַרצע אויגן בעמען פלעמלען. דן זעט נישט פאַר זיך אַן איבערגעאַרבעטע יידענע, וואָס וואַשט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר בא מענטשן וועש, פאַדלאָגעס. פאַר אים שטייט אַ סאַמקע מיט צעבלאָזענע נאָזלעכער, וואָס איז גרייט אויף טויט און אויף לעבן צו באַשיצן איר קינד. די מאַמע רייסט זיך אַריין צווישן מאַן און טאָכטער, כאַפּט אָן דעם פּאַסעק:

— ווערסט אסור שלאָגן, לייזער!

— כ׳וועל יאָ, — ווייל דער זקן אָוועקשאַרן פון וועג דאָס ווייב.

ס׳טעכטערל שאַרט זיך דערווייל אַרויס, ווערט נישט. לייזער נעמט פון ערגערניש שלאָגן מיטן פּאַסעק דאָס ווייב. זי שטעקט אויס די הענט, פליט דעם מאַן אין דער באָרד אַריין און דן נעמט זיי קוים פונאַנדער.

אין פינצטערן קעלער ווערט אומהיימלעך. דער אַלטער שעמט זיך פאַרן פלימעניק. די באַקן, אָן אַ טראָפּן בלוט, פאַלן איין, און די אויסגעלאָשענע אויגן שטאַרן אין חלל, גלאָצן. ס׳ווייב פאַרעט זיך פון הרפה אין קיך.

דנען ווילט זיך אַרויס פון קעלער, האָט נישט מיט וואָס צו אָטעמען. ער איז זיכער, אַז דאָס פאַרל האָט צוואַנציק יאָר זיך נישט געשלאָגן. מיט זיין אַריבערטרעטן די שוועל, האָבן זיי זיך פאַרבענקט נאָכן אמאָליקן שטעטל, נאָך די קלעפּ און זיך צעהרגעט.

אַלע דריי שווייגן פאַרעקשנט, קוקן ווי די נאַכט פאַלט צו, טיילט פונאַנדער איינעם פונעם צווייטן, אַז מען דערקענט קיין פּנים נישט. די מומע צינדט אָן דעם גאַז, זאָגט אַרויס אַ פאַריתומטן „גוט-וואָך". קיינער ענטפערט נישט. דער פעטער נעמט אַרויס אַ פלעשל ווייך, גיסט אָן אַ גלעזל און מיט טרערן אין די אויגן מאַכט ער הבדלה.

ס'ווייב, ווי קיין זאך וואלט נישט פאסירט, האלט א ליכט, שטייט א פארעלטערטע, א געבויגענע, פרעפלט עפעס מיט די ליפן און די הויט הענגט ווידער אויפן פנים, וואס איז פול מיט קישעלעך און זעקעלעך.

## אַ „לענדלער“

די גריפּע האָט געבושעוועט אין ניו־יאָרק, נישט געווען קיין משפּחה, וואו מ׳זאָל נישט קרענקען.

אין דעם פּיר־שטאָקיקן הויז אויף וועסט ענד עוועניו האָבן די אייבוואוינער פּאַרטאָג שוין געקלאַפּט אין די „רעדיאַייטאָרס“, אָנגעזאָגט דעם דזשעניטאָר, אַז מ׳פרירט אין די צימערן.

אַן אַלט פּאָר פאָלק, כמעט די איינציקע יידן אין גאַנצן הויז, זע־נען געלעגן קראַנק אין בעט. ווען נישט דער פּרייל־עכער יונגערמאַן העלער, אַ שטיקל פידל־שפּילער, וואָס האָט געוואוינט בײַ די אַלטע לייט, וואָלט נישט געווען ווער עס זאָל זיי עפּעס געבן אין מויל אַריין.

— העלער, אַ האַלב אָנגעטועגער, האָט געמאַכט טיי, געגעבןביידע חולאים, אַליין אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער און זיך אַ נעם געטון צו דער פידל. ער האָט געצויגן גאַמעס איינע לענגער פון דער צווייטער, אָפּגעפידלט אַזוי אַ מינוט צען, ביז די פינגער זענען געוואָרן שטייף און זיך געקלאָגט פאַר די אַלטע לייט:

— אַ סקאַנדאַל, וואָס מ׳גיט אין אַזאַ קעלט נישט קיין „סטים“!

— דער אַרויסהעלפער, דער נעגער, האָט זיך אוודאי אָנגע־שכורט, — האָט די אַלטיטשקע אַרויסגעקרעכצט פון צווישן די קישנס.

— ער האָט זיך נעכטן אַוועקגעלייגט, — האָט העלער זיך אָנגע־רופן.

— און דער דזשעניטאָר אַליין איז קראַנק צו מאַכן דעם אויוון? — האָט דער חולה זיך געבייזערט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט שולדיק גע־ווען, וואָס ער איז קראַנק. — ווען איך בין געזונט, וואָלט דער אויוון שוין לאַנג געברענט.

— אַ שכל, אויף מיין וואָרט, אַ שכל — האָט העלער זיך גענומען אָנטון, — האַ, ס׳ווייסט טאַקע קיינער נישט צי מאָריס איז דער דזשע־ניטאָר, צי דער „לענדלער״?

— ער איז ביידע, דער אָנגעשטאָפּטער קרח — האָט ס׳פּנים באַם קראַנקן זיך געקרימט — אָפּגעלעבט מתושלחס יאָרן אָן אַ ווייב און אויף דער עלטער זיך אַראָפּגעבראַנגט אין זיינע פּאַלאַצן אַ יפה־פיה!

— וואָס, מאָריס האָט חתונה געהאַט? — האָט דער פידלער גע־עפנט מויל און אויערן.

— כ׳בין אויף דער חתונה נישט געווען — האָט דער קראַנקער געשמייכלט.

— דאַרף מען זיך דאָך גיין באַקענען מיט איר, — האָט העלער אָנגעטון דאָס מאַנטל און איז אַרויס פון שטוב.

פאַר די דרייסיק יאָר, וואָס מאָריס איז געווען דזשעניטאָר, איז דאָס פירגאָרנדיקע הויז איבערגעגאַנגען צו דריי פעלקער — דייטשן, יידן און איטאַליענער. יידן האָבן ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט די דייטשן, אי־בערגעבויט אַ לוטעראַנישע קירך אויף אַ שול און זיך געהאַלטן אויף דער גאַס אַ פערטל יאָרהונדערט. פאַר דער צייט זענען טייל אויסגעשטאָרבן. די רייכערע האָבן זיך געצויגן העכער אין די בראָנקס און איטאַליענער האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען די הייזער. אין אַ משך פון פינף יאָר זענען פאַרבליבן אין דער גאַנצער גאַס די איינציקע יידן — מאָריס דער דזשעניטאָר און דאָס קראַנקע פאָר פאָלק. איבער דער שול האָט מען צו־ריק אויפגעהאָנגען אַ צלם, אַ קאַטוילישן, און גאָטס וואָרט האָט גערוט אונטער אַ דאַך.

מאָריס האָט פאַרדונגען די וואוינונגען, גענומען דירה־געלט, אַליין צורעכטגעמאַכט די וואַסער־לייטונג, אַליין טאַפּעטירט די ווענט, געשמירט די סופיטן, און אַז אַן איינוואוינער האָט זיך געבייזערט אויף אים, האָט ער רויק געענטפערט.

— אַז ס׳געפעלט אייך נישט, פאַרקלאָגט מיך פאַרן לענדלער.

פאַר דער צייט, וואָס מאָריס איז געווען דזשעניטאָר, האָט מען אין דעם הויז קיינמאָל דעם באַלעבאָס נישט געזען. און אַז אַ שכן, צי אַ שכנה פלעגט זיך אַ וויצל טון: „נישט אַנדערש, מאָריס, ווי איר זענט דער לענדלער״. — האָט ער זיך נישט געמאַכט הערן, בלויז די אויגן,

גרויסע, שוואַרצע אויגן, זענען געוואָרן קלענער, באַהאַלטן אין זייער טיפקייט אַ סוד.

מאָריס האָט געהאַט אַן אַרויסהעלפער, אַן אַלטן נעגער, מיט וועמען ס'איז אוממעגלעך געווען זיך צונויפצורעדן.

געוואוינט האָט מאָריס אין דער קעלער־שטוב, וואָס האָט זיך געצויגן אונטערן גאַנצן הויז. דאָס ערשטע צימער האָט פאַרנומען דער אַרויסהעלפער. דערנאָך האָט זיך געדרייט אַ שמאָלער קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט אין מאָריסעס דירה.

וואָס אין דער דירה האָט זיך געטון, האָט קיינער נישט געוואוסט. די פענצטער מיט די אייזערנע שטאַכעטן זענען שטענדיק געווען פאַרהאָנגען. סיי בײַטאָג, סיי בײַנאַכט האָבן עלעקטרישע לעמפּלעך דורכגעשײַנט די ראָלעטן, און אַז מ'האָט זיך לאַנג אין זיי אײַנגעקוקט, איז געווען קענטיק, אַז אינעווייניק שאַרט זיך עמעצער אַרום.

העלער האָט געשפּאַנט פון איין גאָרן אויפן צווייטן, געשפּרייזט צוויי טרעפּ מיטאַמאָל, פאַרגעסן, אַז ס'איז קאַלט, אַז מ'דאַרף אײַנהייצן דעם אויוון. דער אַלטער מאָריס איז אים פון זינען נישט אַרויס. געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ ווייב אַזאַ פאַרשוין האָט זיך אײַנגעהאַנדלט.

אין קעלער איז געווען פינצטער. פון דעם אָפענעם אויוון האָבן אַרויסגעבלישטשעט שטיקלעך קוילן, וואָס האָבן געהאַלטן אין אויסגיין, עטוואָס פאַרטריבן ס'פינצטערניש. עס האָט זיך געזען אַ טיר. העלער האָט אָנגעקלאַפּט. מ'האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ שטאַרקערן קלאַפּ געטון און געעפנט די טיר.

— ווי פילסטו, דזשים? — האָט ער געפרעגט און איז צוגעגאַנגען צום בעטל.

ס'בעטל איז געווען ליידיק. העלער האָט זיך געלאָזט איבערן געדרייטן קאָרידאָר. געטאַפּט מיט די הענט, גערופן:

— מאָריס! מאָריס!

ס'אייגענע קול האָט אים געקלונגען פרעמד.

אַ טיר האָט זיך געעפנט. אַ יונגע פרוי, זייער אַ שיינע, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אָפּגעמאָסטן העלערן מיט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און שטיל אַ זאָג געטון:

— מאָריס איז קראַנק.

— און וואו איז דזשים? — האָט העלער פאַרגעסן צו וואָס ער איז געקומען.

— דזשימען האָט מען באַנאַכט צוגעגומען אין שפּיטאָל אַריין, — האָט זי געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דינע פּאַהלעך, פּעך־שוואַרצע האָר האָבן אַראָפּגעפינקלט פון דעם דורכזיכטיקן ווייסן פּנים, — ער האָט לונגען־אָנצינדונג. מאָריס איז קראַנק און איך בין איינע אַליין, כ׳ווייס נישט, וואו מ׳קריגט אַן אַרויסהעלפער.

— דעם אויוון קאָן איך אייך מאַכן! — איז העלער גרייט געווען אַלץ צו טון, אַזוי האָט ס׳האַרץ זיך בײַ אים צעשפּילט.

— כ׳וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — האָבן די אויגן, טונקל־בלויע, געשמייכלט.

העלער האָט אַרויסגעשאַרט פונם אויוון צוויי באַרעלס אַש, איינגע־הייצט און אַליין נישט געגלייבט, ווי נאָך ער האָט אַרויסגעקאַטשעט די באַרעלס פאַרן הויז.

ער האָט זיך צעפּייפט, נישט געפּילט, ווי דער שווייס רינט איבערן שטערן און זיך געלאָזט צו מאָריסעס דירה. זי איז אים אַנטקעגן געקו־מען אין דער פינצטער;

— איר זענט עס?

— איך, ליידי.

— ווי רופט מען אייך?

— העלער.

— ווייסט איר אפשר, מיסטער העלער, — פון אַן אַרויסהעלפער?

— נעמט מיך.

— אייך? — האָט זי אַ שמייכל געטון און ס׳פּנים האָט אויפגע־לויכטן מיט אַזאַ שיינקייט, אַז העלער האָט זיך אָפּגערוקט, מורא געהאַט זי זאָל נישט הערן, ווי ס׳האַרץ קלאַפּט בײַ אים.

— כ׳בין טאַקע אַ פידל־שפּילער, — האָט העלער געשטאַמלט — כ פאַריזכער אייך אָבער, אַז כ׳וועל זיין אַ גוטער דזשעניטאָר.

פון אַ זייטיק צימער האָט מאָריס גערופן מיט אַן אָנגעשפּאַלטן קול:

— סטעלאַ! סטעלאַ!

— מ׳רופט אייך, — האָט העלער אַ זאָג געטון.

— כ׳הער.

— איר זענט זיין טאָכטער? — האָט העלער געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט געהאַלטן אין די פּעלדלעך פון סטעלאַס קלייד.

— איך זע עס דען אויס? — האָט זי אַ קוק געטון אויף העלערן מיט אַזאַ ווייטיק אין יעדן בייג און קנייטש פון איר פּנים, אַז העלער איז געבליבן אָן אָטעם.

זי האָט אים געלאָזט שטיין אין קאָרידאָר, איז אַריין צו זיך און פאַרהאַקט אויף אַ קלאַפּ־שלאָס די טיר.

העלער האָט געשאַרט מיט די הענט די קאַלטע ציגל, צוגעלייגט אַן אויער און נישט געוואוסט, וואָס ס׳טוט זיך איבער דער וואַנט. איצט ערשט האָט ער אויסגעטון דאָס מאַנטל, צוגערוימט ס׳חדרל און אַלץ נישט געוואוסט, צי דאָס קומט פאָר אין חלום, צי אויף דער וואָר.

„ווער איז סטעלאַ? אַ ווייב, אַ טאָכטער, אַ געליבטע?" האָט זיך אים נישט אויפגעהערט פּלאָנטערן אין קאָפּ, „און וואָס טוט זי בײַ מאַריסן, דעם דזשעניטאָר?"

ער האָט זי דעם גאַנצן טאָג מער נישט געזען. עטלעכע מאָל איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, לאַנג געהאַלטן דאָס אויער אויף דער קאַלטער בלעך, גאָרנישט געהערט און יעדעס מאָל חשק געהאַט אַראָפּצולאָזן די פויסט אין דער בלעך, וואָס איז אָפּגעשטאַנען ווי אַ פויק.

שפּעט אין אָוונט האָט העלער זיך אַוועקגעזעצט אין דעם אָפּשיין פון אויוון. ער האָט זיך צעפּייפט און מיט די פינגער אַקאָמפּאַנירט זיך איבער די סטרונעס פון דער פידל. צוויי פּעטע קעץ האָבן זיך צעלייגט אַרום זיינע פיס. ער האָט דערפילט הינטער זיך טריט, געווען זיכער, אַז דאָס קומט סטעלאַ און זיך נישט אויסגעדרייט. ווייכע הענט האָבן פאַרשטעלט זיינע אויגן.

— סטעלאַ.

זי האָט אַ לאַך געטון, צוגערוקט אַן איבערגעקערט קעסטל און זיך צוגעזעצט:

— נו, מיסטער העלער, וואָס בין איך, מאָריסעס אַ טאָכטער, צי אַ ווייב?

— איר דאַרפט זיין אַ טאָכטער.

— כ'בין זיין ווייב, כ'בין די באַלעבאָסטע פון דעם פיר־שטאָקיקן הויז און וואויבען, וואוין איך אין אַ קעלער־שטוב. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר.

— איר ווילט זאָגן, אַז איר זענט מאַריסעס ווייב און מאַריס איז דער לענדלער פון דעם הויז? — האָט העלער זיך אַזש אויפגעשטעלט.

— וואָס איר הערט.

אין דער טיר איז געשטאַנען מאַריס, אַ הויכער, אַ געבויגענער, אין ווייסע פּאַדזשאַמאַס, ווי אין תכריכים און גערופן מיטן צעבראָכענעם קול:

— סטעלאַ! סטע—לאַ!

סטעלאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַרענטפערט:

— אַלטע לייט זענען ווי קינדער, האָבן מורא איינצושלאָפן אַליין. וואַרט דאָ צו.

זי האָט אַ נעם געטון מאַריסן פאַר אַ האַנט און אַוועק מיט אים צו זיך.

העלער האָט אויפגערודערט די קוילן אין אויוון, זיך נאָך העכער צע־פּייפט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ווענטל פון שטול, פאַרמאַכט די אויגן, געבליבן זיצן אַ קופּערנער. בלויז די פינגער האָבן געבאָמבלט איבער די סטרונעס פון דער פידל.

# די משפּחה זאַקהיים

רעווערענד זאַקהיים, אַן אויסגעקנעטעטער, מיט אַ ווייבעריש פּנים, איז געשטאַנען בײַ זיך אין קעלער, וואָס אונטער דער שול און געצאַפּט ווײַן אין בײַכיקע גאַלאָנס, אין שמאָלע, לאַנגע פֿלעשער.

זאַקהיימס זון, אַ סטודענט, וואָס האָט אויסגעזען פּונקט ווי דער פֿאָטער, נאָר ייִנגער און מאָגערער, האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן.

דאָ אין קעלער, וווּ מען האָט געדאַרפֿט צוגרייטן פֿינף הונדערט גאַלאָן אויף פּסח, האָט דער פֿאָטער פֿאַרגעסן זײַנע שטענדיקע טענות צו די ביבעל־קריטיקער, פֿאַרגעסן אַפֿילו די באַטעמטע שטיקלעך מלבי״ם, מיט וועלכע ער האָט אַזוי אויסגענומען בײַ די מיטגלידער פֿון זײַן שול.

דער צוואַנציק־יעריקער זון, וואָס האָט נישט געהאַלטן פֿון פֿאָטער און נאָך ווייניקער פֿון דער ביבעל, איז געווען פֿאַרנומען מיט פּראָפּקעווען פֿלעשער, מיט די פּראָצענטן, וואָס ער האָט געדאַרפֿט קריגן פֿון יעדן גאַלאָן ווײַן. דער זון האָט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ „פּראַגמאַטיסט“, אַן אָנפֿאַנגער פֿון „עוואָלוציע“, אַז ער איז דער היפּוך פֿונעם פֿאָטער. דאָ אין קעלער זענען טאַטע־זון זיך צונויפֿגעקומען, געהאַט די זעלבע מחשבות.

ביידע זענען געשטאַנען אין רעק, דער פֿאָטער אין אַ זײַדן קאַפּל, דער זון אין בלויזן קאָפּ, וווּ די האָר, מיט אַ מיאוסע־משונה קאָליר, זענען געווען צעשויבערט, ווי אַ צעוואָרפֿענע נעסט.

מען האָט געמישט זיסן ווײַן מיט זויערן, שטאַרקן מיט שוואַכן, געכאַפּט די פּראָפּנס צווישן די ליפּן, צווישן די ציין, און די פּייכטע,

קלעפיקע לופט פון קעלער איז פול געווען מיט א קוואקען. דאס האט דער ווייַן זיך געשוימט, „געבולבעט", און געפילט די גאלאנס.

ס'איז אנגעלאפן דעם רעווערענדס טאכטער און שטיל א זאג געטון אין ענגליש:

— טאטע, דעטעקטיווס פרעגן זיך נאך אויף דיר.

דער פאטער מיטן זון האבן פארדרייט די קראנען, געבליבן שטיין מיט האלבע גאלאנס ווייַן צווישן די קני און זיך איבערגעקוקט:

— מען וועט זיי דארפן עפעס אריינשטעקן — האט זיך דער סטו-דענט אנגערופן.

— הלוואי זאל עס אויסגיין צו געלט — האט דער רעווערענד מיט פינף פינגער זיך א קראץ געטון אין פאה.

— בא סילווערן, דעם רב, האט מען נעכטן פארחתמעט דעם ווייַן — האט די טאכטער געלייגט שטיינער אויפן הארץ.

דער רעווערענד האט אויף גיך אנגעטון דעם ראק מיטן קאפעלוש, אליין אן עפן געטון די טיר און זיך באגעגנט מיט צוויי געוויקסיקע פארשויינען, וואס האבן זיך געמוזט איינבייגן, זיי זאלן אריין אין קעלער.

— זענט איר רעווערענד זאקהיים?

— איך.

— דער ווייַן באלאנגט צו אייך?

דעם רעווערענדס קאפ מיטן קאפעלוש, מיטן בערדל האבן צו-זאמען א שאקל געטון אויף יא.

— האט איר א דערלויבניש?

דער רעווערענד האט ארויסגענומען א פאפיר, זיי דערלאנגט. בשעת איין דעטעקטיוו האט געלייענט, איז אונטערגעקומען דער זון און איינ-געראומט דעם פאטער:

— פארוואס פרעגסטו זיי נישט, ווער זיי זענען?

— מיר זענען דעטעקטיווס — האט איינער געעפנט זייַן ראק, געוויזן אויף א מעשענער בלעך, וואס איז געהאנגען אויף זייַן וועסטל און זיך געפרעגט — וויפיל גאלאן וויין האט ער דא אין קע-לער?

— בענוי ווייס איך נישט — האָט דער רעוורענד אַ שטאַמל

געטון.

— אייער דערלויבעניש איז אויף צוויי הונדערט און פערציק גאַ־לאָן און איר האָט דאָ צוויי מאָל אַזוי פיל.

— איר האָט אַ טעות, מיסטער קעפּטעין

— ווען מיר ציילן.

— גוט — האָט רעוורענד זאַקהיים וואוילעריש איינגעשטימט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן דעטעקטיוו — ציילט... ס׳איז נאָך פאַר פּסח, מעגלעך פאַרהאַן אַ ביסל מער ווייַן — און ער האָט אים אַ שטעק געטון אין האַנט אריין אַ פּאַפּירל.

דער דעטעקטיוו האָט אָפּגעשאַרט פון זיך זאַקהיימס האַנט. דער סטודענט האָט זיך פאַרשעמט פאַר דער אָפּגעשטויסענער האַנט און דער־פילט, אַז ער איז דער היפוך פון פאָטער. שווערע, וואָגיקע געדאַנקען האָבן זיך געשפּאַרט פון אונטער די צעשויבערטע האָר. ער האָט געקוקט מיט ביטול אויפן פאָטער, דעם פּאַסטוך פון אַן עדה יידן, דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער „פּראַגמאַטיסט" אין אים האָט געזוכט אויפן פאָטער אַ התר נאָך אַ התר. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אויב מען וועט פאַרנעמען דעם ווייַן, פאַרלירט ער די פּראַקטיקאַנטן און ס׳איז אים טרויעריק געוואָרן.

— רעוורענד זאַקהיים, איר האָט דאָ קנאַפּע פינף הונדערט גאַלאָן — איז דער דעטעקטיוו פאַרטיק געוואָרן מיטן ציילן — איר פאַרקויפט בראָנפן אויך?

— ניין, קעפּטעין.

— מיר וועלן זען.

ווען זאַקהיים מיטן זון און מיט דער טאָכטער זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר, האָבן די דעטעקטיוון פאַרשלאָסן דעם קעלער, פאַרחתמעט און אָנגעזאָגט:

— פאַר עפענען דעם קעלער קומט פון צוויי ביז פינף יאָר תפיסה.

מען איז געגאַנגען אין שטוב אַריין, וואָס איז געווען קייגנאיבער דער שול.

— וואָס הייבט מען אָן צו טון? — האָט דער פאָטער אַריינגע־רעדט אינם זון.

— די מאַמע וועט עס מאַכן גלאַטיקער ווי דו, — האָט דער זון אים געטרייסט.

דעם רעוורענדס ווייב, אַ שיינע יידענע און אַ געוועזענע סוחרטע, האָט זיך נישט פאַרלוירן פאַר דער פּראָצעסיע. זי האָט אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פאַרטוך און באַגריסט די דעטעקטיווס.

זאַקהיים איז געגאַנגען מיט איינעם פון די דעטעקטיוון, געעפנט יעדע שאַנק, יעדעס שענקל. מען איז עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען די צימערן און געזוכט און גענישטערט אין די קאַנאַפּעס, אין אויוון, אין דער קאַסע. קיין שנאַפּס האָט מען נישט געפונען.

די באַלעבאָסטע האָט דערווייל באַזעצט דעם צווייטן דעטעקטיוו באַם טיש, געשטעלט ווייַן, טאָרט. זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט הארט לעבן אים און נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— איר פאַרשטייט, קעפּטעין, ביז איצט האָט אַ רעוורענד געהאַט די מעגלעכקייט צוצושטעלן ווייַן פאַר אַלע מיטגלידער פון זיין שול. מיר האָבן געהאַט איבער פינף הונדערט מיטגלידער. און מיטאַמאָל האָט מען אונז געשניטן דעם ווייַן אויף העלפט. כ'מיין, וואָס האָבן מיר געקענט טון, אַרויסגיסן? ס'איז דאָך אַ פאַרמעגן!

— כ'וועט אַ פאַרמעגן.

— און איצט ווילט איר אונז מאַכן אומגליקלעך, — האָט מיסעס זאַקהיים געמאַכט אַ נעבעכדיקע מינע.

— מיר האָבן נאָך קיינעם נישט אומגליקלעך געמאַכט, — האָט דער דעטעקטיוו מיט איין צי אויסגעטרונקען אַ האַלב גלאָז ווייַן און געמיטלעך אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט — מ'קען מיט אונז דורכקומען.

— אַזוי דאַרף זיין, — האָט מיסעס זאַקהיים אים אונטערגעטראָגן אַ שוועבעלע און צונויפגעדרייט פאַפּירן־געלט.

— די זאַך איז די, — איז דער דעטעקטיוו געוואָרן ווייכער. — מען האָט אייך געמסרט, אַ שכן האָט אייך געמסרט.

— אוודאי סילווער, מאַמע, — איז די טאָכטער אַריין אין דער מיט.

— מאָרגן פרי, צווישן 9 און 10, קומט אַלע אַריבער אין געריכט, וואָס אויף הונדערט זעקס און פינפציקסטער גאַס, און אַז מען וועט אויסרופן „רעוורענד זאַקהיים" און איר אַלע וועט זיך אַ שטעל טון, וועל איך און מיין חבר טשאַרלי זאָגן, אַז אַלץ איז „אָל־ראַיט".

אַז די צוויי פאַרשוויגען זענען אַרויס, איז באַם רעוורענד אין שטוב געוואָרן אַ שמחה, אַלע האָבן גערעדט אינאיינעם, זיך געגרויסט מיט דער מוטער, וואָס איז אַזוי דורכגעטריבן און אַפילו דער סטודענט איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט.

צומאָרגנס ביין אַ זייגער, ווען די משפחה זאַקהיים איז אָנגעקומען אין געריכט, איז דער וואַרט־זאַל שוין געווען געפּאַקט. זיי האָבן געוואַרט אַ שעה, צוויי. און אַז מען האָט נישט אויסגערופן דעם רעוורענדס נאָמען, איז זיין זון צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר, זיך געפרעגט, ווען זייער משפט וועט פאָרקומען.

— מוז זיין אַ טעות, — האָט דער סעקרעטאַר נאָכגעזוכט אין די פּאַפּירן, — נישט פאַרהאַן אַזאַ קלאַגע. אומזיסט געווען אייער וואַרטן.

די משפחה זאַקהיים האָט עפּעס אָנגעהויבן חושד צו זיין, נישט געבראַכט דעם פאַרדאַכט אויף די ליפּן און זיך געאיילט אַהיים.

מיסעס זאַקהיים האָט געטראָפן אַן אויפגעשלאָסענע טיר. זי האָט אַ כאַפּ געטון די הענט צום קאָפּ:

— מען האָט אונז שוין בדלות געשטעלט!

אַלע פיר זענען צריין אין שטוב, געבליבן שטיין געפּלעפט פאַר דער אָפענער קאַסע. די מוטער האָט גענומען זוכן אין דער קאַסע, נישט געפונען קיין געלט, קיין צירונג, האָט זי צענומען די הענט:

— אַזוי זיך לאָזן פירן אין באָד אַריין, אויף דערויף האָב איך זיך נישט גערעכנט.

— איך אויך נישט! — האָט דער רעוורענד תמעוואַטע צוגעגעבן.

— מען דאַרף מעלדן פּאָליציי! — האָט דער סטודענט זיך אָנגערופן.

פון גרויס ווייטיק האָט די מוטער זיך אַ וואָרף געטון אויפן זון:

— איך מיטן טאַטן זענען מיר „גרינגהאָרנס", אָבער דו, אַריסטאָ-טעל מײַנער, מיט דײַן פֿילאָזאָפֿישן קאָפּ, וואָס האָסטו זיך געלאָזט פֿירן אין באָד אַרײַן?

# פּרעגסיס

אין אַ טאָל, אַ הונדערט טריט פֿון דער גאַס, איז געשטאַנען אַ הילצערן שטיבל מיט גאַניקלעך און וועראַנדעס, וואָס מען בויט נישט מער. צווישן די פֿיר־שטאָקיקע געבײַדעס האָט זיך דאָס שטיבל כּמעט נישט אַרויסגעזען. דאָס לויזע בריקל פֿון ברעטער, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון טראָטואַר ביז אין דער וועראַנדע אַרײַן, האָט געסקריפּעט, זיך געשאָקלט באַם קלענסטן ריר, ווי עס וואָלט זיך געקליבן אײַנצופאַלן.

די אײַגנטימער פֿונם שטיבל האָבן זיך זעלטן געוויזן אויף דער גאַס. מיטן באַגינען איז דער באַלעבאָס, מיסטער מאַלער, אַ קלײן, דאַר מענטשל מיט אַ פֿאַרשפּיצט פּנים, אַרויס פֿון הויז. ער האָט זיך געטראָגן איבערן בריקל אַ הינקענדיקער און אין אײַלעניש אויסגעזען, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל. מאַלער האָט זיך שטענדיק געשראָקן, ער זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן, כאָטש ער האָט שוין יאָרן געאַרבעט אַלס קאַסירער אין אַ רעסטאָראַן באַם האַדסאָן, וואו האַלב־שיכּורע מאַטראָסן האָבן זיך געוואַלגערט פֿיר און צוואָנציק שעה אין מעת־לעת.

אין די גרויסע צימערן האָט זיך אַרומגעדרייט די באַלעבאָסטע, אַ באַליבטע פֿרוי, אין די פֿערציקער, מיט חנדעלעך פֿון אַ יונג מיידל, וואָס האָבן אַזוי נישט געפּאַסט צו איר גאַנץ געשטעל.

די צוויי „באָרדערס“, די ברידער גאָלד, וואָס האָבן פֿאַרנומען דאָס גרויסע צימער מיט די דריי פֿענצטער, האָבן מער ווי דעם באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע אין דעם גאַנצן הויז נישט געזען.

די באַלעבאָסטע האָט גערייניקט דאָס צימער, אויפגעבעט די געלעגערס, נישט מיד געוואָרן יעדן פרימאָרגן פאַרצושלאָגן די „באָרדערס"־טיי, ווי ס'וואָלט זיי נישט געקומען, נאָר זי, מיסעס מאַלער, רעכנט זיך נישט, איז מכבד מיט אַ ברייטער האַנט.

זי האָט זיך געהיט צו פאַרפירן אַ לענגערן שמועס מיט די יונגעלייט, נישט געגעבן קיין געלעגנהייט מען זאָל זי עפּעס אויספרעגן און דערמיט שטאַרקער פאַרקניפּט דעם סוד, וואָס איז געהאָנגען אין דער גרויקייט פון די צימערלעך.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן וואָכן. די צוויי ברידער האָבן דערשפּירט, אַז מען באַהאַלט פון זיי עפּעס אויס, אַז אין די שטילע צימערן דאַרף ערגעץ זיין נאָך אַ מענטש. דאָס האָט ביידן נישט געלאָזט רוען. גענוג געוועזן צו בלייבן אין שטוב, צי אינדערפרי, צי אין אָוונט, און ביידע ברידער האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, פאַריסן די נעז, ווי יאָג־הינט, גענישטערט, געשמעקט, דערפילט איבער דער וואַנט אַ פרוי.

און אַז די באַלעבאָסטע איז אַ זונטיק אַריינגעקומען צורוימען, האָט דער יינגערער ברודער, דער מיט גרויסע, קרומע ציין, וואָס האָבן אויסגעבויגן די אייבערשטע ליפּ, ווי אַ האַלבע לבנה, זיך אָנגערופן:

— איר האָט טאַקע קיין קינדער נישט, מיסעס מאַלער?

— וואָס הייסט, כ'האָב נישט? — האָט מיסעס מאַלער זיך אַ שטעל געטון אין פּאַסאַן אַריין, — כ'האָב אַ טאָכטער!

— פאַרוואָס זעט מען זי נישט?

— אַז מענטשן האַלטן זיך פרעמד, — איז דאָס פּנים בא אַ מיסעס מאַלער כלומרשט געוואָרן אָנגעברוגזט, — מען זיצט אָפּגעשלאָסן, אַ פּאָר שעמעוודיקע מיידלעך — — — איך האָב נאָך אַזעלכע יונגעלייט נישט געזען! קומט אַריין, וועל איך אייך באַקענען מיט מיין טאָכטער.

די צוויי ברידער, דוד און בער, זענען נאָכגעגאַנגען דער באַלעבאָסטע אין עס־צימער אַריין. באַם טיש איז געזעסן די טאָכטער מיט לאַנגע, דינע פיס אונטער זיך און געלייענט אַ צייטונג. דער פאָטער

אַ האַלב אָנגעטונענער, האָט דערזעען ס'ווייב מיט די „באָרדערס", האָט ער גענומען אונטערשפּרינגען, ווי אַן איבערגעשראָקן הענדל און מיט אַ קוויטשל אַריין אין שלאָף־צימער:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, דזשענטלמען!

— דאָס איז זי, מיין טאָכטער, באַקאַנט אייך, — האָט די מוטער זיך אָוועקגעשטעלט מיט אַ מינע, ווי מען וואָלט פאָרגעשטעלט זי, נישט די טאָכטער, — וואָס זיצסטו פּרענסיס?

דאָס מיידל האָט מעשה ייִנגל אַפּערגעוואָרפן אַ פוס, אָפּגעדעקט דאָס יונגע לייב און איבער איר ווייס, לענגלעך פּנים האָט דורכגעבליצט אַ דרייסטקייט.

די ברידער זענען איינציקווייז אונטערגעגאַנגען, נישט דרייסט געדריקט איר האַנט און נישט באַמערקט, ווי באַם ריר פון די פינגער האָט זי אויפגעציטערט. ס'בלוט פון פּנים האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן באַ פּרענסיסן אין די פיס. זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דאַכט זיך קיינעם לעבן זיך נישט געזעען און געטראַכט, אַז דער העכערער האָט אַ ווייכע שטים, אַ קלינגענדיקע.

ווען די ברידער זענען צוריק אַריין צו זיך אין צימער, האָט קיין איינער פון זיי נישט אַ פרעג געטון, וואָס אַזוינס געפעלט אים אין פּרענסיסן? ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס שמייכעלע, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון די מויל־פּעלדלעך, האָט עפּעס באַהאַלטן, געהאַט אַ זייטיקע מחשבה. יעדער האָט געטראַכט פאַר זיך און ביידע, צוריקגעהאַלטענע, ווי ברידער קענען נאָר זיין, האָבן צוזאַמען אַ זאָג געטון:

— גאָרנישט קיין מיאוס מיידל.

מער האָבן די יונגעלייט וועגן פּרענסיסן נישט גערעדט. פון זיך אַליין האָבן די מחיצות אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן. וואָס אַ פרייע מינוט זענען די ברידער געזעסן באַ דער באַלעבאָסטע, אָנגעהאַלטן אַ שטומע קאָנקורענץ, יעדער האָט געוואָלט געוואוינען ס'מיידל אויף זיין זייט. האָט דער עלטערער, דוד, געוואָלט קויפן בילעטן פאַרן טעאַטער, איז דער ייִנגערער, בער, פאַרלאָפן דעם וועג מיט דער אָפּערע.

פּרענסיס האָט אי איינעם, אי דעם צווייטן אָפּגעזאָגט. זיך געהאַלטן

מיט די יונגעלייט פונדערווייטנס, און אז זי האָט זיך מער נישט געקענט אַרויסדרייען פון אַ שמועס, איז איר שטים געוואָרן פרעמד, אָפּגענומען בּאַ די ברידער הענט און פיס.

מיט איבערגעשראָקענע אויגן איז פרענסיס איינמאָל אַריינגעלאָפן צו די יונגעלייט אין צימער און זיך אָוועקגעשטעלט אויפּבעטן די געלעגערס. אַ פאַרחידושטער האָט בער, דער ייִנגערער ברודער, זי געפרעגט:

— וואָס, די מאַמע איז נישט געזונט?

— די מאַמע ליגט.

— וואָס איז איר? — איז ער נענטער צוגעגאַנגען.

זי האָט נישט געענטפערט, פויל אַ צי געטון מיט די יונגע אַקסלען און אירע גרויסע אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן זיינע. ס'האַרץ בּאַ בערן האָט גענומען קלאַפּן אין אַ פינטעלע, געוואָלט דורכשלאָגן די ברוסט, אַרויס פון דער שטיקעניש. ער האָט זי אַ נעם געטון פאַר אַ האַנט, געגלייבט, אַז איצט איז די צייט איר אַלץ צו זאָגן. זי האָט זיך אַ ריס געטון און מיט אַ קוויטש אַרויס פון צימער.

בער האָט זיך אויסגעקניפּט שטיקער פלייש, נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טון און געשוואוירן אַריבערצוקלייבן זיך אויף אַ נייער דירה.

ער האָט קיין וואָרט נישט געלאָזט פאַלן פאַרן ברודער, בלויז געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָ קומט פאָר. די זעלבע צוריקגעהאַלטענע פרענסיס, וואָס מיידט אויס יעדן מאַנסביל, דרייט זיך אַרום אַ האַלבּ נאַקעטע איבערן צימער, ווען ער מיט דודן זיצן און רעדן מיט איר פאָטער.

ביסלעכווייז האָבן די ברידער זיך צוגעוואוינט צו פרענסיסעס משוגעתן, זיך צוריק פאַרקליבן אין זייער צימער. דערצו האָט די באַלעבאָסטע זיך זעלטן געוויזן, געוואָרן פויל, אָפּגעלעגן טעג בּאַ זיך אין שלאָף-צימער.

פון פרענסיסן האָט מען גאָרנישט געקענט אַרויסקריגן. זי האָט געצויגן מיט די שמאָלע פּלייצעס, נישט געלאָזט איינזיצן די יונגען און אויף אַלע פראַגן, וואָס איר מאַמע מאַכט, האָט זי אַנטקעגנגעטראָגן

אַ פּאָר אויסגעהונגערטע אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט, עפּעס צוגע־זאָגט.

אין די שטילע אָפּגעלאָזטע צימערלעך האָט זיך אין אַ זונטיק פאַר־טאָג געטומלט. די ברידער האָבן זיך געוועקט:

— וואָס קען דאָס זיין?

— כ'הער, דאַכט זיך, קולות.

— זאָל עמעצער האָבן אַוועקגעפאַלן?

— די באַלעבאָסטע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— אַז מען רופט אונז נישט, — האָט דוד זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, זיך געקליבן איינגדרימלען.

— דאַרף מען זיך טאַקע נישט מישן, — האָט בער פאַר־ענדיקט.

אַ שטיק אויפן טאָג, ווען די ברידער זענען שוין געזעסן אין די וויג־שטולן און געלייענט די מאָרגן־צייטונגען, איז אַריינגעפאַלן פּרענסיס מיט צעפּאַטלטע האָר. זי איז צוגעפאַלן צום עלטערן, צו דודן, אַרויפגע־לייגט אויף זיין אַקסל אירע ווייסע הענט, אויסגעבויגענע ווי פייגל־העל־זער, און זיך צעוויינט:

— כ'קען דאָ מער נישט זיין... די מאַמע איז געלעגן געוואָרן... כ'וועל נישט איבערטראָגן די חרפה! נעם מיך, דוד, קום מיט מיר אַוועק פונדאַנען! שוין, דוד, שוין!

אַ צעמישטער האָט דוד געוואָרפן מיט די אויגן, געקוקט אויף פּרענסיסן, אויפן ברודער, פאַר וועמען ער האָט זיך געשעמט, נישט גע־וואָלט זי זאָל רעדן אין זיין קעגנוואַרט. ער האָט זי אַרויסגעפירט פון צי־מער, געגלעט די האָר, געוואָלט באַרויקן:

— און אַז די מאַמע האָט אַ קינד, איז וואָס? דערצו איז זי דאָך אַ מאַמע. אַנטלויפן, פּרענסיס, איז קינדיש.

— ווילסטו נישט, הייסט עס? — האָט זי זיך אַ ריס געטון פון אים און די פעלדלעך אַרום די איינגעצויגענע ליפּן, אַרום די אויגן, האָבן געשמייכלט מיט ביטול.

— וואָס הייסט, כ'וויל נישט? — האָט דוד אָנגעהויבן שטאַמלען און געוואָלט צוריקכאַפּן, — כ'זאָג נאָר, אַז איילן זיך איז נישטאָ וואָס...

פרענסיס האָט אָפּגעשטופּט דודן, פאַרהאַקט הינטער אים די טיר און אַ צעטראָגענע געבליבן שטיין פאַר בערן:

— דיין ברודער קווענקלט זיך, וויל נישט גיין מיט מיר. קום דו! באַר שוין, שוין!

בער האָט זי אַרומגעכאַפּט און זיין ליפּ מיט די אָפּגעשטאַנענע ציין האָבן זיך געעפנט, ווי אַ האַלבע לבנה, אויפגעלויכטן:

— כ'גיי!

# אַלײן

די ליידיקע צימערן זענען פול געווען מיטן ווייטן גערויש פון דער גאַס. באַם אָפענעם פענצטער איז געזעסן מאַדאַם פראַנק אין שוואַרצן און געקוקט ווי דער טאָג פאַרגייט. פון אַ ווינקל גאַס האָט אויף אַ ווייל אויפגעטיקט אַ צעפלאַמט שטיקל זון, זיך אַ שפיגל געטון אין מאַדאַם פראַנקס פּאָלירטע נעגל, אין דעם שנירל גראַנאַטן, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַלז. באַלד האָט דאָס זיך אויך אויסגעלאָשן און ס'איז געוואָרן טונקל.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשפּרייט איבערן טיש אַ קאָלירט טישטוך, צעשטעלט גלעזער, שאָלן, קאָנפיטורן און איז גרייט געווען אויפצונעמען געסט. אַזוי האָט זי זיך געפירט נאָכן מאַנס טויט פאַר די לעצטע זעקס חדשים.

דער מאַן איר האָט געהאַנדלט אויף דער וואַרשעווער בערזע, געקליבן אַלטע ספרים, געזאַמלט בילדער און דער עיקר געהאַט יעדן שרייבער און קינסטלער אויפן אויג. ס'הויז איז שטענדיק פול געווען. דער עולם האָט זיך געקאָכט, אויסגעדראָשן יעדע ליטעראַרישע פראַגע, און ער, פראַנק, האָט געזעסן ס'ווייב זאָל דערלאַנגען טיי מיט קאָנפיטורן און איז מיט אַלע געווען איינשטימיק. בלויז ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אונטערנעמונג, האָט פראַנק זעלטן מיט וועמען איינגעשטימט און אַלע האָבן געמוזט אָנקומען צו אים, דעם פראַקטישן מענטש. ער האָט זיין אַרבעט גענומען ערנסט, גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַרן געדרוקטן וואָרט און שטענדיק זיך אַרומגעטראָגן מיט פרעמדע דאגות, שטענדיק געווען פאַרנומען מיט באַנקעטן און טרויער־אָוונטן. איז אַ שרייבער, אַן אָנפאַנגער, אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ, האָט ער איבערגעלאָזט

דעם שטויב בא פראַנקן, ווי זיין דירה וואָלט געווען אַ פעדערהויז, וואָס מען מוז דורכגיין, איידער מען קומט אַריין אין דער ליטעראַרישער וועלט.

שפּעט אינאָווענט פלעגן זיך די געסט פונאַנדערגיין. זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך שאַכטלעך פון ציגאַרעטן אָנגעפּילט מיט אַש, נישטדערטרונקענע גלעזער טיי מיט אָנגעשוואָלענע שניצלעך פּאַפּיראָסן. מאַן און ווייב זענען געבליבן זיצן באַם טיש פאַרחושטע פון די קולות, וואָס זייער אָפּקלאַנג איז נאָך געשטאַנען אונטערן סופיט, פון דעם רויך, וואָס האָט דורכגענומען די צימערן, דאָס מעבל, די כלים. ס'פּאָר פאָלק האָט געליטן, וואָס איינער האָט גאָרנישט צו זאָגן דעם צווייטן, וואָס זייער גאַנץ לעבן גיבן זיי אַוועק אַנדערע און אַליין בלייבן זיי זיצן יעדן אָוונט אויסגעליידיקטע, ווי די געסט וואָלטן מיט זיך אַלץ מיטגענומען און איבערגעלאָזט אַ פּוסטקייט פון אַ שיסל, ווען אַ הונגעריקער לעקט זי אויס. ביידע האָבן געבענקט נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל מיט זיי בלייבן, ווען די לוסטיקע חברה גייט אַוועק, בלייבן און שווייגן און אין דעם שווייגן זאָל זיין אַן אָפּרו נאָך דעם טומל, נאָך דעם וועלן זיך פריילעך מאַכן, ווען אויפן האַרץ איז שווער.

— אָנגעחזירט, — האָט מאַדאַם פראַנק שטענדיק איבערגעריסן דאָס שווייגן און זיך גענומען צורוימען.

— זיץ, זיץ, האָסט זיך גענוג היינט אָנגעאַרבעט, — פלעגט ער איר העלפן אַראָפּנעמען פון טיש.

— כ'וועל שוין אַליין צורוימען, — האָט זי בא אים אַרויסגענומען די גלעזער פון די הענט — גיי בעסער שלאָפן, גיי, ביסט דאָך מיד!

— נו, נו, פּטור!

אַזוי האָבן זיי אָפּגעלעבט דרייסיק יאָר. זעלטן זיך געקריגט, קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן צופיל ליבע איינער צום צווייטן, שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אַנדערע, נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך. דערצו נאָך האָבן זיי קיין קינדער נישט געהאַט, זיך געפילט שולדיק איינער פאַרן צווייטן, אויסגעמיטן דערפון צו רעדן און אַלע האָבן געגלייבט, אַז דאָס פּאָר פאָלק קלויבט זיך אַריינצולעבן אין אַ טיפער עלטער.

מאַכט זיך — פראַנק האָט זיך פאַרקילט, איז אַרומגעגאַנגען מיט

פיבער, ביז ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין. דאָס הויז האָט נישט גערוט. מענטשן זענען געגאַנגען, געקומען, נישט געגלייבט, אַז ס׳וועט פראַנקן עפּעס זיין. אויפן פינפטן טאָג איז ער געשטאָרבן. פריינט און באַקאַנטע זענען געווען צעבראָכן. מען האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן שבחים.

די לוויה איז געווען אַ גרויסע. שפּעט נאָכמיטאָג איז דער ארון אָנגעקומען אויפן בית-עולם. דער עולם איז שוין געווען מיד, הונגעריק, געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן און אַהיימגיין. איינער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— פונדערפרי אָן האָב איך נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט!

— איך אויך נישט.

— ס׳האַרץ איז מיר אַוועק.

— שטילער.

— מען גייט שוין ווידער מאַכן הספּדים?

— גענוג.

— וויפיל איז דער שיעור?

— לאָז שוין נעמען אַ סוף!

— נישט שיין.

— שאַ-אַ!

דער עולם אַ הונגעריקער, אַ מידער איז געשטאַנען אַרום דעם ארון, געהערט דעם הספּד, נישט געקענט צונויפקייטלען די ווערטער און געטראַכט, וואו אַריינצוגיין עפּעס איבערצובייסן. מאַדאַם פראַנק, אַ שמאָלע, אַ קליינע, איז נאָך קלענער געוואָרן. זי איז געשטאַנען איבערן אָפענעם קבר, געבראָכן די קליינע הענט און אָן כּוחות געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— אויף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט?...

די ערשטע טעג נאָך פראַנקס טויט האָט ס׳הויז נישט גערוט. יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַריינצוקומען, געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט איבער גלעזער טיי, ווי אַמאָל. אַזוי איז פאַרביי אַ וואָך נאָך אַ וואָך. מאַדאַם פראַנק האָט זיך געכאַפּט, אַז דער עולם הייבט אָן צו ווערן קלענער און קלענער, די וויזיטן זעלטענער. זי האָט געקענט אָפּזיצן אָוונטן איינע אַליין, געוואַרט אויף עמעצן און קיינער איז נישט געקומען. אַ טרויער-

האָט זיך פאַרקליבן אין די ליידיקע צימערן, אַרויסגעקוקט פון די ווינ־קעלעך, געשפּונען די שרעק פון עלטער.

מאַדאַם פראַנק איז געזעסן אין שוואַרצן בײַ אַ געגרייטן טיש, גע־ווען זיכער, אַז באַלד וועט עמעצער אָנקלינגען. זי האָט גערעדט מיט זיך אויפן קול, באַלד זיך פאַרגעסן און דער שמועס איז איבערגעגאַנגען צווישן איר און דעם מאַן.

דאָס ווייכע עלעקטרישע ליכט האָט געגלעט די טונקעלע טאַפּעטן און איר קליינע, געבויגענע פיגור האָט זיך געוויגט איבער דער וואַנט, אַנטקעגן געגאַנגען אַן אַלטיטשקן מיט דראָבנע טריט:

— וואָס זיצסטו עפּעס אַליין, מרים?

— אַז דו גייסט אַוועק אויף גאַנצע טעג.

— נו, נו, פּטור! אָט בין איך דאָך!

— אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט, אַלע... דו, די פריינט, אַלע... קיינער שמעקט נישט אַריין... שוין וואָכן אַזוי...

— אָט בין איך דאָך, מרים.

זי האָט פון שרעק אַ קוויטש געטון דאָס עלעקטרישע קנעפּל, וואָס אויף דער וואַנט און זיך איינגעהערט. זי האָט צונויפגעפלאָנטערט אין דער פינצטער די קנאָכן פון די קליינע הענט, געקוקט אויף זיי, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע, און געהערט ווי עמעצער קומט אַריין, רוקט זיך נענטער:

— ווער איז דאָרט?

— איך.

אַן אַלטיטשקער האָט זיך אַריינגעשאַרט, געבליבן שטיין אין מיטן צימער:

— וואָס עפּעס אין דער פינצטער, מאַדאַם פראַנק?

— גוט, וואָס איר זענט אַריינגעקומען, פּאַניע סעגאַל.

דער אַלטיטשקער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע:

— גוטן אָוונט!

זי האָט זיך אַ הייב געטון. דאָס שוועבעלע־פלעמל האָט געצי־טערט, אָפּגעדעקט אויף דער וואַנט איין שאָטן נאָכן צווייטן. דער אַלטיטשקער האָט זי אָנגענומען, באַרויקט:

— אַז איר זיצט שטענדיק אין הויז, ווייזט זיך נישט צווישן מענטשן... מען קען דאַך פון זינען אַראָפּ...

— אַז דו האָסט מיך איבערגעלאָזט אַליין...

— איך?

— יאָ, יאָ, שוין זעקס חדשים, ווי דו האָסט מיך איבערגעלאָזט אַליין, — האָט מאַדאַם פראַנק זיך געטוליעט צום אַלטיטשקן.

ס׳איז געוואָרן ליכטיק. אַ געבויגענע איז זי געשטאַנען אינמיטן צימער, זיך אָנגעשפאַרט אָן אַלטיטשקן, געציטערט, געבראָכן די דינע פינגער, זיך געבעטן:

— לאָז מיך מער נישט אַליין...

פון די ווינקעלעך האָט אַרויסגעקוקט אַ צער, געשפּונען די שרעק פון עלטער.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

## די ווערק פון י. אָפּאַטאָשו

אין צען בענדער:

**אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב** (נאָוועלן)

**אונטערוועלט** (נאָוועלן)

**היברו,** (ראָמאַן)

**אַליין** (ראָמאַן)

**לינטשעריי** (נאָוועלן)

**אין פוילישע וועלדער** (ראָמאַן)

1863, 2טער טייל פון דער טרילאָגיע „אין פוילישע וועלדער“ (ראָמאַן)

**אַרום די חורבות** (נאָוועלן)

**אויף זייטיקע וועגן** (נאָוועלן)

**ביאַנקע** (נאָוועלן)

פאָלקס ביבליאָטעק
סאסקאטון
ברענטש 252